STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08829

UMGEKUMENE YIDISHE KINSTLER IN POYLN

Jozef Sandel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף סאנדעל

אומגעקומענע יידישע קינסטלער אין פוילן

צווייטער באנד

דעם אָנדענק פון מיין מוטער **ברכה**, מיין ברודער **מאיר בן אביגדור**, מיינע שוועסטער **שרה,ביילע, אסתר, לאה׳־טשע**, וואָס זענען אומגעקומען פון די הענט פון די נאַצישע רוצחים אין קאָלאָמיי

באַמערקטע דרוק־פעלערן:

זייט	שורה	אנשטאָט	דארף זיין
באַנד 1			
36	2 פון אונטן	אָלשעווסקי	אָלשעוויטש
47	7 פון אונטן	מייסטער־טיטל	מייסטער־אטעליער
136	3 פון אויבן	ראָק	לאָדאָוויקאָ ראָקקאַ
152	6 פון אונטן	7 פעברואר	7 יולי
175	8 פון אויבן	1963	1863
181	5 פון אונטן	אויסבאהאלטן	אויפגעהאלטן
219	11 פון אויבן	דעמלט	פריער
באַנד 2			
101	8 פון אויבן	סקודליק	סקרודליק
101	17 פון אויבן	1935	1931

123 — נאָך דער 5 שורה דארף זיך לייענען: ...איז געווען א מלמד. מענדל רייף

יוסף סאַנדעל

אומגעקומענע ייִדישע קינסטלער אין פּוילן

צווייטער באַנד

JOZEF SANDEL

Żydowscy Artyści plastycy ofiary hitlerowskiej okupacji w Polsce

Tom II

Red. D. SFARD
רעדאַקטאָר: ד. ספֿאַרד

הילע געצייכנט: פּ. לעווין

Red. styl. H. GLIKSZTOK

סטיל.־רעד. ה. גליקשטאָק

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch“, Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 8431. Nakład 2000 egz. Papier rotogr. kl. III, 61x86, 120 g. Ark. wyd. 19
ark. druk. 22. Druk ukończono w listopadzie 1957 r.
Druk. RSW „Prasa”, Warszawa, Tarczyńska 8. B-90

פעליקס פרידמאַן

פעליקס פרידמאַן איז געבוירן געוואָרן דעם 14־טן מאי 1897 אין ווארשע. דער טראגישער גורל פון דעם דאָזיקן פעיקן קינסטלער און געזעלשאפטלעכן טוער האָט גורם געווען אזוי ווי ביי א סך אנדערע קינסטלער, אז ס'איז אוממעגלעך ארומצונעמען אים אַלזייטיק אַלס קינסטלער און מענטש. פרידמאַן איז ביז דער מלחמה נישט דערגאַנגען צום העכסטן פונקט פון זיינע שעפערישע מעגלעכקייטן. מ'קאָן זאָגן, אז אין דעם דאָזיקן קינסטלער האָבן זיך קאָנצענטרירט צוויי גרונטיקע מאָלערישע אייגנשאפטן, ער איז געווען אַ גלענצנדיקער קאָלאָריסט און גלייכצייטיק האָט ער איבערראַשט מיט זיין אויסערגעוויינלעכער טעכניק. אין די דאָזיקע קענטעגישן האָט ער דעריאָגט און אפילו איבערגעיאָגט נישט איין עלטערן פון אים קינסטלער מיט אַ לאַנגן סטאַזש. פעליקס פרידמאַן האָט אויך באַהערשט די פעדער, זיין פובליציסטישע טעטיקייט איז געווען אַזוי ווי אַ דערגענצונג צו זיין מאָלערישער אַרבעט.

פעליקס פרידמאַן האָט אין משך פון אייניקע יאָרן שטודירט אין פאריז, אָבער ער איז נישט ארונטערגעפאלן דער ווירקונג פון פאריז אזוי ווי אנדערע פוילישע קינסטלער. די קאָלאָריסטישע פאָרם פרידמאַנס האָט

אין זיך עפּעס הייסעס, דרומדיקס, אָבער דאָס איז וואַרשיינלעך ניכער אַן אָפּשפּיגלונג פון זיינע געפילן. ער גיט איבער זיינע שטימונגען און אינטערעסאַנטע קאָלאָריסטישע גאַמעס. זיינע בילדער אויף יידישע שטייגערטעמעס האָבן אַ זייער מאָדערניסטישן הינטערשלאַק. פעליקס פרידמאַן האָט זיך לגמרי נישט גערעכנט מיט דער מענטאַליטעט פון דעם הייבלבורזשואַזע מעצענאַטן, וועלכע זענען געווען לויט דעם דעמאָלט אָנגענומענעם מנהג די פּאַטראָנען פון די אויסשטעלונגען. פרידמאַן האָט געמאָלט מיט גרויס פּאַסיע, און די מאָטיוון זיינע האָט ער פאָרמירט לויט זיינע אייגענע קריטעריעס, אַזוי ווי ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן אַמריכטיקסטן.

אָבער אויך ער האָט כסדר געמוזט אַכטונג געבן ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין נאַטוראַליזם. פרידמאַן איז געווען באַקאַנט מיט די פאַרשידנסטע טעכנישע מעטאָדן אַזוי אויפן געביט פון מאָלעריי, ווי אויפן געביט פון גראַפיק. לויט דער טעמאַטיק איז פרידמאַן געווען סיי אַ גוטער פּייזאַזשיסט, סיי אַ שעפער פון קאָמפּאָזיציעס, סיי אַ פּאָרטרעטיסט. ער האָט געשאַפן אַ ריזיקע צאָל פּאָרטרעטן, וואָס וואָלטן געווען אַ ווערטפולער צושטייער צו דער פּאָרטרעטן־מאָלעריי, ווען ס'וואָלט געלונגען זיי אויפצוהאַלטן ביז איצט.

ער האָט געשאַפן אַ סך פּאָרטרעטן פון די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן פון זיין צייט. ער האָט דורכגעפירט אַ טיפן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון זיינע מאָדעלן און מיט דער הילף פון זיין פּענזל האָט ער געקאָנט גלענצנדיק אַרויסברענגען די געפילן און געדאַנקען פון דעם פּאָרטרעטירטן. דער קינסטלער האָט זיך פונדעסטוועגן נישט אָפּגעהאַלטן אונטערצושטרייכן אויך די נעגאַטיווע שטריכן פונעם מאָדעל, ער האָט געוויזן זיין ווילן זיך צו מאַסקירן, אַרויסצוהייבן זיך אאַז.

מ'קאָן זאָגן, אַז אין זיין נייגונג צו אַנאַליזירן האָט פרידמאַן געהאַט אין זיך עפּעס פון גאָיא, הגם אין דער מאָנאַציע איז ער נענטער געווען צו די אימפּרעסיאָניסטן. פרידמאַן איז געווען אַ טיפּישער קינסטלער — אַ רעוואָלוציאָנער. ער האָט אַ סך געזען, אַ סך דורכגעליטן. מיט זיין קאָמפּראָמיסלאָזיקייט האָט ער נישט איינמאָל אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער קינסטלער־וועלט. מען מוז למען האמת אונטערשטרייכן, אַז ס'איז אים קיינמאָל נישט געגאַנגען וועגן עפּעס אַ פּערזענלעכער סאַטיספאַקציע, ער האָט געקעמפט פאַרן וווּל פונעם גאַנצן קאָלעקטיוו פון זיינע חברים. ער איז געווען אַן אָרגאַניזאַטאָר פון אַ גרויסן פאַרנעם. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס עס האָט עקזיסטירט דער פאַרבאַנד פון יידישע פּלאַסטיקער

אין פוילן, איז ער געווען זיין פאָרזיצער. פרידמאַן האָט זיך געבונטעוועט קעגן דעם פאַטראָנאַט פון געוויסע בורזשואזע קרייזן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט שפילן די ראָל פון מעצענאַטן פון די קינסטלער. ער האָט גוט געוווּסט, אַז די טרייבקראַפט פון די דאָזיקע סנאָבן איז נישט געווען דער ווילן צו פאַראינטערעסירן זיך מיט דער קונסט אָדער מיט די קינסטלער, נאָר דער קרענקלעכער חשק אַ פינקל צו טאָן אַלס פאַטראָנען פון דער קונסט. ס'האָט דעריבער די קינסטלער גופא גאָרנישט געגעבן. די דאָזיקע מעצענאַטן האָבן אויסגעזוכט די מאָלער, וועלכע האָבן זיך זיי אויסגעוויזן פאַר די פעיקסטע, כדי זיך צו פאָטאָגראַפירן מיט זיי בעת די דערעפענונגען פון די אויסשטעלונגען, פעסטיוואַלן און בלויז פון צייט צו צייט פלעגן זיי אויך קויפן פאַר גראָשנס זייערע בילדער. דאַקעגן די אַנדערע קינסטלער, די נישט „מאָדישע", האָבן זיי אינגאַנצן נישט באַמערקט און פאַררוקט אין שאָטן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס צווישן זיי פלעגן זיך אָפט טרעפן זייער טאַלאַנטירטע.

ס'איז צו באַוווּנדערן, וואָס פרידמאַן, דער דאָזיקער לײדנשאַפטלעכער מאָלער, האָט געפונען צייט צו פאַרנעמען זיך מיט די ענינים פון דער געזעלשאַפט. ער האָט אָרגאַניזירט אויסשטעלונגען און האָט זיך אויך פאַרנומען מיט אויסבילדן יונגע קינסטלער, לערנענדיק זיי צייכענען אַ לעבעדיקן מאָדעל. חוץ דעם האָט ער אויך געשריבן רעצענזיעס וועגן די אַרבעטן פון יונגע טאַלאַנטירטע מאָלער-אָנפאַנגער. פרידמאַן האָט בכלל גענומען אַ לעבהאַפטן אָנטייל אין אַלע ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום קולטור-לעבן פון די ייִדן אין פוילן.

פעליקס פרידמאַן האָט דעביוטירט אַלס מאָלער אין יאָר 1918. ער האָט דעמלט אויסגעשטעלט אין דער וואַרשעווער זאַכענטע אַ סטודיום „דער זקן". אין יאָר 1924 האָט ער אין וואַרשע געהאַט זיין ערשטע גרויסע אויסשטעלונג. ס'האָבן זיך דאָרט באַוויזן פאָרטרעטן פון אַ ריי אָנגעזעענע ייִדישע פערזענלעכקייטן ווי: נאָמבערג, נח פרילוצקי, אַ גלענצנדיקער פאָרטרעט פון דעם באַקאַנטן זאַמלער מינץ, פון באַרימטן זינגער ווינאָגראַדאָוו, ווי אויך פונעם באַרימטן שוישפּילער קאַראָל אַדוועגטאָוויטש אין דער ראָל פון מהר"ל, קיאָווסקי אַלס גולם, דימאָווסקאַ אַלס דבורה, אַרקאַווין אַלס באָבע פון לייוויקס „גולם" און אָרלעסקאַ אין אַ סך קינסטלערישע קרעאַציעס. פרידמאַן האָט קאָרעספּאָנדירט מיט אַ סך פערזענלעכקייטן פון דער ליטעראַריש-קינסטלערישער וועלט וועגן פראַגן פון קונסט. אַ בריוו פון חיים נחמן ביאַליק, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ ריי באַמערקונגען וועגן

פראגן פון פלאסטישער קונסט, האָט פרידמאַן אוועקגעשאָנקען דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

פעליקס פרידמאַן האָט געוווינט און געהאַט זיין אַטעליע אין א בוידעם-שטיבל פונעם הויז אויף פשעיאזד, אין דעם זעלבן הויז, וווּ עס האָט זיך געפונען דער יידישער לערער-פאריין. אין דער דאָזיקער אַטעליע זיינער זענען געקומען צו אים אַ סך קינסטלער אין פאַרשידענע פערזענלעכע ענינים. פרידמאַן האָט ארויסגעוויזן א סך געדולד און האָט זיך פריינדלעך באצויגן צו יעדן חבר.

ס'פלעגט טרעפן, אז מ'האָט אים ממש פון דער סטאלוגע אוועקגעצויגן, כדי צו דערלעדיקן עפעס א דרינגענדיקן ענין. איינע פון די וויכטיקסטע אויפטוען פון פעליקס פרידמאַן איז געווען דאָס אָרגאַניזירן די יובליי-אויסשטעלונג פון פארבאנד פון יידישע פלאסטיקער אין וואַרשע אויף דלוגע 26 אין פעברואר—מערץ 1939. אין טאָג פון דער עפענונג האָבן הונדערטער מענטשן פארפולט די צאָלרייכע זאלן. אויף דער אויסשטעלונג זענען אויך געווען פאָרשטייער פון די פוילישע פּראָגרעסיווע קינסטלער-קרייזן. אין יענער צייט איז מיר אויסגעקומען זיך אָפט צונויפצוטרעפן מיט פרידמאַנען. ער איז געווען זייער מיד פון די צוגרייטונגען צו דער דאָזיקער אויסשטעלונג. איך האָב אים געראַטן, ער זאָל דעם זומער פארברענגען אין קוזמיר. פרידמאַן האָט ביז דעמלט נישט געקענט דאָס דאָזיקע מאָלערישע שטעטעלע, וועגן וועלכן ער האָט אזוי פיל געהערט. אזוי ווי איך האָב זיך דאָרט אויסגעקליבן צו פאָרן פריער, האָב איך אים צוגעזאָגט צו דינגען א צימער. און ווירקלעך, אין דער צווייטער העלפט פון יולי 1939 איז פרידמאַן אראָפּגעקומען קיין קוזמיר.

מיר האָבן דעמלט אָפט פארבראַכט צוזאמען. אין אָנהייב האָט קוזמיר נישט געמאַכט אויף אים קיין שטארקן איינדרוק. הגם ער האָט יעדן טאָג מיטגענומען מיט זיך סטאלוגעס און מאָלערישע מכשירים, פלעגט ער זיך מייסטנס אומקערן אהיים מיט פוסטע בליינטראַמען. ערשט אין דער דריטער וואָך פון זיין פאַרברענגען אין קוזמיר האָט פרידמאַן זיך צעוואָרעמט און האָט יעדן טאָג זייער פלייסיק געמאָלט. ער האָט אויך אָנטיילגענומען אין דער זומער-אויסשטעלונג פון די קינסטלער, וועלכע האָבן דעמלט פארבראַכט אין קוזמיר. ער האָט געמאָלט פייזאזשן פון דער אומגעגנט פון קוזמיר, ווי אויך פויערים-טיפּן.

הגם די טאָנאַציע פון די פארבן איז געווען א וויכטיקער עלעמענט

פון זיין קונסט, פלעגט ער פונדעסטוועגן פריער צייכענען די גרונטיקע קאָנטורן פונעם מאָטיוו. די ליניעס זענען דעריבער געווען אין זיין בילד עפּעס ענלעך צו א סקעלעט פון דער גאנצער סטרוקטור, די פארב דאַקעגן האָט אין איר אריינגעגאָסן בלוט. אויך די „שטיל־לעבנס“ זיינע, ווי אויך די פרוכטן און בלומען זענען נישט אנטשטאנען צוליב א קאפּריז פונעם מאָלער. אויך אויף דעם געביט פון שאפן איז דער הויפּט־פּרינציפּ פון קינסטלער געווען דאָס ארויסברענגען די אייגנארטיקייט פון יעדער זאך, איר זאפטיקייט און וויברירונג. פארברענגענדיק אָפט אין די דאָזיקע זומער־חדשים מיט פרידמאנען, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט אים צו אָבסערווירן ביי דער ארבעט. דעמלט האָב איך מיר ערשט אָפּגעגעבן א דין וחשבון, ווי פשוט מ׳קאָן אינטערפּרעטירן יעדע זאך און גלייכצייטיק אויסדרוקן דעם פולן אמת פון דער ארויסגעבראכטער טעמע. פּעליקס פרידמאן קאָן מען פאררעכענען צו די מאָלער, וועלכע ריכטן זיך אין זייער שאפן קודם־כל מיטן שכל. נישט קוקנדיק דערויף ווירקן זייגע איילבילדער וויזועל זייער האַרמאָניש און מוזיקאליש.

פרידמאן איז געווען א הויכער, א דארער מיט אן אסקעטיש פּנים. ער האָט זיך תמיד אָנגעשפּארט אויף א דין שטעקעלע א ביסל א צו לאנגס און צוליב דעם האָט ער עס געשטעלט קרום. פרידמאן איז געווען א שטענדיקער גאסט ביי די ליטעראטן און מען האָט אים אָפט געטראָפן אויף טלאָמאצקע 13.

ער האָט געקענט אלע ליטעראטן און א סך פון זיי האָט ער פארפיקסירט אין זיין סקיצביכל. אזוי־אַרום איז אנטשטאַנען אַ טעקע פון קאריקאטורן פון יידישע שרייבער, אקטיאָרן, מוזיקער און אויך פארשיידענע מאָלער, זייגע חברים. אינעם צייכענען, מער ווי אין דער מאָלעריי האָט פרידמאן ארויסגעוויזן א נייגונג צו קאָמביגירן. ער האָט גערן געלאָזט דאָ פריי זיין פאנטאַזיע. זייגע מאסקעס זענען געווען אויסערגעווייגלעכע אין זייער דינאמישער עקספּרעסיע.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז פרידמאן, אינדערהיים און אויף דער גאס, געווען א מענטש א באשיידענער און ס׳איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אז ער פארמאָגט אזויפיל ענערגיע און פאנטאזיע. ער האָט זיך נישט געהאלטן ביי קיין שום טעאָריעס. ער האָט זיך געריכטעט אויסשליסלעך מיט עפּעס א שטארק מענטשלעך געפיל און ער איז אימשטאנד געווען זיך איינגאנצן אָפּצוגעבן דעם קאמף פאר א גערעכטער זאך. ער האָט איבערגעריסן מיט דער בורזשואזער יידישער געזעלשאפט צו פאר־

שפּרייטן קונסט, הגם ער איז פריער געווען א מיטגליד פון דער פארוואלטונג פון דער דאָזיקער געזעלשאפט. ער האָט נישט געקאָנט מסכים זיין מיט דעם, וואָס מ'פלעגט דאָרט אויסמיידן אזעלכע קינסטלער, וועלכע האָבן אין זייער שאפונג ארויסגעבראכט סאָציאלע טעמעס.

פרידמאן איז געווען א סטאבילער מיטגליד פון דער זאכענטע. ער האָט דעריבער געהאַט רעכט אויסצושטעלן אין די זאלן פון דער געזעלשאפט. אין די לעצטע יאָרן פאר דער מלחמה האָט ער דעמאָנסטראטיוו רעזיגנירט פון זיין פריווילעגיע און נישט צוגעשיקט זיינע בילדער אויף די אויסשטעלונגען צוליב דער אנטיסעמיטישער איינשטעלונג פון דער דעמאָלטיקער פארוואלטונג פון דער זאכענטע.

אין יאנואר 1937 האָט פרידמאן פארעפנטלעכט אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ אן ארטיקל א.ג. „5% נאָרמע פאר יידן אין איפּס“, וועלכער האָט זיך דעמאָלט גערעכנט פאר די ליבעראַלסטע אויסשטעלונגס-אינסטיטוציע. אין דעם ארטיקל האָט פרידמאן געשטעמפּלט די דיסקרימינאציע-פּאָליטיק, וואָס איז אָנגעווענדעט געוואָרן לגבי די יידישע קינסטלער, וועלכע האָבן ביז אהער געהאַט א פרייען צוטריט צו די אויסשטעלונגען. פעליקס פרידמאן האָט ארויסגעוויזן אי אלס מענטש, אי אלס קינסטלער א פעסטן כאראקטער און א סך ווירדע. עס איז ווערט צו דערמאָנען א געוויסן אינצידענט, וועלכער איז פאָרגעקומען אין קוזמיר א פאָר וואָכן פארן אויסברוך פון דער מלחמה. מיר זענען געזעסן מיט פרידמאנען אין א קאַוויארניע ביי א גלעזל טיי, ווען אין זאל איז אריינגעפאלן א קליין יינגל, א צייטונגס-פארקויפער מיט יידישע צייטונגען. ביים שכנותדיקן טיש איז געזעסן איינער פון די זיידענבייטעלס. ווען דאָס יינגל האָט פאָרגעלייגט זיידענבייטלען א צייטונג, האָט יענער אויף אים אָנגעשריען, זאָגנדיק, אז אזא שפּראך (יידיש) פארשטייט ער נישט. דעמאָלט האָט דער אויפגעבראכטער פרידמאן זייער שטארק רעאגירט דערויף. ער האָט זיך הויך געוואָנדן צו מיר (כדי יענער זאָל הערן) מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „מאָרגן נעם איך אָפּ פון דער אויסשטעלונג מיין בילד“ (פרידמאנס בילד האָט אויף דער זומער-אויסשטעלונג, מיט וועלכער איך האָב אָנגעפירט, צופעליק געהאָנגען נעבן דעם בילד פון זיידענבייטלען).

עס איז אָנגעקומען סעפּטעמבער 1939. שוין די לעצטע טעג אויגוסט זענען געווען זייער דענערווירנדיקע, איבער אונדז האָט געהאָנגען א געשפּענסט. איך האָב צוגערעדט פרידמאנען, ער זאָל זיך אומקערן קיין ווארשע, ווייל ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט אן אלטע מוטער. די פריד-

מאַכס זענען אַרויסגעפֿאָרן פֿון קוזמיר. וועגן ווײַטערדיקן גורל פֿון פֿרידמאַנען בין איך געוווירער געוואָרן ערשט נאָך דער מלחמה. אינעם בוך פֿון יאָנאַס טורקאָוו „חורבן וואַרשע" גיט ער אָן, אַז ער האָט געטראָפֿן פּעליקס פֿרידמאַנען אין אָטוואָצק און אַז ער צוזאַמען מיט נאָך איניקע מענער זענען זיי אַוועק אין דער ריכטונג פֿון גאַרוואָלין. צוקוקנדיק צו דעם דאָזיקן שטעטל, וואָס האָט געברענט פֿון די באָמבעס, וואָס די דײַטשן האָבן געוואָרפֿן, האָבן זיי באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין אָטוואָצק. פֿרידמאַנען האָט מען אויפֿן צוריקוועג געטראָגן אויף די הענט, אַזוי שטאַרק האָט ער זיך אָפּגעריבן די הויט פֿון די פֿיס. שפּעטער איז פֿרידמאַן אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַרשעווער געטאָ, דאָ האָט ער געאַרבעט אין דער ייִדישער קולטור-געזעלשאַפֿט („איקוף") און ווי לאַנג זײַן געזונט האָט אים נאָר דערלויבט, האָט ער אָנטיילגענומען אין אַלע קולטור-אימפּרעזעס, וועלכע זענען אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין געטאָ. ער האָט אויך געשאַפֿן אַ בך צײַכענונגען וועגן דער ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע אין וואַרשעווער געטאָ. צוזאַמען מיט שמחה טראַכטערן און מאַקס עליאָוויטשן האָט ער געמאָלט אויף דער וואַנט פֿון דעם רעפּרעזענטאַציע-זאַל פֿון דער ייִדישער קהילה דאָס פֿרעסק-בילד „איוב". פֿון הונגער און דערשעפּונג איז פֿרידמאַן קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט. לויט דעם עדות-זאָגן פֿון רחל אויערבאַך, וועלכע האָט זיך אויך געפֿונען אין געטאָ, האָט מען בעת דער „אויסזידלונג" געצוווּנגען צו גיין אויפֿן „אומשלאַג-פּלאַץ" אַלע קראַנקע, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין שפּיטאָל ווי אויך דעם גאַנצן פּערסאָנאַל. די קראַנקנשוועסטער, וועלכע איז אומגעגאַנגען בײַ פֿרידמאַנען, האָט פֿאַרן פֿאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל אים געגעבן אַ שטערבלעכע אײַנשפּריצונג, כּדי אים אײַנצוברענגען די לעצטע פּײַן.

אברהם פרידמאַן און זיין פרוי גינא (האַלפּערן)

איך שרייב וועגן זיי ביידן צוזאַמען — ווייל איך האָב זיי תמיד געזען צוזאַמען ווי אַן אידעאַל זיך ליבנדיק פּאָרפאָלק. אין משך פון אַ געוויסער צייט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צונויפצוטרעפן מיט זיי נענטער און זיך צוקוקן צום לעבן פון די דאָזיקע צוויי קינסטלער. נישט איין מאָל האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט זיי צו אָבסערווירן ביי דער אַרבעט און אין די באַדינגונגען פון טאָגטעגלעכן לעבן. ביידע זענען געווען מאָלער. אין לעבן האָב איך געטראָפן פאַרשידענע קינסטלער. טייל זענען אַוועק אויף אַ ריכטיקן וועג, אַנדערע ווידער האָבן, אונטערן איינפלוס פון פרעמדע ריכטונגען, פאַרלוירן דעם הויפּטציל און זענען אַוועק אויף פאַלשע וועגן. אַברהם און גינאַ זענען געווען מענטשן מיט פעסטע כאַראַקטערן און האָבן געגלויבט אין אַ בעסערן מאָרגן פאַרן אַרבעטס־מענטש. זיי האָבן געאַרבעט אויפריכטיק און אומדערמידלעך, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די באַדינגונגען, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט, זענען נישט תמיד געווען פאַר זיי גינסטיקע. זיי האָבן טראָץ דעם געפונען גענוג כוחות צו שאַפן אַלץ שענערע, אידעאַלערע ווערק.

דער וועג צו דער קונסט ביי אברהם פרידמאַן זעט אויס ווי עפּעס אַ פאַנטאַסטישע פּאַסירונג. זיין לעבן קאָן דינען פאַר אַ ביישפּיל, וויאַזוי אַן אמתער טאַלאַנט קאָן זיך דורכשלאָגן אַ וועג אין לעבן און געווינען אָנערקענונג טראָץ די שווערע נישט גינסטיקע באַדינגונגען, הגם ביי דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג האָט געפעלט ממש אַ האָר, אַז ער זאָל פאַרלוירן גיין.

ווען אַברהם איז נאָך געווען אַ יונגער בחור, האָט דער פאָטער זיינער באַשלאָסן אים אָפּצוגעבן אויף דער לער צו אַ שניידער. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז הגם אַברהם האָט פון קינדווייז אָן ליב געהאַט צו צייכענען, האָט ער דאָך גערן זיך פאַרנומען מיט נייען, ער פלעגט נאָר מער שווייגן ביי דער אַרבעט, ווי די איבעריקע חברים זיינע. ווען ער פלעגט אויפהייבן דעם קאָפּ פון דער אַרבעט, פלעגט ער לאַנג זיך איינקוקן מיט זיינע שוואַרצע

בלישטשעדיקע אויגן אין עפּעס אזויגס, וואָס נאָר ער האָט עס געזען. אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, פלעגט ער אַליין, וואָס ער האָט געזען, איבערטראָגן אויפן פּאַפּיר. אין דעם הויז, וווּ עס האָבן געוווינט די פרידמאַנס, האָט מען זייער גוט געקענט דעם קליינעם אַבראַמעקן. נישט איינמאָל פלעגט מען אים מוזן אַראָפּטרייבן פון די שטיגן, ווייל ער פלעגט פאַרשמירן מיט צייכענונגען אַלע טירן פון די שכנותדיקע וווינונגען. אַלס אַ 15—16־יאָריקער בחור, זייענדיק נאָך אינעם שניידער־וואַרשטאַט, פלעגט ער שוין שאַפן ערנסטע צייכענונגען, אָפט קאַריקאַטורן פון אַלע באַקאַנטע און חברים.

די פרידמאַנס האָבן געוווינט אויף נאָוואָליפּיע גאַס. וועגן אַבראַהאַמס צייכענונגען זענען געווויר געוואָרן אייניקע פּראָפעסאָרן פון דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע און איינער פון זיי האָט זיך אַפילו אויסגעקליבן צו זיי אַהיים, כדי צוצורעדן דעם פאָטער ער זאָל זיין זון דערלויבן צו שטודירן אין דער אַקאַדעמיע. אין אָנהייב איז עס אים נישט אָנגעקומען לייכט, דאָך האָט אַבראַהאַם סוף כל סוף באַקומען די הסכמה פון פאָטער און איז אָנגענומען געוואָרן אין דער אַקאַדעמיע. גלייכצייטיק האָט ער זיך געגרייט צו באַלייגן אַן עקסטערנעם עקזאַמען פאַרן קורס פון אַ מיטלשול. ווען ער האָט באַלייגט דעם עקזאַמען און באַקומען די רייפקייט־צייגעניש, האָט ער זיך איינגעאָרדנט אין יידישן אַקאַדעמישן הויז. בעת זיינע שטודיעס אין דער אַקאַדעמיע האָט ער באַקומען אַ ריי אויסצייכענונגען און אַ סטיפּענדיע. חוץ דעם האָט אַבראַהאַם פרידמאַן געהאַט זיין מעצענאַס. דאָס איז געווען אַ באַקאַנטער וואַרשעווער דענטיסט, אַ געוויסער לעמבערגער.

פרידמאַנס מאָלעריי איז געווען פריש, זאַפטיק, אַזוי ווי דער קינסטלער וואָלט געטונקען זיין פּענזעל אין אַ טיפן ריינעם קוואַל. זיינע בילדער דאָס זענען געווען פאַרבן־סימפאָניעס. ער האָט געמאָלט אַנדערש ווי זיינע חברים, ער איז געווען מער אומטיטלבאַר, נישט אַקאַדעמיש, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט פונקט ווי די איבעריקע חברים זיינע דורכגעמאַכט די זעלבע אַקאַדעמישע שטודיעס. זיינע בילדער האָט פרידמאַן געפלאָכטן פונקט ווי אַ שפּין, וואָס פלעכט זיין סובטעלער נעץ. אַליץ האָט אין זיי געשפּילט, אַליץ איז געווען האַרמאָניש צוגעפּאַסט, זייער נאַטירלעך און פּשוט.

אין דער מאָלערישער שאַפונג פון פרידמאַנען קאָן מען געפינען אַ געוויסע קרובהשאַפט מיט דער מאָלעריי פון רענואַרן, הגם דער קלימאַט, אין וועלכן ס'האָט געלעבט און געשאַפן פרידמאַן, איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדערער ווי דער, אין וועלכן ס'האָט געשאַפן דער פראַנצויזישער מייס=

טער. דאָס איז אָבער לחלוטין נישט געווען קיין ווילן נאָכצומאַכן רענואַרן. אברהם פרידמאַן האָט זיינע בילדער געבויט אייגנאַרטיק און די פאַרבן פון זיין פּאַלעטע האָבן זיך אַזוי ווי אָנגעצינדן פון זיין טעמפּעראַמענט.

מיט אברהם פרידמאַנען האָב איך זיך באַקענט אין ווילנע אין יאָר 1937. ער האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ רייזע קיין פראַנקרייך און איטאַליע. דאָס האָט ער דערגרייכט אַדאַנק דער סטיפּענדיע וואָס ער האָט באַקומען אין דער אַקאַדעמיע. ווען מיר האָבן זיך באַקענט, איז ער שוין געווען צוזאַמען מיט גינען. — זי — אַ הויכע, שלאַנקע, אַ סך אַ העכערע ווי אַברהם — האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ באַשיידענע שילערין פון איר מאַן. טאָג־טעגלעך, נישט קוקנדיק אויפן וועטער, אַפילו אין שנייאיקע ווינטערטעג, האָבן אַברהם און גינע זיך אַרויסגעלאָזט אין פלענער, טראָגנדיק מיט זיך סטאַלוגעס, בליימראַמען און קעסטלעך מיט פאַרבן. נישט קיין רעגן, נישט קיין שטורעם האָט זיי אָפּגעשראָקן. דעם באַשטימטן סכום אַרבעט האָבן זיי זיך תמיד באַמיט אויסצופירן אַפילו ווען ס'האָט זיך פאַרצויגן ביז ביינאַכט, און בלויז דעמלט ווען ס'פלעגט פינצטער ווערן, פלעגן זיי זיך אומקערן אַהיים, טראָגנדיק מיט זיך די בילדער, וואָס זענען נאָך נאַס געווען פון די פרישע פאַרבן. אַברהמס בילדער פונעם ווילנער פעריאָד זענען געווען אויסגעפירט געוויסנהאַפטיק, ערנסט, האָבן פאַרמאָגט אַ רעאַליסטישן הינטערגרונט און אַ שטאַרקע דינאַמישע קאָלאָריסטיק. אברהם פרידמאַנען קאָן מען פאַררעכענען צו די קינסטלער־אינטעלעקטואַליסטן. אין דעם ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן האָט ער געשטרעבט צו מאָלן רעאַליסטישע בילדער, דערביי האָט ער נישט רעזיגנירט פון פולבלוטיקע פאַרבן. וווינענדיק אין אַקאַדעמישן הויז, האָט פרידמאַן אָרגאַניזירט אַ גרופּע יונגע קאָמוניסטן, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „מעטלער“. צו דער דאָזיקער גרופּע האָט ער אויך צוגעצויגן זיין ייִנגערן ברודער זיגמונט.

אַברהם פרידמאַן האָט אָפט אויסגעשטעלט זיינע בילדער אין דער יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרקויפן וועלכעס איז פון זיינע בילדער. אין יאָר 1930 שטעלט פרידמאַן אויס אין דער וואַרשעווער זאַכענטע זיינע גראַפישע אַרבעטן, אָרנאַמענטן, וואָס זענען געבויט געווען פון סטיליזירטע פייגל. ס'איז אינטערעסאַנט די מיינונג פון דעם גרויסן פּוילישן מאָלער טימים משיזשעווסקי (געדרוקט אין „וויעטשור וואַרשאַווסקי“, דעם 28 פעבריאַר 1938), נאָך דעם ווי ער האָט באַזוכט די אויסשטעלונג פון דער יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט, וועגן וועלכער ער האָט

אַנב אורחא נישט איבעריק גיכסטיק זיך אַרויסגעזאָגט. וועגן אברהם פרידמאַנס בילדער שרייבט ער: „איך האָב פונדעסטוועגן דאָ באַמערקט אייניקע גוטע לייוונטן... „די וועשינס“ פון פרידמאַן. אין דעם זעלבן יאָר האָט מיכאַל ווייכציער געשריבן אין „גאַש פשעגלאָנד“: „עס איז ווערט זיך אָפּצושטעלן אויף אברהם פרידמאַן, וועלכער אַנטוויקלט זיך שנעל. דער קינסטלער פאַרמאָגט טאַלאַנט, אַ געפיל פאַר דער שפיל פון דער פאַרבן־פאַקטור. ער איז אָבער צו ווייניק זעלבשטענדיק. די איצטיקע בילדער זאָגן עדות וועגן איינפלוסן פון וואַלישעווסקין און די קאַפיסטן.

ביזן אויסברוך פון דער מלחמה האָט אברהם פרידמאַן געשאַפן אינגאַנצן זעלבשטענדיק. זיינע באַגריפן וועגן פלאַסטיק זענען געווען מער זאַכלעך און רעאַלער ווי ביי די קאַפיסטן. ער האָט געמאָלט דעם פוילישן פייזאַזש מיט אַ סך פאַסיע. ער האָט ליב געהאַט זאַקאָפּאַנע, די אַלטע היםטאָרישע שטאָט טרעמבאָוולע, וועלכע ער האָט גערן געמאָלט. ער האָט ליב געהאַט דעם פוילישן וואַלד און לאָנקעס, דאָס גערויש פון די ביימער אין האַרבסט. צוויי חדשים פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה האָבן „די סיגנאַלן“ אָפּגעדרוקט אַ רעצענזיע פון לעאָן סטראַקון וועגן אַברהם פרידמאַנס בילדער, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין דער יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפרייטן קונסט. ער שרייבט: „וועגן פרידמאַנען האָב איך נישט איינמאָל געשריבן, די נישט דורכשניטלעכע מעגלעכקייטן פון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן מאָלער האָבן זיך אַנטפּלעקט אין זייער גאַנצן פאַרנעם ערשט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איצטיקער אויסשטעלונג. פרידמאַנס מאָלעריי בינדט אָן דורך רעגוּאַרן אין די בעסטע טראַדיציעס פון פראַנצויזישן פּאָסטאימפּרעסיאָניזם אונטערן צייכן פון דער פּאַריזער שול. אַלס קאָלאָריסט באַנוצט זיך פרידמאַן מיט אַ באַגרענעצטער סקאַלע פון גרונטיקע פיגמענטן, מיט וועלכע ער דערגרייכט זייער סובטעלע, ראַפינירטע עפעקטן“.

גינע, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט אים אין די לעצטע יאָרן תמיד באַגלייט בעת זיינע אויספלוגן אויפן פלענער. דאָך האָט יעדער פון זיי געמאָלט פאַר זיך, יעדער האָט אויף זיין אופן געלייזט די מאָלערישע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן זיך אַרויסגערוקט. גינע פלעגט פונדעסטוועגן בעטן אברהמען ער זאָל אָפּשאַצן און קאָרעגירן אירע אַרבעטן. ער איז געווען איר לערער. ס'איז אים קיינמאָל נישט געלונגען צוצורעדן גינען, זי זאָל מיר ווייזן אירע אַרבעטן. ווען ס'פלעגט זיך פונדעסטוועגן טרעפן אַמאָל, אַז מיר זענען אַליין געווען מיט אברהמען אינדערהיים, פלעגט ער מיר

אין געהיים וויזן אייניקע אַרבעטן פון זיין ווייב. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער האַרמאָניע און עפּעס אַ קינדערישן רעאַליזם. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ שטאַרקן אויסדרוק. ס'האָט זיך געפילט, אַז גינע זאַפּט גיריק איין אין זיך אַלץ, וואָס איז שיין, און הגם זי האָט זיך באַצויגן מיט גרויס אַכטונג צו איר מאַנס שאַפונג, האָט זי אים נישט קאָפּירט. אין סעפּטעמבער 1939 איז פרידמאַנען געלונגען זיך אַריבערצוקריגן קיין ביאַליסטאָק. דאָ האָט פרידמאַן אַנטוויקלט זייער אַ לעבהאַפטע טעטיקייט. די אַרבעטן פון אברהמען און גינען זענען אויסגעשטעלט געוואָרן צוזאַמען מיט די בילדער פון די ווייסרוסישע פּלאַסטיקער אין ביאַליסטאָק און מינסק. אברהם פרידמאַן האָט געאַרבעט אַלס לעקטאָר אינעם מאָלער־סטודיאָ ביים הויז פון פאָלקס־שאַפונג אין ביאַליסטאָק. אין דעם פּעריאָד איז ער דערגאַנגען צו אַ מער לעזבאַרער רעאַליסטישער פאָרם. ער האָט באַקומען באַשטעלונגען אויף פּאָרטרעטן, ער האָט אָבער ווייטער פאָרגעזעצט זיין פּייזאַזש־מאָלעריי. אין יענער צייט האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער צו שאַפן גרויסע קאָמפּאָזיציעס. איינע פון די דאָזיקע אַרבעטן זיינע איז געווען זיין בילד אויף דער טעמע „דאָס פאָלק באַוואָפנט זיך“. דאָס דאָזיקע בילד האָט געזאָלט אָנהייבן אַ נייע ווענדונג אין אברהם פרידמאַנס שאַפונג.

ס'איז געקומען דער יוני 1941. פרידמאַנען איז נישט געלונגען צו עוואַקואירן זיך פון ביאַליסטאָק. אין ערשטן חודש פון דער אָקופּאַציע איז אברהם פרידמאַן דערשאָסן געוואָרן אויף דער גאַס אין ביאַליסטאָק דורך אַ גרופּע געסטאַפּאָווצעס. גינע האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן גיהנום פון ביאַליסטאָקער געטאָ. זי האָט געשטיקט אין זיך דעם ווייטיק נאָכן פאַרלירן איר מאַן און טייערסטן פריינד. זי ווערט איינע פון די דרייסטסטע קעמפערינס פון געטאָ. איינמאָל, אומקערנדיק זיך פון דער אַרבעט, איז איר געלונגען אַדורכצושמוגלען אַ געלאָדענעם נאַגאַן. זי האָט אָנטיילגענומען אינעם אויפשטאַנד פון ביאַליסטאָקער געטאָ. איינשטעלנדיק דאָס לעבן, האָט זי זיך באַוויזן אומעטום, וווּ ס'איז נייטיק געווען איר הילף. שוין צום סוף פונעם אויפשטאַנד האָבן די פריינד מיט איר איינגעטענהט זי זאָל זיין פאַרזיכטיקער. ס'איז מעגלעך, אַז איר וואָלט געלונגען זיך אָפּצוראַטעווען, אָבער זי האָט נישט געוואָלט לעבן, כדי צו אַרבעטן פאַר די דייטשן. זי איז אומגעקומען אין בליענדיקן עלטער פון 33 יאָר.

די בילדער פון אַברהם פרידמאַן געפינען זיך אין וואַרשעווער נאַציאָנאַלן מוזיי, ווי אויך אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע.

שמעון פּיאַסעצקי

שמעון פּיאַסעצקי איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש דעם 5 נאָוועמבער 1910. זיין פאָטער איז פון פאַך געווען אַ היטלמאַכער. זיינע קינדער־יאָרן האָט דער קינסטלער פאַרבראַכט אין זייער שווערע באַדינגונגען. צוליב זיין ביטערן פּראָלעטאַרישן גורל זענען אַ סך זאַכן, וואָס פאַר אַנדערע זענען זיי פולשטענדיק נאָרמאַלע, פאַר שמעונען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּראָבלעמען נישט בייצוקומען. דער טאַלאַנט פרעגט אָבער נישט ביי וועמען ער דאַרף געבוירן ווערן. שמעון גיט אָפּ יעדע פרייע מינוט אויף צייכענען. ער צייכנט, נישט קוקנדיק אויף קעלט אין הונגער, ער צייכנט אין דער היים און אין שול, בעת דער פּויזע, ווען אַנדערע קינדער פּלעגן שטיפן אויפן הויף. ווען דער טאַטע דאַרף אים האָבן צו דער אַרבעט, פאַרהאַלט ער אים אין שטוב. שמעון לערנט זיך אַליין צו, לייענענדיק מיט התמדה און שטודירנדיק קונסט־ווערק. סוף־כל־סוף געלונגט אים דורכצוברעכן אַ סך שוועריקייטן און אָפּצופאָרן קיין קראָקע. ער ווערט אָנגענומען אַלס אויסערגעוויינלעכער צוהערער אין דער קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע און שטודירט דאָ אין די יאָרן 1928—1932 ביים פּראָפעסאָר יאַראָצקי און שפּעטער ביים פּראָפעסאָר פרידעריק פּאַוטש. דאָס זענען געווען די צייטן פון שטאַרקער פאַשיזאַציע פון לאַנד, די צייטן פון דער סאַנאַציע־רעגירונג און ווולגאַרן אַנטיסעמיטיזם.

פרידעריק פּאַוטש האָט נישט באַוויזן איינצוהאַלטן אַן אָביעקטיווע שטעלונג, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּעדאַגאָג פון אַ העכערן לערן־אַנשטאַלט. חוץ דעם איז דאָס געווען אַ מענטש מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער. שמעון פּיאַסעצקי דאַקעגן איז געווען אַן אָנהענגער פון דער קאָמוניסטישער אידעע. ס'איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס דער דאָזיקער יידישער סטודענט איז געווען אַרומגערינגלט מיט שונאים. מ'האָט אים שפּיאָנירט און פאַראומערט דאָס לעבן, אויף טריט און שריט. פון דער אַקאַדעמיע האָט

פּיאַסעצקי וויניק געגאָסן. דער פּראָפעסאָר פּאוטש איז געווען אַן אַקאַדעמיקער. די פאַרבן פֿון זײַנע בילדער זענען געווען ברוטאַלע און זײַער טעמאַטיק איז אויך געווען נישט קיין פּאַרטיפּטע. מיט יאָרן צוריק האָט ער פֿון ווילהעלם דעם צווייטן באַקומען די פּראָפעסור אויף דער אַקאַדעמיע פֿון אַמאָליקן ברעסלאַו און זײַן גאַנצע שאַפונג האָט געטראָגן אַ דײַטשן כאַראַקטער. פֿון אַזעלכע „הויכן" האָט זיך דער דאָזיקער פּראָפעסאָר באַצויגן אויך צו זײַנע שילער אויף דער קראָקעווער אַקאַדעמיע.

שמעון פּיאַסעצקי האָט געטרוימט וועגן אַ צווייטער וועלט, אַ וועלט פֿון געזעלשאַפטלעכן יושר און האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז די אַקאַדעמיע, וווּ ער וועט פֿאַרפֿולקומען זײַן טעכניק, וועט אים העלפֿן זײַנע אידעען צו פֿאַרקערפּערן אין קינסטלערישע בילדער. אָבער זײַנע רעאַקציאָנערע חברים האָבן אים געשטערט צו פֿאַרווירקלעכן זײַנע טרוימען און האָבן אים סוף-כּל-סוף איבערגעגעבן אין די הענט פֿון דער פּאָליציי אַלס געפֿערלעכן קאָמוניסטישן אַגיטאַטאָר. אַזוי אַרום איז דער דאָזיקער טרוימערישער קינסטלער, וואָס האָט געשטרעבט צו אַ יושרדיקער וועלט און צו אמתע קונסט, אַרײַנגעפֿאַלן אין די באַרימטע לעמבערגער „בריגידקעס" (תּפֿיסה). ער האָט זיך נישט איבעריק איבערגענומען מיט דער אומגערעכטיקייט, וואָס איז מיט אים געשען. אויך אין דער תּפֿיסה האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו גלייבן, אַז ס'וועט קומען אַ צײַט, אַז מענטשן וועלן אויפֿהערן צו פּייניקן די שוואַכערע און אַז דער יושר וועט זיגן אויף דער גאַנצער וועלט.

שמעון פּיאַסעצקי איז גיכער געווען אַ קינסטלער, ווי אַ פּאָליטיקער. ער האָט געהערט צו דעם מאָפּ"ר, ווײַל ער האָט געהאַלטן, אַז יעדער אָרנטלעכער מענטש דאַרף קעמפֿן קעגן די, וואָס רויבן צו בײַ זייערע נאָענטע די פֿרוכטן פֿון זייער אַרבעט. שמעון פּיאַסעצקי האָט געהערט צו דער אַזוי גערופֿענער קראָקעווער גרופּע, וואָס האָט געקעמפֿט נישט נאָר פֿאַר הייבן די וואַלאָרן פֿון דער קונסט, נאָר פֿאַרן אײַנשליסן אין איר אויך אַקצענטן פֿון קלאַסן-קאַמף. צו דער דאָזיקער גרופּע האָבן אויך געהערט די באַקאַנטע קינסטלער און טעאָרעטיקער פֿון קונסט, ווי דער פּראָפעסאָר פֿון לעמבערגער אוניווערסיטעט, לעאָן כווישטעק, ווי אויך די קינסטלער: שוואַנענפֿעלד, סאַשע בלאָנדער, יאָנאַס שטערן, יערעמיאַנקאָ, הענריק וויטשינסקי, לעאָפּאָלד לעוויצקי און סטאַניסלאַוו אָסאָסטאָוויטש (וועלכער איז אומגעקומען בײַם אויפֿרייס פֿון איינער פֿון די ערשטע באָמבעס, וועלכע די היטלעריסטן האָבן געוואָרפֿן אויף וואַרשע).

אין יאָר 1938 האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אויף פּיאַסעצקיס בילדער אויף דער וואַרשעווער אויסשטעלונג. דאָס זענען געווען נאַטור־בילדער, וועלכע ס'האָט געמאָלט אַ מענטש אַן אָפּטימיסטישער, פֿול מיט פֿרייד. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערער בילדערישער קראַפֿט. דאָס, וואָס איך האָב געזען, איז נישט געווען קיין ביליקע, אָנגעבלאָזענע מאָלעריי. אין זיינע בילדער האָט זיך געמערקט אַ שפּאָרזאַמקייט פֿון מאָלערישע מיטלען און די אוממיטלבאַרקייט און לעזבאַרקייט זענען אין זיי פֿאַרבונדן געווען מיט אַ כמעט וויסנשאַפֿטלעכער פּינקטלעכקייט. אין אַ סך בילדער פּיאַסעצקיס פֿילט זיך אַ שטאַרקע טעאָרעטיזירונג און אַ שטרעבונג צו לעזן געוויסע פּראָבלעמען מיט דער הילף פֿון פּלאַסטישע מיטלען.

פֿון די דאָזיקע אַרבעטן זיינע פֿילט זיך ארוים ווי שטאַרק ער איז געווען אונטערן איינפֿלוס פֿון מאַטיסעס מאָלעריי און אַפּילו פֿון פּיקאַסאָ און לעזשער. פּיאַסעצקיס בילדער שפּיגלען אָפּ די אינערלעכע שטורעמס פֿונעם קינסטלער, וועלכער האָט זיי געוואָלט איינשטעלן מיט דער הילף פֿון געאָמעטרישע פֿיגורן, שטאַרק קאָנטראַסטירנדיקע קאָלירן גיסן זיך דורך איבער דעם פֿלעק פֿון בילד ווי אַ שטורעם. פּיאַסעצקי האָט אַ סך עקספּערימענטירט סיי אין דער צייכענונג, סיי אויפֿן לייוונט, באַמיענדיק זיך נישט איין אָריגינעלן איינפֿאַל אויסצודריקן אין פּלאַסטישע עלעמענטן. גישט קוקנדיק אויף זיין נייגונג צו מאָדערניזם, האָט פּיאַסעצקי תמיד געזוכט מאָטיוון, וואָס זאָלן קאָנען דינען צום גונסטן פֿונעם אַרבעטער־קלאַס.

אין נאָוועמבער 1939 האָב איך זיך באַקענט מיט פּיאַסעצקין אין לעמבערג. אין דער זעלבער שטאָט, וו ער איז אַמאָל אָפּגעזעסן אין תּפֿיסה אַנדערטהאַלבן יאָר. דער דאָזיקער רואיקער מענטש מיט גראָע שוין דעמלט האָר, אָבער יונגע אויגן פֿון אַ קינד, איז געווען ענטוזיאַסטיש געשטימט, גלויבנדיק, אַז עס איז געקומען די אויסגעטרוימטע צייט, ווען ער וועט קאָנען רעאַליזירן זיינע פּלענער. ער האָט אויסגעשטעלט זיינע בילדער אין לעמבערג, זיי זענען אויך אַוועק קיין מאָסקווע און כאַרקאָוו. ער האָט דעמלט געמאָלט אין אַ פֿריידיקער שטימונג, האָפֿנדיק, אַז ס'קומט אָן אַ נייַ, שיין לעבן.

ווען די היטלעריסטישע אַרמיי איז אָנגעפֿאַלן אויפֿן ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט פּיאַסעצקי זיך געמאָלדן אין דער רויטער אַרמיי. ער איז אומגעקומען אין קאַמף מיטן היטלעריסטישן אַגרעסאָר.

משה פּסאַכים

משה פּסאַכים, אַ זון פֿון שמואלן, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1909 אין זשיטאָמיר. ס'איז מיר שווער עפּעס צו זאָגן וועגן די יוגנט־יאָרן פֿון משהן. די חברים זײַנע דערציילן, אַז ער איז געווען אַ מענטש אַן ערנסטער, וועלכער האָט פֿאַרמאָגט אַ פֿילאָזאָפֿישע רואיקייט, תמיד אַ פֿאַרטראַכטער. אין זיין קינסטלערישער שאַפֿונג איז ער געווען קאָנקרעט. ער זאָל האָבן געווען זייער אַ באַלעזענער און האָט אַ סך געקענט אויפֿן געביט פֿון געשיכטע פֿון קונסט. ער האָט שטודירט מאָלערײַ אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע. קיין וואַרשע, ווייזט אויס, האָבן זיינע עלטערן שוין לאַנג געהאַט זיך אַריבערגעצויגן

פּסאַכיס קונסט האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער ברייטסטער אויסנוצונג פֿון דעם פּלעק. דער קינסטלער האָט געמאָלט מענטשן ברייט און מאָנומענטאַל. הגם דער שטח, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט, איז געווען שטרענג באַגרענעצט צו דער גרייס פֿון אַ סטאַלוגע־בילד. באַטראַכטנדיק זיינע בילדער, האָט מען דעם איינדרוק, אַז די גרונט־פּרינציפּן פֿון זיין שאַפֿונג באַזירן נישט אויף געשיקטקייט אין מאָלן און אויף טעכניק. פּסאַכים בילד האָט פֿאַרמאָגט אַ סך חן, דערביי איז דער מענטש, וועלכן ער האָט

געמאָלט, שטאַרק ענלעך געווען צום מאָדעל. פּסאַכיס האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז די באַזע פון אַ גוט בילד איז די צייכענונג. ער האָט דעריבער גרויס אַכט געלייגט אויף דער צייכענונג. עס זענען געבליבן ווייניק אַרבעטן פונעם קינסטלער. איינע פון זיי איז אַ פרויען-פּאָרטרעט, וואָס איז געמאָלט ווי אַ פרעסק. צוגעפּאַסט צו זיין אייגענער שטימונג, ווייזט דער קינסטלער די דאָזיקע געשטאַלט ווי אַ שטאַרק באַהערשטע, ערנסטע און סטאַטישע, אויסדריקנדיק די אַלע אייגנשאַפטן פון מאָדעל אין אַן איינהייטלעכער קאָלאָריסטישער מעלאָדיע. הגם משה פּסאַכיס איז נאָך דעמלט געווען יונג, האָט מען דאָך אַרויסגעפילט אין זיין שאַפונג, אַז ער גייט נישט מיט קיין אויסגעטראָטענעם וועג.

אין סעפּטעמבער 1939 איז דעם קינסטלער געלונגען זיך אַריבערצוקריגן קיין לעמבערג, דאָרט האָט ער אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע קינסטלערישע טעטיקייט. ער איז אויך געווען דער קאָמיסאַר פון דער לעמבערגער אויסשטעלונג אין מאָסקווע. חוץ דעם האָט ער אויך אויסגעשטעלט אין קיעוו און אין כאַרקאָוו.

משה פּסאַכיס איז אומגעקומען אין די ערשטע וואָכן נאָכן פאַרנעמען לעמבערג דורך דער היטלער-אַרמיי.

איזאַק פּערעל

די פּוילישע סאַנאַציע איז באַקאַנט געווען מיט אירע ראַפינירטע מעטאָדן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין פאַררוקן אין שאָטן מענטשן פון דער פאַרגעשריטענער אינטעליגענץ. וואָס מער דאָס לאַנד האָט זיך פאַשיזירט, אַלץ מער האָט מען עכטע קינסטלער אַראָפּגעשטויסן אין אָפּגרונט פון נויט. מיטלמעסיקייטן דאַקעגן איז אָפט געלונגען מיטן כּוח פון זייערע עלנבויגנס אַרויפצוקאַפּן זיך גאָר הויך.

אין אַזעלכע זומפּיקע און קאָרומפּירטע באַדינגונגען האָט געלעבט איזאַק פּערעל. ער האָט געשאַפן, וועגעטירנדיק אין אַזאַ אַטמאָספער, אין וועלכער קיין שום קינסטלער וואָלט נישט אימשטאַנד געווען פון זיך אַרויסצוקריגן קיין איין שעפערישן פונק. דאָס איז געווען איינער פון די אָרעמסטע קינסטלער. ער האָט געלעבט אין דער שווערלעכסטער נויט. איינמאָל האָט דער קינסטלער אברהם גוטערמאַן מיך אַוועקגעפירט אין דער וווינונג פון פּערלען. מיר זענען געגאַנגען מיט דער גענשע גאַס, מיר זענען אַדורך דעם פּאַוויאַק און, אויב איך האָב נישט קיין טעות, זענען מיר אַרויס אויף וואָלינסקע גאַס. דאָ, אין אַ שמוציק הויז, וואָס איז פון יאָרן נישט געווייסט געווען, האָבן מיר זיך אויפגעהויבן אויף שיפּע צעבראָכענע טרעפּ אין אַ בוידעם־שטיבל. דאָ האָט געוווינט דער חבר פּערעל. דאָס איז געווען אַ טיפּישער פּראָלעטאַרישער מאָלער.

אין היפּוך צום מאָלער אברהם גוטערמאַן, וועלכער האָט געקאָנט איבערציַיגן מיט זיַין באַרעדעוודיקייט, איז פּערעל געווען אַ שווייגנדיקער. דערפאַר איז זיַין מאָלעריי געווען אויסדרוקספול. פּערעל האָט פאַרמאָגט די פעיקייט צו קאָנצענטראַציע. חוץ דעם האָט ער גוט באַהערשט די טעכניק און איז געווען זייער אויסגעהאַלטן. ער האָט געקאָנט אין זיך באַקעמפן אַלע מינים שטערונגען, אין דער ערשטער ריי — דעם הונגער, און האָט

זיך קיינמאָל נישט איינגעבראָכן. דאָס שטיבל, אין וועלכן איך בין אַריינגעקומען און וואָס האָט גלייכצייטיק אים געדינט פאַר אַן אַטעליע, איז געווען ענג, פינצטער און פול מיט רויך. פון סופיט האָט אַראָפּגעהאָנגען אַ נאַפט־לאָמפּ. אין ווינקל איז געשטאַנען אַ קליין קיילעכיק אייוועלע, אויף וועלכן דער קינסטלער האָט וואַרשיינלעך געקאָכט זיך עסן. אויף דער סטאַלוגע האָט זיך געפונען אַ גרויס בילד, וואָס האָט פאַרנומען די גרעסטע טייל פון שטיבל — דאָס איז געווען אַ בילד, איבער וועלכן פערעל האָט לעצטנס געאַרבעט — דאָס בילד האָט באַדאַרפט פאָרשטעלן אַן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע. הגם דאָס בילד איז געווען נישט פאַרענדיקט, האָט עס עדות געזאָגט, אַז זיין שעפער, נישט נאָר, וואָס ער באַהערשט פריי די געזעצן פון מאָלערישע פאָרמען, נאָר אַז ער קאָן אויך אַרויסברענגען אַ סך קאָלאָריסטישע עפעקטן. איזאַק פערעל האָט נישט געהערט צו די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין האַלבן וועג. מיט דער זעלבער לאָגישער קאָנסעקווענץ, מיט וועלכער ער האָט באַנומען די פראַגע וועגן קלאַסן־קעגנזאַץ, האָט ער אויך אין דער מאָלעריי געשטרעבט וואָס רעאַליסטישער אַרויסצוברענגען די אַרומיקע ווירקלעכקייט. הגם ער פלעגט אָנווענדן גיכער וואַרעמע טאָנאַציעס, פלעגט ער פונדעסטוועגן נישט באַנוצן זיך מיט די מעטאָדן פונעם אימפּרעסיאָניזם.

איזאַק פערעל האָט געהערט צו דער גרופּע וואַרשעווער קינסטלער וועלכע האָבן אין יאָר 1936 אויסגעשטעלט אין „די גלעזערנע הייזער" אין זשאָליבאָזש. די צווייטע אויסשטעלונג פון דער דאָזיקער גרופּע, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „דאָס פריגיאישע היטל" איז פאָרגעקומען אין קראָקע, אינעם הויז פון די אייזנבאַן־אַרבעטער. די דאָזיקע גרופּע האָט קאָנצענטרירט אַ גאַנצע ריי קינסטלער, וואָס האָבן שאַרף רעאַגירט אויף דער פאַשיזאַציע פון פוילן. די אינספּיראַטאָרן פון „פריגיאישן היטל" זענען געווען די פוילישע מאָלער פראַנציישעק באַרטאָשעק און זיגמונט באָבאָווסקי, וועלכע האָבן בעת דער היטלער־אָקופּאַציע אַקטיוו אַרויסגעהאָלפן דעם וואַרשעווער געטאָ און זענען אומגעקומען אונטער זייגע מויערן.

אין יאָר 1938 האָט איזאַק פערעל אָנטיילגענומען אינעם IX סאַלאָן פון איפּס מיט אַ בילד „אַ דאָרף אין וואָלין". אין דעם דאָזיקן בילד האָט פערעל אַרויסגעבראַכט די שרעקלעכע נויט, אין וועלכער ס'האָבן געלעבט די פויערים. דאָס דאָזיקע בילד האָט אַנטציקט מיט זיין קאָלאָריסטיק. אויף דער זעלבער אויסשטעלונג האָט זיך אויך געפונען אַ בילד פון פראַנציישעק באַרטאָשעק „די קוזניע" און אברהם פרידמאַנס „די וועשינס".

שפּעטער טרעפן מיר אַ בילד פון פערלען אויף דער אויסשטעלונג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט אויף גראַניטשנע 10. אין פרילינג 1939 האָט פערל אויסגעשטעלט אייניקע בילדער אויף דער אויסשטעלונג פון דעם פאַרבאַנד פון יידישע פּלאַסטיקער אויף רלונע 26. די טעמאַטיק פון דער מערהייט פון די האָזיקע בילדער איז געווען פון אַ געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט.

איזאַק פערל איז געווען אַן אויפגייענדיקער טאַלאַנט, וועלכער האָט שוין אין די יונגע יאָרן אַרויסגעוויזן אַ סך דרייסטקייט, כאַראַקטער און וויסן.

פון דעם מאָמענט, ווען די היטלעריסטישע האָרדעס האָבן זיך אַרייַנגעריסן קיין וואַרשע, איז פאַרשוווּנדן יעדער שפּור פון פערלס עקזיסטענץ. ס׳קאָן זיין, אַז ער איז נאָך אומגעקומען ביים פאַרטיידיקן וואַרשע, ווייל אין קיין איינעם פון די גרעסערע געטאָס האָט ער זיך נישט געפונען. אויך אין ביאַליסטאָק און אין לעמבערג, וו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די יאָרן 1939—1941 אַ סך אַנטלאָפענע קינסטלער, האָט אים קיינער נישט געטראָפן.

בן־ציון צוקערמאַן

בן־ציון צוקערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1890 אין קליינעם שטעטעלע לעביעדעוו לעבן ווילנע. נאָך אין דער ישיבה פלעגט ער בעתן לערנען אין געהיים צייכענען און מאָלן. אַלס 20־יאָריקער בחור האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון דעם קליינעם שטעטעלע זיינעם און איז אַוועק קיין ווילנע. מ'האָט אים דאָ אָנגענומען אין דער צייכנשול, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ. פון דער דאָזיקער שול זענען אַרויס אַזעלכע אָנגעזעענע קינסטלער ווי חיים סוטין און יהודה עפשטיין. שפעטער פאָרט צוקערמאַן אָפּ קיין בערלין. דאָ האָט זיך מיט אים פאראינטערעסירט דער באַרימטער יידישער גראַפיקער הערמאַן שטרוק. אין משך פון אַ געוויסער צייט שטודירט ער אויך אין פאַריז. ער געפינט אויך דאָ אַן אַפּיטרופּס און ראַטגעבער אינעם סקולפּטאָר, וואָס האָט געשטאַמט פון רוסלאַנד, בערנשטיין־סינאַיעוו. קיין ווילנע האָט זיך צוקערמאַן אומגעקערט האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די מלחמה־צייט לעבט צוקערמאַן איבער אין מאָסקווע. דאָ האָט ער אויך אין יאָר 1915 איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון זיינע בילדער. אין יאָר 1919 קערט ער זיך ווידער אום קיין ווילנע.

אַ מאָדנער איז געווען דער שאַפונגס=פּראָצעס פון דעם דאָזיקן קינסטלער. גישט קוקנדיק אויף די קונסט=שטודיעס, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט אין פאַרשידענע שטעט פון איראָפּע, נישט קוקנדיק אויף די צאָלרייכע רייזעס איבער גאַנץ איראָפּע, אַזיע און אַפריקע (ער איז געווען אין עגיפּטן און פּאַלעסטינע), איז צוקערמאַן געבליבן אויף ווייטער אַ טיפּישער קליינשטעטלדיקער ייד אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט. דערביי האָט ער געמאָלט מאָדערניסטיש, באַנוצנדיק זיך מיטן אימפּרעסיאָניסטישן מעטאָד. אָבער אַלץ, וואָס איז אַרויס פון אונטער דעם פּענדזל פון דעם קינסטלער איז, נישט קוקנדיק אויף דער גרויסער פּילבאַרקייט זיינער פאַר קאָלאָריסטיק, געווען נישט רייף אין דער פאָרם. די שפּראַך פון זיין קונסט איז אַזוי ווי באַשטאַנען פון ברוכטיילן פון איינדרוקן, וועלכע ס'איז אים געווען שווער צונויפצובינדן אין אַן אָרגאַנישער גאַנצקייט. און אַזוי ווי אין טאָג=טעגלעכן לעבן פלעגט ער רעדן שעפּטשענדיק, נישט דערזאָגנדיק אָפט, אַזוי האָבן אויך זיינע שעפערישע שטימונגען געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אייגנהאַלטענעם אָטעם, וואָס איז האָפּט באַהויכט געווען מיט אומעט און אַ זילו שרעק. מיט איין וואָרט, ער איז געווען עפּעס אַ נישט פולקאָמער. מען מוז באַמערקן, אַז בן=ציון צוקערמאַן איז געווען אַ קאַליעקע אויף איין פוס. זיין מום האָט ער זיך באַמיט אויסבאַהאַלטן פאַר מענטשן. דאָס באַוועגן זיך האָט אים פאַרשאַפט אַ סך שוועריקייטן, און הגם ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, האָט דאָך זיין מאַסיווער קערפּער זיך באַוועגט פּאַמעלעך און מיט גרויס שוועריקייט. דאָס פּנים איז ביי אים געווען ווייטיקלעך צעקרומט, דאָס מויל האָט געהאַט אַן אויסדרוק פון ביטערער נישט באַפרידיקטער ליידנשאַפטלעכקייט. זיין גאַנצע פערזאָן האָט געאָטעמט מיט עפּעס אַ גרויסער טענה צו דער וועלט און צו די מענטשן. צוקערמאַן האָט געמוזט לעבן פון זיין קונסט, ער איז דעריבער געווען אַ מין קונסטהענדלער מיט זיינע אייגענע בילדער. די אַלע דערמאָנטע שטערונגען און נישט דערגאַנצטקייט ביי אים האָבן געוואָרפן אַ שאָטן אויך אויף זיין שאַפונג. זיינע בילדער, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ וואַרעמע טאָנאַציע און זענען אַפילו אָפט געווען הייסע, כמעט עקזאָטיש אין זייער קאָלאָריסטיק, האָבן גיכער געמאַכט אַן איינדרוק פון עפּעס אַ פּרעלודיום.

בן=ציון צוקערמאַן האָט איבערגעלעבט שטענדיקע קאָנפליקטן. ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט זיינע בילדער איבער די גרעסערע שטעט אין לאַנד צוזאַמען מיט זיין פרוי און טאָכטער. דערביי פלעגט ער זיך בוקן פאַר די גבירים און זיך איינבעטן מיט זיינע בילדער. ביי דעם אַלעמען איז דאָס

מאָלן געווען ביי אים אַ פּאַסיע, וואָס האָט אים געגעבן אַ גרויסע סאַטיספאַקציע און האָט אים באַפרייט פון פאַרשידענע קאָמפּלעקסן. דאָס איז געווען אַ מאָדנער מענטש, וועלכער האָט געקאָנט לייכט איבערגיין פון גרענעצלאָזער גוטסקייט צו גרענעצלאָזער בייזקייט. ער פלעגט זיך דעמלט איינשרומפּן אין זיך און דאָס פּנים פלעגט באַקומען אַ ווייטיקלעכן אויסדרוק. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט ער ווערן אומדערטרעגלעך אַפילו פאַר זיינע נאָענטסטע. אויך צו די קריטיקער פלעגט ער האָבן אַזעלכע טענות, פאַרוואָס זיי שרייבן ווייניק וועגן אים. דער דאָזיקער משונהדיקער כאַראַקטער זיינער איז געווען א פּועל־יוצא פון דער גרויסער שרעק, וואָס דער קינסטלער האָט געהאַט פאַרן לעבן. צוקערמאַן האָט זיך געהאַלטן פאַר שיעור נישט דעם גרעסטן קינסטלער ביי יידן. ער האָט ווירקלעך געהאַט אין זיך עפּעס אייגנאַרטיקס, פאַרכאַפּנדיקס און דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך געפיל פאַר פאָלקסטימלעכע, יידישע מאָטיוון.

די גראַפישע אַרבעטן צוקערמאַנס זענען געווען אינטערעסאַנטער ווי זיינע מאָלערישע. אין דעם דאָזיקן מין פון דער קונסט האָט ער זיך בעסער אויסגעדריקט און האָט אַרויסגעוויזן אַ סך קולטור. ער האָט פאַרמאָגט אַ דעליקאַטע, ריינע ליניע, אין זיינע גראַפישע אַרבעטן איז ער געווען מער געפּאַסט און אויף דעם געביט האָט ער געקאָנט שאַפן אַ סך ווערטפולע אַרבעטן. ער האָט, צום ביישפּיל, געשאַפן א זייער אינטערעסאַנטן יידישן אלף־בית. די דאָזיקע ליבע זיינע צו אילוסטראַטיווער גראַפיק שטאַמט דערפון, וואָס צוקערמאַן איז מיט זיין גאַנצן וועזן געבליבן אַ מענטש פון ספר און אין דער גראַפיק האָט ער געקאָנט אויסדריקן זיין ליבע צו דער יידישער אָרנאַמענטיק, וואָס מיר טרעפן אויף די שער־בלעטער פון אַלטע ספרים, מגילות אָדער הגדות. צוקערמאַן האָט אויך אילוסטרירט היינטצייטיקע ביכער, צווישן אַנד. האָט ער געצייכנט אילוסטראַציעס צו סקאַלאָווס בוך „צייטן ביטן זיך“.

אויך די פּאָרטרעטן צוקערמאַנס זענען געווען אינטערעסאַנט. זיי זענען נישט פּרעטענציאָנעל און חוץ די אָנגעזעטיקטקייט פון דער קאָלאָריסטיק, ווייזן זיי אַרום אַ סך פאַראיינפאַכונגען. זיי זענען דעריבער געווען זייער פּשוטע, מענטשלעכע, ער האָט דעם מענטשן אַרויסגעבראַכט אין זיין גאַנצער אמתדיקייט. ס'איז באַקאַנט זיין צייכענישער פּאָרטרעט פון פּרץ הירשביינען. ער האָט גערן געשאַפן אויטאָפּאָרטרעטן; ער האָט אויך אָפט פּאָרטרעטירט זיין פרוי און זיינע פריינד. ס'איז שווער אַרומצונעמען צוקערמאַנס שאַפונגען אלס גאַנצעס, ווייל זיינע בילדער זענען צעשפּרייט גע־

וועגן איבער דער גאָרער וועלט. ער האָט איינגעאָרדנט אויסשטעלונגען אין ליסאַבאָן, בערלין, תל־אביב און אין אַנדערע שטעט. ער האָט אויך דאָרט אויסגעפֿירט פּאָרטרעטן פֿון פֿאַרשידענע פּערזענלעכקייטן. צומערנסטן אָבער איז ער געזעסן אין ווילנע, דאָ פֿלעגט ער זיך אָפּרוען. דאָ, הינטער דער אַלטערטימלעכער קירך פֿון הייליקן פּעטער און פּאַוועל, האָט צוקערמאַן געהאַט אַ קליין הילצערן הייזל, וואָס איז אַרײַנגעקוועטשט געווען צווישן צענדליקער אַנדערע אַזעלכע הייזלעך. אינעווייניק איז געווען פֿינצטער און אָרעם, אין די ווינקלען האָבן זיך געוואַלגערט צענדליקער בילדער אין די בלויזע בלינדראַמען. אין דעם דאָזיקן הייזל פֿלעגט ער זיך דערמאָנען וועגן די פֿאַרגאַנגענע דערפֿאָלגן און טרוימען וועגן צוקונפֿטיקע גרויסע און ווײַטע רייזעס.

צוקערמאַן איז אויך געווען געזעלשאַפֿטלעך טעטיק. ער האָט געהערט צו דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם ווילנער „ייִוואָ“, וווּ ער איז געווען אַ מין ראַטגעבער אין די פֿראַגן פֿון קונסט. צוזאַמען מיט די ווילנער מאָלער האָט צוקערמאַן אָנטיילגענומען אין די אויסשטעלונגען אין ווילנע און אין אַנדערע שטעט. ער האָט אויך געהערט צום זשורי פֿון דער יובליי־אויסשטעלונג פֿון די ייִדישע קינסטלער־פּלאַסטיקער, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין יאָר 1939 אין וואַרשע. אינעם בוך פֿון זלמן שיק „1000 יאָר ווילנע“ און אויך אין אַ סך צײַטונגען און צײַטשריפֿטן אין לאַנד און אין אויסלאַנד האָבן זיך געפֿונען רעפּראָדוקציעס פֿון צוקערמאַנס אַרבעטן.

די מלחמה האָט דעם קינסטלער געטראָפֿן אין ווילנע. אין יאָר 1940 ציט ער זיך אַריבער קיין מינסק און דאָ זעצט ער פֿאָר זײַן מאָלערישע טעטיקייט. ער האָט געטרוימט וועגן זײַנע צוקונפֿטיקע אויסשטעלונגען אין מאָסקווע און לענינגראַד. עס איז אים געלונגען אַרויסצופֿירן פֿון ווילנע אַלע זײַנע בילדער.

נאָכן אויסברוך פֿון דער דײַטש־סאָוויעטישער מלחמה האָט זיך בן־ציון צוקערמאַן צוזאַמען מיט דער משפּחה זײַנער עוואַקויִרט קיין אוזבעקיסטאַן. ער האָט דאָ געלעבט אין דער אַלטער היסטאָרישער שטאָט סאַמאַרקאַנד. דאָ איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין יאָר 1944.

אַניעלאַ צוקער

אַניעלאַ צוקער איז געבוירן געוואָרן דעם 1 יאַנואַר 1910 אין וואַרשע. דאָ האָט זי אויך שטודירט אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. די דאָזיקע קינסטלערין האָט פאַרמאָגט אַ ספּעציעלע פעיקייט אַרויסצוברענגען אין אירע אַרבעטן פאַרשידנאַרטיקע שטימונגען. טראָץ דעם קליינעם פאָרמאַט, האָבן אירע קאָמפּאָזיציעס געמאַכט אויפן צושויער אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. אירע בילדער פאַרמאָגן מעלאָדישקייט און זענען אַזוי ווי אַ פילפאַרביק בינטל פון ליכט־שטראַלן. זייער פרי האָט זיך אויספאָרמירט דער טאַלאַנט און כאַראַקטער פון דער קינסטלערין. באַטראַכטנדיק אירע אַרבעטן, האָט מען דעם איינדרוק, ווי די מאָלערין וואָלט געווען אַ גערטנערין, וואָס האָדעוועט בלומען און פרוכטן־ביימער און וויל איבערראַשן די, וואָס קומען אין איר גאָרטן, מיט דער שיינקייט פון דער נאַטור, וואָס רינגלט זיי אַרום. אַניעלאַ צוקער האָט פאַרמאָגט די פעיקייט צו מאַכן אירע אַרבעטן פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען, און אָנזאַפּנדיק זייערע מאָטיוון מיט אַ פריידיקן קאָלאָריט, האָט זי גורם געווען, אַז זיי האָבן געווירקט אוממיטלבאַר אויפן צושויער. די קינסטלערין האָט פאַרמאָגט אַ סובטילן געשמאַק, זי פלעגט אין די ווייטסטע געגנטן פון לאַנד אויסגעפונען הערלעכע אומבאַקאַנטע

ווינקעלעך און פלעגט איר פייזאַזש צוגעבן אַ ווייכן, ריטמישן אַקצענט, וואָס האָט געווירקט אוממיטלבאַר, אַזוי אַז דעם צושויער האָט זיך געדאַכט, אַז ער באַטראַכט אַ נאַטור־ווינקל, וואָס בלויז זי אַליין איז אימשטאַנד געווען אויסצוגעפינען.

אַניעלאַ צוקער האָט אַ כּח געשאַפן אין דער גראַפישער טעכניק. זי האָט געקריצט גישט נאָר אין האָלץ, אַרויסברענגענדיק איר בילד אין שוואַרץ־ווייסן קאָלאָריט, נאָר זי האָט אויך געשאַפן פילקאָליריקע האָלצשניטן. זייענדיק אַלט אינגאַנצן 22 יאָר, האָט די קינסטלערין איינגעאָרדנט אין וואַרשע אַן אויסשטעלונג פון 47 אַרבעטן. וועגן דער דאָזיקער אויסשטעלונג האָט צווישן אַנדערע געשריבן מיעטשיסלאַוו וואַלליס אין איינעם פון די נומערן פונעם זשורנאַל „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקע“.

פון יאָר צו יאָר האָט אַניעלאַ צוקער פאַרפולקאָמט איר טעכניק און גלייכצייטיק איז אויך געוואַקסן איר שעפערישער טאַלאַנט. אירע אַרבעטן האָט מען גערן אָנגענומען אויף די בעסטע אויסשטעלונגען אין לאַנד און אירע גראַפישע אַרבעטן פלעגן איינגעשלאָסן ווערן אין די פּראָפּאַגאַנדע־אויסשטעלונגען פון דער פוילישער קונסט אין אויסלאַנד. אין יאָר 1937 איז אַניעלאַ צוקער געווען די פאָרשטייערין פון די פוילישע קינסטלערינס אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג פון אייראָפּעישע קינסטלערינס.

אין יאָר 1938 האָט דער וואַרשעווער „איפּס“ איינגעאָרדנט אַניעלאַ צוקער, צוזאַמען מיט די סקולפּטאָרן יוליאַ קעיל, אַן אויסשטעלונג פון גראַפישע אַרבעטן. דער קאַטאַלאָג פון דער אויסשטעלונג נעמט אַרום איבער 50 עקספּאָנאַטן. צוויי פון די דאָזיקע אַרבעטן זענען רעפּראָדוצירט געוואָרן אינעם קאַטאַלאָג. די קינסטלערין איז דעמלט געווען אינעם זעניט פון איר שעפערישער טעטיקייט. די אויסגעשטעלטע גראַפישע אַרבעטן האָבן פאַרמאָגט מאָטיוון פון די איבערלעבונגען און באַאָבאַכטונגען פון דער קינסטלערין. יעדער מאָטיוו האָט זיין אייגנאַרטיקע פיזאָנאָמיע, עס געפינען זיך דאָרט צווישן אַנדערע קליינע הילצערנע הייזלעך פון דעם מאָלערישן קרעמעניץ, אַ מאָטיוו פון אַן אַריינפאָרהויז, מאַרק־סטראַגאַנעס, די דעכער פון שטעטל זענען פון אויבן, צווילינגס־הייזלעך, צונויפגעוואַקסענע ווי מענטשלעכע באַשעפענישן, הייזקעס קליינטשיקע, הנוודיקע און אָרעמע. זי מאָלט איינזאַמע נאָדלביימער מיט זייערע אייביק־גרינע שטייפע צווייגן. די קינסטלערין האָט זיך אַ סך מי געגעבן, כּדי בולט אַרויסצובאַקומען דעם זין פון דעם פאָרגעשטעלטן קעגנשטאַנד, און האָט זיך

נישט אָפּגעשטעלט פֿאַר קיין שום שוועריקייטן, כּדי וואָס בולטער אַרויסצוברענגען איר קינסטלערישע וויזיע. אַזוי אַרום איז איר געלונגען צו מאָלן פּרעכטיקע מאָטיוון. זי האָט געשאַפֿן אידילישע בילדלעך פֿון קליינע שטעטלעך און דערפֿלעך, לאַנדשאַפֿטן פֿון די ים־ברעגעס און בערג, זי האָט אויך געמאָלט די קרעמעניצער קירך, די צערקווועלעך און קאָשטשאָלעכלעך פֿון ווישניץ, ווי אויך לאַנדשאַפֿטן פֿון ניי־שטאָט ביי דער פּיליצע, פֿון דעם אויסגוס אין פּוצק. פֿון וואַרשע האָט זי געמאָלט דעם גאָווי־זיאַזד און די לאַזשענקעס.

די אַרבעטן פֿון אַניעלאַ צוקער האָבן געאָטעמט מיט אַ זייבערער ליבע צום מענטשן און מיט פֿאַרשטענדעניש פֿאַר זיין גורל. ס'האָט זיך געפֿילט ווי אונטער דעם אָרעמען בגד פֿון פֿויער און דער בלוזע פֿון דעם איינגעבויגענעם פֿון זאָרג אַרבעטער קלאַפּט אַ וואַרעם האַרץ, וואָס בענקט נאָך אַ ביסל ליבע. מיט ברען פֿון אַ יונגער ענטוזיאַסטקע האָט זי פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער צייטשריפֿט „אַרקאַדי“ אין יאָר 1936 אַן אַרטיקל, אין וועלכן זי לייגט פֿאָר צו גרינדן אין ניי־שטאָט ביי דער פּיליצע אַ מאָלער־קאָלאָניע. אין דעם זעלבן זשורנאַל האָט זי אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אַ צווייטן אַרטיקל, צו וועלכן זי האָט אויך צוגעגעבן איניקע רעפּראָדוקציעס פֿון אירע האָלצשניטן, וועלכע זי האָט געשאַפֿן אויפֿן פֿאָן פֿון דער דאָזיקער געגנט.

אַניעלאַ צוקער האָט אויך געשאַפֿן קאָלירטע וויטראַזשן צו עפּעס אַ קאָשטשאָלעכל. דאָס איז געווען אַ פֿאַרביקער מוסטער, וואָס איז פֿול געווען מיט בלומען־אָרנאַמענטיק. גאַנץ מעגלעך, אַז דער וויטראַזש איז אַנטשטאַנען אונטער דער ווירקונג פֿון באַכן אָדער היידענען און אונטער דער ווירקונג פֿון דעם דאָזיקן מוזיקאַלישן געפֿיל זענען געשאַפֿן געוואָרן אויף די שויבן די וויטראַזשן־בילדער ווי צ. ב. דער הייליקער פֿראַנצישעק.

דער נאָמען פֿון אַניעלאַ צוקער ווערט דערמאָנט אין דער „רשימה פֿון פֿאַרלוסטן פֿון דער פּוילישער קולטור“ וועגן די פֿאַרוויסגייענדיקע פֿערזענלעכקייטן אויפֿן געביט פֿון דער וויסנשאַפֿט, ליטעראַטור און קונסט, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן בעת דער אָקופּאַציע.

די דאָזיקע רשימה האָט צונויפֿגעשטעלט דער פּראָפֿעסאָר פֿון וראָצלאַווער אוניווערסיטעט באָלעסלאַוו אָלשעוויטש אין יאָר 1946.

סאמועל ציגלער



סאמועל ציגלער האָט געשטאַמט פֿון א פֿאָרגעשריטענער יידישער משפּחה פֿון דאָמבראָווער געגנט. נאָכן פֿארענדיקן די גימנאזיע איז ער אָפּגעפֿאָרן קיין דייטשלאנד, וו ער האָט אין די יאָרן 1918—1920 שטודירט אין דער האַמבורגער קונסט־געווערקשול. שפּעטער קערט ער זיך אום קיין פּוילן און ווערט אָנגענומען אויף דער קונסט־אַקאַדעמיע.

ער האָט שטודירט ביים פּראָפֿעסאָר וואָיטשעך וויס. פֿון דעם קלאַס פֿון דעם דאָזיקן גרויסן פּוילישן מאָלער זענען אַרויסגעקומען אַ סך טאַלאַנטירטע קינסטלער, צווישן זיי אייניקע יידן. אין יאָר 1934 איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גרויסע אויסשטעלונג פֿון פּראָפֿ. וויס, אין וועלכער זיי האָבן אויך אָנטיילגענומען. ציגלער האָט אויך געהערט צו די דאָזיקע פּריווילעגירטע שילער. צום רום פֿון פּראָפֿ. וויס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז ער האָט נישט געפֿאָדערט, אַז זיינע שילער זאָלן אים קאָפּירן. ער איז גיכער געווען דערפֿאַר, אַז זיי זאָלן זיך אַנטוויקלען אינדיווידועל אין הסכם מיט זייערע פּערזענלעכע איינגשאַפֿטן און געשמאַק. ציגלער איז טאַקע אוועק מיט אַן אייגענעם וועג. ער איז געווען א קינסטלער אַן אויפֿריכטיקער, פּילבאַרער, זייער אַן עמפּינדלעכער אויף קאָלאָריסטישע וואַלאָרן. ער איז

נישט אַוועק אויפן וועג פון לייכטע דערגרייכונגען. זיין קונסט צייכנט זיך אויס מיט אַ סך אינטימקייט און איידלקייט, און דאָס געפּאָרט מיט פּינקטלעכקייט אין דער טעכנישער אויספירונג, האָט אין רעזולטאַט געשאַפן האַרמאָנישע בילדער.

סאַמועל ציגלער האָט געהערט צו די קינסטלער, וועלכע האָבן זיך כסדר געלערנט. דערפאַר פילט זיך אין זיינע בילדער אַ געוויסע שרעקעוודיקייט פון זייער שעפער. מען באַמערקט אויך געוויסע קאָמפּליקאַציעס, מיט וועלכע דער קינסטלער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. אַ סך לייכטער און פּרעציזער דריקט ער זיך אויס אין זיינע גראַפישע אַרבעטן און צייכענונגען.

ציגלערס בילדער זענען אָנגעזאַפּט מיט זאַפטיקע העלע פאַרבן, וואָס שטרייכן נאָך מער אונטער די אָרעמקייט פון די באַאַרבעטע מאָטיוון. אַזוי צ. ב. מאָלט ער דעכער פון אָרעמע הייזקעס און כאַטעס, געזען פון אויבן, אָדער אַ יאַריד אין קאַזשימיעזש־דאָלני, פאַרשידענע געסלעך פונעם שטעטל און ענלעכע פּייזאַזש־מאָטיוון. זיי זענען באַהויכט מיט עפּעס אַ ווייכע, מעלאַנכאָלישע שטימונג. אין אָנבליק פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט פון די לעצטע פאַרמלחמהדיקע יאָרן, זענען אויך ציגלערס פּייזאַזשן דורכגעזאַפּט מיט אַ טיפן דיסאָנאַנס, וועלכער דערגרייכט אַפילו צו ריינער, קאָלאָריסטישער פּאָעזיע. ציגלערס אינטערפּרעטאַציעס זענען בילדעריש, פּשוטע און ערנסטע. זיין קונסט דערנענטערט זיך טיילווייז צום פּאָסטאימפּרעסיאָניזם. ציגלער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך אינטערעסאַנטע טעמעס, ער האָט דעם אינהאַלט פון זיינע בילדער פאַרבונדן מיט דער ווירקלעכקייט, וואָס רינגלט אים אַרום, באַשרייבנדיק זי אייגנאַרטיק און אויף אַ מאָלערישן אופן. מיר טרעפן ביי אים צ. ב. אַזעלכע מאָטיוון ווי דאָס ראָטהויז אין קוזמיר ביי דער ווייסל, אַ מאַרק, אַ כאַטע אין דער זון, אַ סך אַרבעטן מיט מאָטיוון פון די קראָקעווער אַלטערטימלעכקייטן, דאָמבראָווער געגנט און ענלעכע. אַלע זענען זיי טיף אָפּגעפילט און שטימונגספול.

איינע פון די סאַמע ערנסטע אַרבעטן פון סאַמועל ציגלער איז זיין אָנטייל אינעם דעקאָרירן די אַלטע הילצערנע שול אין בענדין. מיט די מאָלערישע אַרבעטן האָט אָנגעפירט משה אַפּעלבוים. דער סקולפּטאָר חיים האַנפט, וועלכער האָט אויך געהערט צו דער גרופּע, האָט זיך אויסגעדריקט מיט גרויס אָנערקענונג וועגן ציגלערן. ער האָט געזאָגט, אַז ציגלער האָט געהאַט אַ סך איינפאַלן, האָט גלענצנדיק געצייכנט, אַרויסברענגענדיק די

8431 — 3

אַלטע יידישע אָרנאַמענטיק מיט אירע פאַנטאַסטישע פיגורן פון לייבן, הירשן, גאַזעלן, אָדלערס אָדער פיש. דאָס אַלץ האָט ציגלער קאָמפּאָנירט אויפן סמך פון ביבלישע לעגענדעס.

ציגלער האָט אויך אָנטיילגענומען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אויס־שטעלונג פון קאַריקאַטורן אין ווין, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין יאָר 1932. אין דעם זעלבן יאָר איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אין וואַרשע אין גאַרלינסקיס סאַלאָן אַן אויסשטעלונג פון זיינע בילדער. די וואַרשע־ווער פרעסע, די יידישע ווי די פוילישע, האָט זיך מיט אָנערקענונג אויס־געדריקט וועגן ציגלערס שאַפן. אין דער דאָזיקער אויסשטעלונג זענען גע־ווען נישט נאָר איילבילדער, נאָר אויך שטיכן, אַקוואַ־פאַרטן ווי אויך האָלצ־שניטן. טייל בילדער האָבן אויך באַרירט געזעלשאַפטלעכע טעמעס.

איינער פון די האָלצשניטן האָט פאָרגעשטעלט אַרבעטלאָזע, אַ צוויי־טער א. נ. „די מאָלצייט" — האָט פאָרגעשטעלט אַן אויסגעצערטע פרוי, וועלכע ברענגט איר מאַן אין דער פאַבריק אַריין אַ טעפּל מיט עסן. דער אַרבעטער זיצט, עסנדיק די זופּ פון אַ שיסל. די דאָזיקע סצענע ווערט גע־וויזן אויפן פאָן פון די פאַבריק־געביידעס. פון אַנדערע בילדער איז ווערט צו דערמאָנען דעם „דיבוק", וואָס איז באַאַרבעט אי ליטאָגראַפיש און אַלס האָלצשניט.

פון פאַר איז ציגלער געווען אַ לערער פון צייכענען אין אַ גימנאַזיע. נאָכן אָנפאַל פון דער היטלעריסטישער אַרמיי אויף פוילן, האָט ציגלער גע־וואָלט אַוועק אין ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט אָבער יעדן טאָג דערוואַרט דאָס אומקערן זיך פון זיין פרוי און קינד, וועלכע זענען געווען ציגאַסט אין לובּ־לין. ער איז דעריבער געבליבן אין בענדין. ציגלער האָט געטאָן אַלץ, כדי אָפּצוראַטעווען לכל הפּחות זיין טעכטערל. עס איז אים געלונגען זי אָפּ־צוגעבן אונטער דער השגחה פון אַ פּוילישער פאַמיליע. דאָס מיידעלע איז ווירקלעך אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. נאָך דער באַפרייונג איז זי אַרויסגע־פאָרן קיין ישראל. ציגלער דאַקעגן מיט דער פרוי זענען אומגעקומען אין אָשוויענטשים.

דער נאַציאָנאַלער מוזיי אין קראָקע באַזיצט איין בילד ציגלערס א. נ. „דעבער". דאָס דאָזיקע בילד איז אָפּגעקויפט געוואָרן ביים קינסטלער האַרט פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה.

חיים און יאַקוב ציטרין

חיים און יאַקוב ציטרין זענען געווען אַ צווילינג. זיי זענען געבוירן געוואָרן דעם 14 מערץ 1911 אין אַפּט (קעלצער קרייז).

ביידע זענען געווען מאָלער און האָבן שטודירט אין דער וואַרשעווער קונסט=אַקאַדעמיע. די צוויי ברידער זענען געווען פון מיטלער ווּקס, האָבן געהאַט שוואַרצע אויגן און פּעך=שוואַרצע געקרייזלטע האָר, זענען געווען זייער לעבעדיקע, ריר־עוודיקע און זייער ענלעך איינער אויפן צווייטן. שטענדיק האָבן זיי זיך געאײלט. זיי האָבן געמאָלט באַזונדער, אָבער האָבן אַרויסגעוויזן, פּונקט ווי די ברידער זײדענבײמעל, אַ געוואַלדיקע ענלעכקייט אויך אינעם שאַפן. ס'פלעגט אויך טרעפן, אַז זיי האָבן בשותפות געמאָלט איין בילד. פּונקט ווי ביי די זיידענביימעלס, איז אויך אין דעם מאָלן פון די ציטרינס שווער געווען אונטערצושיידן איינעם פון צווייטן. זיי פלעגן באַנוצן הייסע טענער, הויפּטזעכלעך די פּיאָלעטע, געלע און גרינע פאַרב, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעבראַכט אין די פאַרשידנסטע גאַמעס. ביידע ברידער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שטאַרקער עמפּינדלעכקייט אויף קאָלירן.

אין לויף פון דער צייט האָבן זיי אַלץ מער פאַרפולקאָמט די טאָנאַציע פון דער פאַרבן=סקאַלע פון זייערע בילדער. באַטראַכטנדיק זייערע בילדער,

האָט מען דעם איינדרוק, אַז נישט קוקנדיק אויף דער לייכטקייט פון אָפּערירן מיט דער פאַרב, האָבן זיי זיך באַמיט נישט אַריינצופאַלן אין ביליקע ווירטואָזיטעט און אימפּאָנירן מיט עפעקטן. אַמגערנסטן האָבן זיי געמאָלן די פּוילישע לאַנדשאַפט און האָבן באַוויזן אַרויסצוברענגען איר ספּעציפישקייט. עס האָט זיך אַרויסגעפילט, אַז זיי באַציען זיך מיט גרויסער ערנסטקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו זייער מאָלערישן שאַפן.

אין דער אויסשטעלונג, וועלכע איז איינגעאָרדנט געוואָרן זומער 1939 אין קוזמיר, האָבן אויך די ברידער ציטרין געוויזן אַ ריי פון זייערע בילדער. דאָס זענען מייסטנס געווען אַרבעטן מיט יידישע מאָטיוון. איינס האָט געטראָגן דעם נאָמען „אַ ייד“. דאָס בילד האָט פאָרגעשטעלט אַ קליינשטעטלדיקן יידן. עס איז אויסגעפירט געווען אָן איבעריקע עפעקטן, אָבער מיט עקספּרעסיע. נאָך דער מלחמה האָט מען אָפּגעפונען 8 בילדער פון די ברידער ציטרין, צווישן זיי געפינען זיך: „דער פיש־מארק“, „א פייזאַזש מיט אַן אָזיערע“, „דער מאַרק“, „בלומען“. די אַלע בילדער צייכענען זיך אויס מיט אַ נישט דורכשניטלעכער אינטערפּרעטאַציע, הויפּטזעכלעך מיט דער שטרעבונג רעאַליסטיש צו באַנעמען די טעמע. עס וואַרפט זיך אין די אויגן די קלאָרקייט פון דער אינטערפּרעטאַציע, וועלכע האַרמאָניזירט מיט דער קאָמפּאָזיציאָנעלער פאָרם.

די ברידער ציטרין קאָן מען פאַררעכנען צו דער גרופּע פון רעאַליסטן־קאָלאָריסטן, מאָלער מיט א הומאַניסטישער טענדענץ, וועלכע האָבן אָן שאָדן פארן ניוואָ פון זייער קונסט גענומען אלס טעמע פאר זייערע בילדער טאָג־טעגלעכע פּשוטע דערשיינונגען און האָבן זיי באַוויזן אויפצוהייבן צו דער מדרגה פון אמתער שיינקייט אין קונסט.

די ברידער ציטרין האָבן אויך איבערגעלאָזט אַן אַקוואַרעל־פּאָרטרעט פון א יינג מיידל, וואָס פארמאָגט א רייכע וויבראַציע און איז פול מיט גייסטיקער עקספּרעסיע. דער שאַפונגס־וועג פון די ברידער ציטרין איז געווען א קאַרגער און קורצדויערנדיקער. ס'איז שווער איצט דורכצופירן אַן אַנאַליז פון זייערע שאַפונגען און זאָגן צו וועלכער הויך זייער טאַלאַנט וואָלט זיך געקאָנט אויפהייבן. זיי האָבן אָן ספק פארמאָגט פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן צו שאַפן בילדער פון אמתן קינסטלערישן ווערט.

בעתן אויסברוך פון דער מלחמה איז די ברידער ציטרין געלונגען צו פארלאָזן לאָדזש אָדער וואַרשע און אריינצוקריגן זיך קיין ביאַליסטאָק. דאָרט האָבן זיי געלעבט ביז יוני 1941, פאָרזעצנדיק זייער מאָלערישע אר־

בעט. זיי זענען אומגעקומען אין ביאַליסטאָקער געטאָ צוזאַמען מיט דער־גאַנצער יידישער באַפעלקערונג פון ביאַליסטאָק. איינס פון די בילדער פון די ברידער ציטרין האָט זיך אין יאַנואַר 1948 באַוויזן אויף דער אויסשטע־לונג פון די אָפּגעראַטעוועטע בילדער פון יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקער, וועלכע איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער יידישער געזעלשאַפט צו פאַר־שפּרייטן קונסט.

יאקוב ציטרינאָוויטש

יאקוב ציטרינאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין נײַ-ראדאָמסק אין יאָר 1893 אין דער משפחה פון אן אָרעמען שוסטער. פון די ייִנגסטע יאָרן אָן אַנטציקט ער זיך מיט דער שיינקייט פון דער נאַטור, ס׳קאָן זיין אלס היפוך צו דער גראָקייט און דלות, וואָס רינגלען אים ארום. ער וואָלט געוואָלט זיך טיילן מיט עמעצן מיט זיינע איינדרוקן, ער וואָלט זיי געוואָלט פארפיקסירן און ער נעמט זיך דעריבער צום מאָלן. ער גיט זיך נישט אָפּ קיין דין וחשבון, אז טיף אין אים איז פארבאָרגן א פלאַסטישער טאַלאַנט. אָבער די דאָזיקע שעפערישע חלומות זיינע האָלט ער פאר א גרויסן לוקסוס, אויף וועלכן ער קאָן זיך נישט דערלויבן.

בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה איז ציטרינאָוויטש געווען געצוווּנגען צו ארבעטן אין א קוילנגרובן. ער איבערציַיגט זיך דאָ אליין, אז די ארבעט פון א קוילנגרעבער איז זייער א שווערע און א געפערלעכע. ער זעט וויאזוי דער קאפיטאל עקספּלאָאַטירט די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָרעווען אזוי שווער. און ווען אין דייטשלאַנד ברעכט אויס די רעוואָלוציע, ווערט דער 25-יאָריקער דעמלט קינסטלער-פּראָלעטאַריער א באַוווּסטזיניקער רעוואָלוציאָנער און קעמפט אין די רייען פון „ספּארטאַקוס-בונד“. ער איז טיף איבערציַיגט, אז ס׳וועט קומען א נייע עפּאָכע פאר דער מענטשהייט, וועלכע וועט ברענגען פרייהייט דעם ארבעטער-קלאַס, און אים וועט זי געבן די מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן אין דער קונסט. נאָכן מאָרד איבער ראָזע לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט, ווען די דייטשישע רעאַקציע האָט אונטער דער אָנפירונג פון נאָסקען טריומפירט, פארלאָזט ציטרינאָוויטש דייטשלאַנד און קערט זיך אום קיין פוילן. אין משך פון א געוויסער צייט שטודירט ער ביים פּראָפעסאָר שימאַנסקי. דאָס באַקענען זיך מיט דעם אָנגעזעענעם סקולפּטאָר נחום אראָנסאָן איז געווען א ווענד-פּונקט אינעם

לעבן פון ציטרינאָוויטשן. אראָנסאָן לויבט די ארבעטן פון דעם יונגן קינסטלער און ער ראַט אים צו פאָרן קיין פאריז, ווו ער וועט האָבן א מעגלעכקייט זיך צונויפצוטרעפן מיט דער גרויסער קונסט פון דער קלאַסישער סקולפּטור. נאָך א געוויסער צייט פאָרט ציטרינאָוויטש אָפּ קיין פאריז. דאָ האָט ער זיך באַקענט מיט דעם באַרימטן סקולפּטאָר בורדעל. אראָנסאָן באַמיט זיך אין אָנהייב צו העלפן ציטרינאָוויטשן מיט ראַט און טאַט. אָבער ציטרינאָוויטש ווערט נישט צו שטאַרק באַאיינפלוסט דורך די צוויי אָנגעזעענע סקולפּטאָרן. ער זוכט זיין אייגענעם וועג. ער שטרעבט וואָס אַן אמת איינצוהאַלטן דעם קלאַסישן יסוד פון דער סקולפּטור, אָבער ער וויל גלייכצייטיק צופּאַסן אים צו די פאָדערונגען פון XX יאָרהונדערט. ער גלויבט, אַז נאָר אויף אַזא אופן וועלן זיינע שאַפונגען זיין אָביעקטיוו און אויסדריקן א נייעם עסטעטישן פּראָביר-פּרינציפּ. פאר די סקולפּטורן פון ציטרינאָוויטשן איז כאַראַקטעריסטיש זייער סטיליזאַציע, וועלכע פאראייניקט אין באַזייטיקט די איבעריקע דעטאַלן, וועלכע רופן אַזוי אָפט ארויס אין די ווערק די אזוי גערופענע „לעבער". אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די יסודות פון קוביזם, שאַפט ציטרינאָוויטש סקולפּטורן, וואָס הגם זיי זענען מאָדעלירט אייגנאַרטיק, דאָך אַנטשפּרעכן זיי דער נאַטור פונעם קעגנשטאַנד. דעם קינסטלער גייט נישט אינעם געטרייעם קאָפּירן די נאַטור, נאָר גיכער אינעם ארויסבאַקומען דעם זין פונעם געגעבענעם קעגנשטאַנד מיט דער הילף פון געשליפענע, קינסטלערישע אויסדרוק-מיטלען. דעם דאָזיקן נייעם אַספּעקט אין דער סקולפּטור האָט אויך אָנגעווענדעט ארכיפּענקאָ, חנה אָרלאָוו, זשאַק ליפּשיץ. דער לעצטער פלעגט פאַנאַנדערלייגן זיינע סקולפּטורן אויף זייערע קלענסטע קאָנסטרוקטיווע עלעמענטן. דאָס נייע אין די סקולפּטורן פון ציטרינאָוויטשן, שטעלט מיט זיך פאָר דעם אַזוי גערופענעם גאָלדענעם מיטלוועג — ווייל קאָנסטרואירנדיק דעם מאָטיוו, פארגעסט נישט דער קינסטלער וועגן זיין זאַכלעכקייט.

וועגן יאַקוב ציטרינאָוויטשן האָט געשריבן דער באַקאַנטער אוקראַיִנישער מאָלער אַדאַם טורין אין זיין קאָרעספּאָנדענץ פון פאריז, ארויסזאָגנדיק זיך וועגן דער פאריזער אויסשטעלונג פון פּוילישע מאָלער. דאָס ארטיקל איז געווען אָפּגעדרוקט אין יאָר 1936 אינעם „פשעגלאָנד ארטיסטיטשני", ער שרייבט: „נאָך איינפאַכקייט יאָגט זיך אויך ציטרינאָוויטש. ער געווינט אין דער פיינער סקולפּטור „א פרוי אין א לאַנג קלייד", אָבער פארשפּילט אינעם „קאָפּ פון א מיידל". און עס איז זייער אַ שאָד, ווייל אין אויסדרוק איז דער קאָפּ זייער א שיינער. דעם זעלבן איינדרוק פון אָרעמ

קיים פילט זיך אויך אינעם „פּרויענקערפּער“, מיט אלע מעלות און חסרו־נות פון דער דאָזיקער סקולפּטור. אין סך־הכל איז ציטרינאָוויטש אינטערעסאַנט“.

ציטרינאָוויטשעס גורל בעת דער אָקופּאַציע האָט אזוי אויסגעזען: אין זומער 1941 האָבן אים געפּאַקט די דייטשן, בעת ער האָט געפּרווט אריבערצוגיין די גרענעץ פון דעם נישט אָקופּירטן דעמלט טייל פון פראַנק־רייך. מען האָט אים אין אָנהייב פאַרשפּאַרט אינעם לאַגער באָרלאַ ראַלאַן און פון דאָרט איז ער אין יוני פון דעם צווייטן יאָר דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אָשוויענטשים, ווו ער איז אין יולי 1942 פאַרגאַזט געוואָרן.

הערש צינאַ

ער האָט געשטאַמט פון די האַנטווערקעריש-פּראָלעטאַרישע ספערן פון וואַרשע. שוין זיין אויסערלעכער אויסזען האָט עדות געזאָגט, אַז ער געהערט צו די אַרבעטער-מאַסן. פון כאַראַקטער איז ער געווען אַ מענטש אַן אומגעטלבאַרער, אָן אַנהאַרציקער אָבער שאַרפקער. אַזוי ווי ער אַליין, אַזוי איז אויך זיין קונסט געווען קאָמפּראָמיסלאָז, פּשוט און פאַרשטענדלער. אין זיין שאַפונג איז דורכגעגאַנגען אַ בולטע סאָציאַלע טענדענץ. ער האָט געפילט אַ נויטווענדיקייט אַרויסצובאַקומען געוויסע ספּעציפישע מאָטיוון און דאָס האָט אים מער אינטערעסירט ווי די ריינע קונסט.

צינאַ איז געווען אַ ביז גאָר סימפּטאָמאַטישע דערשיינונג. אין אים און אין זיין שאַפונג האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס אַלץ, מיט וואָס ס'איז אָנגעזאַפּט געווען די אַטמאָספער אין פּוילן נאָכדעם, ווען אין דייטשלאַנד איז געקומען צו דער מאַכט היטלער — ד. ה. די אָנוואַקסנדיקע פאַשיסטישע שטימונגען. צינאַ האָט זיך באַמיט מיט דער הילף פון פּלאַסטישע מיטלען צו געבן אַ לאָגישע דעפיניציע פון די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. צווישן די יונגע פּראָלעטאַרישע קינסטלער פון וואַרשע איז צינאַ געווען אַן אינטערעסאַנטע און אָריגינעלע פּערזענלעכקייט. ער האָט פיינט געהאַט נישט נאָר דעם אויסערלעכן שונא, נאָר אויך די היימישע: דעם פּוילישן פאַשיסט און דעם יידישן קליינבירגער. ער האָט זיך נישט געלאָזט פאַרפירן דורך די לויב-געזאַנגען פון דער יידישער בורזשואַזער פּרעסע. אויך די קריטיק, וואָס איז געווען געווענדט קעגן דער טעמאַטיק, וואָס ער האָט אָפּגעקליבן, איז נישט אימשטאַנד געווען אים אָפּצווענדן פון זיין אָפּגעקליבענעם וועג. אינעם פאַרבאַנד פון די יידישע פּלאַסטיקער, ווו ס'איז געפירט געוואָרן אַ הייסע דיסקוסיע וועגן זיינע אַרבעטן, האָט צינאַ דרייסט פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפּונקט, אַז דער קינסטלער דאַרף מיט זיין קונסט

פריער פאַר אַלץ דינען דער זאַך פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. אין זיינע בילדער האָט ער מיינסטנס געוויזן טרעגער, גאַסן-הענדלער, שטאָטישע אָרעמקייט, מענטשן אָן האָפענונגען, וואָס מוזן יעדן טאָג אויפסניי זיך זאָרגן צו באַקומען אַ שטיקל ברויט פאַר זיך און זייערע משפחות. פאַרשטייט זיך, אַז צינאַ, וועלכער האָט געשטאַמט פון די זעלבע ספערן, וועלכע ער האָט פאָרגעשטעלט אויף זיינע בילדער, האָט נישט געקאָנט האָבן קיין שום געמיינזאַמעס מיט די מאָלער, וועלכע האָבן פריער פאַר אַלעמען פאַרהערלעכט די פאַרב און האָבן אויסגעמיטן און אַפילו געהאַסט די טעמאַטיק, וואָס האָט באַרירט די ליידן פון מענטשן. צינאַ דאַקעגן האָט מיט זיין קונסט געקעמפט פאַר געזעלשאַפטלעכער גערעכטיקייט און האָט געטאַדלט אַלדאָס בייז און מיסברויכן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ער האָט געקאָנט איבערצייגן אַזאַ מאָלער ווי פעליקס פרידמאַן, וואָס האָט זיך נישט קיין וואַקל געטאָן צו פאַרטיידיקן דעם דאָזיקן קאָנסעקווענטן מאָלער קעגן די רעאַקציאָנערע קריטיקער. פאַרשטייט זיך, אַז די קונסט-ליבהאָבער, וואָס האָבן זיך רעקרוטירט פון די רייכע ספערן, האָבן פיינט געהאַט צינאַס קונסט, האָבן זיך אָפגעקערט פון זיינע בילדער.

צינאַ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1910 אין וואַרשע; פון די פריסטע יאָרן איז ער געצווונגען געווען צו אַרבעטן. נישט קוקנדיק דערויף, איז ער אָנגעקומען אלס סטודענט פון דער וואַרשעווער קונסט-אַקאַדעמיע, וועלכע ער האָט געענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג. אָבער די אַקאַדעמיע איז נישט אימשטאַנד געווען דעם דאָזיקן קינסטלער צו ווענדן אין דער ריכטונג פון בלויזער עסטעטישקייט. אין דער מאָלעריי האָט ער זיך געזאָרגט נישט אַזויפיל פאַרן עפעקט ווי פאַר דער עמאָציע.

אין זומער 1939 האָב איך צינאַן אָפט געטראָפן אין קוזמיר. ער האָט דאָרט אָנטיילגענומען אין דער זומער-אויסשטעלונג. מיר זענען דאָרט אָפט געווען מיט אים, מיט פעליקס פרידמאַנען און העניק ראַבינאָוויטשן.

ס'זענען אָנגעקומען די ערשטע סעפטעמבער-טעג פון יאָר 1939. פעליקס פרידמאַן איז צוזאַמען מיט זיין פרוי אָפגעפאָרן קיין וואַרשע. איך בין געווען איבערצייגט, אַז צינאַ איז צוזאַמען מיט זיי אָפגעפאָרן. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז כ'האָב געהאַט אַ טעות. ער איז געבליבן אין קוזמיר, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אָנצוקניפן מיט אים אַ קאָנטאַקט.

צוויי טעג נאָכן אָפפאָרן פון פרידמאַנען, זענען אויף קוזמיר געפאַלן די ערשטע היטלעריסטישע באָמבעס. אַ סך יידישע איינוווינער, וואָס האָבן

געוווינט אין דעם שטעטל, האָבן זיך באַמיט באַהאַלטן אין די ראָוון צווישן די וועלדער. אַזוי ווי איך האָב געוווינט אין דער הייך, נעבן די דאָזיקע ראָוון, האָבן אַ טייל פון די אַנטלויפנדיקע זיך באַהאַלטן ביי מיר. צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ געוויסער מאָלער, וועלכער האָט געאַרבעט אלס צייכענער און קאַריקאַטוריסט פאַר דעם אולשטיין-פאַרלאַג אין בערלין. אָריענטירנדיק זיך, אַז ער קאָן זיך ביי מיר איינאָרדענען, איז ער אַוועק אין שטאָט נאָך זיינע זאַכן. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל אין איינוועגס זיך דערוויסן וועגן ציגאַן און זאָל אים ברענגען מיט זיך. ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז דער מאָלער צוריקגעקומען, אָבער אליין, פאַרצווייפלדיק זיך, אַז ער האָט ציגאַן נישט געפונען. ער איז אָבער געווען שטאַרק אין כעס, וואָס איך האָב דערלויבט צו בלייבן אין מיין וווינונג נאָך אַ פּאָר אַנטלאָפענע יידן. פאַרטאָג האָט מען אונדז אויפגעוועקט און געראָטן, אַז אַלע מענער זאָלן אַוועק פאַר די דייטשן.

דער דערמאָנטער מאָלער איז קוים אָפּגעגאַנגען מיט מיר איינעקע קילאָמעטער, ווען דער וועג האָט געפירט דורך עפּעס אַ דאָרף, האָט ער מיך דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזט, מעגהדיק, אַז איך האָב אַ צו שטאַרק יידישן אויסזען. ער האָט זיך דערנאָך אומגעקערט קיין קוזמיר אין מיין וווינונג. ציגאַ, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז אַוועק פון קוזמיר קיין וואַרשע. ער איז געווען אין וואַרשעווער געטאָ אין ווי לאַנג ס'איז נאָר מעגלעך געווען האָט ער אָנטיילגענומען אין קולטור-לעבן פון געטאָ. ער האָט האָט געהערט צו דער גרופּע מאָלער פון דעם „קינסטלער-קאָאָפּעראַטיוו" אויף מילנע 9A. ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָט אָפּגערעדט צו פאַרלייגן דעם „קאָאָפּעראַטיוו" — נאָר לסוף האָט ער זיך אונטערגעוואָרפן דער מערהייט.

דעם 25 אויגוסט 1942 איז ער צוזאַמען מיט די איבעריקע מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו צוגענומען געוואָרן אויפן אומשלאַג-פּלאַץ און אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקי. אַזוי איז אומגעקומען דער דאָזיקער נישט דורכשניטלעכער מאָלער, אַ מענטש אַ פּשוטער, אמתדיקער, וועלכער האָט מיט זיין קונסט געשטרעבט צו דינען דער זאַך פון פּראָלעטאַריאַט.

סטאַניסלאַווא צענטנערשווער

צווישן די יידישע קינסטלערינס אין פוילן איז די מאָלערין סטאַניסלאַווא צענטנערשווער געווען אפשר די עלטסטע, ביי וועלכער די קונסט האָט אין זיך פאַראייניקט די יידישע און פוילישע קולטור. מען קאָן זי פאַררעכענען צו די געבילדעטסטע פרויען, וועלכע האָבן געשאַפן צום סוף פון ניינצנטן און אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. קרוב 40 יאָר האָבן אירע בילדער פיגורירט אויף פאַרשידענע אויסשטעלונגען נישט נאָר אין לאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד ווי: פראַנקרייך, דייטשלאַנד, איטאַליע און אַנדערע לענדער. אירע ארבעטן זענען הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן צוליב זייער מאָלערישער קולטור און הויכן קינסטלערישן ניוואָ. דער כאַראַקטער פון איר קונסט איז געגאַנגען אויף דער ליניע פון פּאָסט-אימפּרעסיאָניזם, אָבער איר אידעאַל איז געווען די קונסט פון וואַן גאָג (1853—1890), דעם גרויסן הומאַניסטישן מאָלער פון האָלאַנד. הגם זי האָט זיך באַמיט פאַרצושטעלן די ווירקלעכקייט, האָט אָבער ביי איר פריער פאַר אלעמען דעצידירט דער קאָלאָריסטישער וואַלאָר.

סטאַניסלאַווא צענטנערשווער האָט געשטאַמט פון ליבעראַלע יידישע קרייזן.

אין דער יוגנט האָט זי, ווייזט אויס, געהערט צום קרייז פון דער פאָרגעשריטענער יוגנט, זי האָט שטודירט פריוואַט ביי דעם אָנגעזעענעם פּראָגרעסיוון קינסטלער עדוואַרד אַדאָלף הערשטיין, ביי וועלכן ס'האָט זיך אין דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, אין יאָר 1905, געזאַמלט די פּראָגרעסיווע יידישע און נישט-יידישע קינסטלערישע אינטעליגענץ. אין די האָזיקע פאַרזאַמלונגען האָט וואַרשיינלעך אויך אָנטיילגענומען די פריילין רייכערט — די שפּעטערדיקע פרוי צענטנערשווער. הער-

שטיין, וועלכער איז פאַרפאָלגט געוואָרן דורך דער צאַרישער מאכט, איז געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן וואַרשע און אָפּפאָרן קיין איסלאַנד.

אין יענער צייט פאַרלאָזט אויך סטאַניסלאַוואַ צענטנערשווער וואַרשע און פאָרט אָפּ קיין פּאַריז אויף ווייטערדיקע שטודיעס. זי שטודירט אונטער דער לייטונג פון מאַרטען און רענאַר. אין די יאָרן 1907—1908 באַווייזן זיך אין פּאַריז אירע בילדער. אין יאָר 1909 נעמט זי אָנטייל אין דער באַר־צעלאָנער אויסשטעלונג פון פּוילישע קינסטלער עמיגראַנטן, וועלכע לעבן אין פּאַריז. אין דער דאָזיקער אויסשטעלונג האָבן אָנטיילגענומען די שפּע־טערדיקע באַרימטע פּוילישע קינסטלער ווי: אָלגאַ באָזנאַנסקאַ, לעאָפּאָלד גאָטליב, ראָמאַן קראַמשטיק און דער סקולפּטאָר עליע נאַדעלמאַן.

שפּעטער קערט זי זיך אום קיין וואַרשע. זי נעמט אָנטייל אינעם אָרגאַ־ניזירן די געזעלשאַפט „יונגע קונסט“ און שטעלט אויך אויס אירע בילדער אויף דער ערשטער אויסשטעלונג פון דער געזעלשאַפט צוזאַמען מיט די קינסטלער: טאַדעוש פּרושקאָווסקי, מאַריאַ ווערטענשטיין, ווי אויך מיט דעם דעמאָלט יונגן גראַפיקער־סאַטיריקער יעזשי זאַרובאַ און אַנד.

אין יאָר 1913 האָט סטאַניסלאַוואַ צענטנערשווער אָנטיילגענומען אין דער צווייטער אויסשטעלונג פון „יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקער אין וואַר־שע“ אין דער לוקסעמבורג־גאַלעריע אויף סענאַטאָרסקע*. דאָס איז געווען אַ קאָלעקטיווע אויסשטעלונג, אין וועלכער ס'האָט אויך אָנטיילגענומען מאוריצי מינקאָווסקי און דער סקולפּטאָר אייזענבערג. די אויסשטעלונג פון די דריי קינסטלער איז געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ דעמאָנסטראַציע, ווייל די קינסטלער האָבן די אויסשטעלונג איינגעאָרדנט, כדי צו געבן אַ מעגלעכקייט צו זען זייערע אַרבעטן די ברייטסטע קרייזן פון דער ייִדי־שער באַפעלקערונג, וואָס האָבן צוליב די אָפטע שיקאַנעס, אויסגעמיטן די „זאַכענטאַ“.

פונעם יאָר 1918 טרעפט מען ווידער די אַרבעטן פון סטאַניסלאַוואַ צענטנערשווער אויף די אויסשטעלונגען אין „זאַכענטאַ“. שפּעטער, נאָך דער גרינדונג פון דער יידישער קונסט־געזעלשאַפט, באַווייזן זיך אָפט אירע אַרבעטן אויף די אויסשטעלונגען, וואָס די דאָזיקע געזעלשאַפט אָרדנט איין, הגם אירע בילדער האָבן נישט פאַרמאָגט קיין שום ספּעציפיש יידישע מאָטיוון.

* נח פּרילוצקים כתבים ב. I „באַרג אַרויף“, וואַרשע 1917.

צענטנערשווער איז געווען א מאָלערין — אן אימפּערסיאָניסטין, און די טעמע פון איר מאָלעריי איז הויפּטזעכלעך געווען די נאַטור. זי איז געווען זייער פילבאַר אויף פאַרבן און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זייער א פיינעם קאָלאָריסטישן געשמאַק. איר מאָלעריי איז געווען אָנגעזאַפּט מיטן גייסט פון וואַן גאָג, גאָגען, פּיסאַראָ. זי האָט טיף אָפּגעפילט די פּוילישע נאַטור און זי ארויסגעבראַכט אין איר גאַנצער שיינקייט און אייגנאַרטיקייט. אין יענער צייט איז איר קונסט געווען שטאַרק נאָוואַטאָריש.

אין יאָר 1924 אָרדנט די קינסטלערין איין אן אויסשטעלונג פון אירע בילדער אינעם קונסט-סאַלאָן פון גארלינסקי אויף דער מאַזאָוויעצקע. זי איז שוין דעמלט א רייפע מאָלערין, וועמענס ארבעטן מען באַוווּנדערט נישט בלויז צוליב דער שיינקייט פון זייער קאָלאָריט, נאָר אויך צוליב זייער שטימונג און הויכן קינסטלערישן ניוואָ. דאָרט זענען געווען בילדער, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אינטערן איינדרוק פון פּערזענלעכע איבערלעבונגען פון דער קינסטלערין, בעת איר זיין אין פראַנקרייך און איטאַליע.

צו די אינטערעסאנטסטע ארבעטן אירע האָבן געהערט די בילדער, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט די פּרעכטיקע פּאַלאַצן פון די ווענעציאַנישע דאָזשן, די אַלטערטימלעכקייטן פון פלאָרענץ, נעאַפּאָל, פּאַריז, ווי אויך די בילדער פון קאַזשימיעזש דאָלני און קראָקע, אָדער די בילדער, וואָס שטעלן פאָר לאַגאָ די גארדאָ, צי די לאַנדשאַפטן פון דער הוצולן-געגנט, וואָס איז פול מיט אייגנאַרטיקער שיינקייט, צי א יאריד אין א פּויליש שטעטל מיט זיין גאַנצער קאָלירפולקייט און טומל. הגם זי האָט זיך הויפּטזעכלעך אויסגעלעבט אין ווארעמע טאָנאַציעס, איז זי אויך אימשטאַנד געווען איבערצוגעבן ראָמאַנטישע שטימונגען, מאָלנדיק אלטע מויערן, אָדער הינטערשטאָטישע געסלעך. אירע פּאָרטרעטן דאַקעגן האָבן שוין נישט פאַרמאָגט די ווייכקייט און פליסיקייט, מיט וועלכער ס'זענען אָנגעזאַפּט געווען אירע נאַטור-בילדער, בלומען אָדער „שטיל-לעבנס“. די קינסטלערין האָט, וואָס אן אמת, געשטרעבט פאָרצושטעלן די מענטשלעכע געשטאַלטן אין די העכסטע קאָלאָריסטישע גאַמעס, אָבער דער מענטש מיט זיין פּסיכיק האָט צעשטערט און טיילווייז פאַרניכטעט די קאָנצעפּציעס פון דער קינסטלערין. זי האָט געשאַפן מיט א סך פּאַסיע, די מאָלעריי איז געווען פאַר איר אין א געוויסער מאָס א דידאַקטישע פונקציע, מיט דער הילף פון וועלכער זי האָט אויסגעדריקט אירע געדאַנקען. מ'האָט געפילט, אז די קינסטלערין שטרעבט צו פאַרשאַפן דעם צושויער וואָס מער פרייד. אירע ארבעטן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט א סך דרייסטקייט, אין איר שאַפן האָט זי אויסגע-

מיטן איבעריקע איינצלהייטן און באַמיט זיך אירע בילדער צו מאַכן וואָס אײדעלער.

וויאַזוי ס'זענען אָפּגעשאַצט געוואָרן די שאַפֿונגען פֿון דער קינסטלערין, זאָגט עדות דער פֿאַקט, וואָס הגם זי האָט נישט געהערט צו קיין שום קינסטלערישער גרופּירונג, איז זי ווי אַן אומאָפּהענגיקע איינגעלאַדן געוואָרן אָנטייל צונעמען אין דער אַלגעמיינער אויסשטעלונג פֿון דער פּוילישער קונסט אין פּויזן אין יאָר 1929. אין אַ יאָר אַרום נעמט סט. צענטנערשווער אָנטייל אין דער אַזוי גערופֿענער נאָוועמבער־אויסשטעלונג, איינגעאָרדנט דורכן „איפּס“ אינעם הויז פֿון די באַרימטשקעס אויף אַלטשטאָט אין וואַרשע. די דאָזיקע אויסשטעלונג איז געווען אַן אויסדרוק פֿון פּראָטעסט קעגן דעם נידעריקן ניוואָ פֿון די אויסשטעלונגען אין „זאַכענטאַ“ און קעגן דער רעאַקציאָנערער איינשטעלונג פֿון איר לייטונג.

אין דעם זעלבן יאָר (1930) נעמט די קינסטלערין אָנטייל אין דער אויסשטעלונג פֿון פּוילישע קינסטלערינס אינעם שטאָטישן מוזיי אין בידגאָשטש. אין יאָר 1932 שטעלט זי אויס אַ גרעסערע צאָל פֿון אירע בילדער אין דער יידישער געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרייטן קונסט, און אין יאָר 1934 נעמט זי ווידער אָנטייל אין דער אויסשטעלונג פֿון פּוילישע קינסטלערינס אין וואַרשע. אין דריי יאָר אַרום רעפּרעזענטירט סטאַניסלאַוואַ צענטנערשווער צוזאַמען מיט אַ פּאָר חברטעס אירע, די פּוילישע קינסטלערינס, אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג פֿון קינסטלערינס אין פּאַריז. איר גרויסן טאַלאַנט האָבן געלויבט אין זייערע רעצענזיעס קונסט־היסטאָריקער און רעצענזענטן פֿון אַזאַ מדרגה, ווי נח פּרילוצקי, סטעפֿאַניאַ זאַהאָרסקאַ, מיעטשיסלאַוו טרעטער, וואַצלאַוו הוסאַרסקי, לעאָן סטראַקון און אַלמע קאַציזנע. זיי האָבן אָפֿט אונטערגעשטראָכן דעם הויכן ניוואָ פֿון אירע בילדער, וועלכע האָבן זיך אויסגעטיילט צווישן די אַרבעטן פֿון אַנדערע קינסטלער.

לאָמיר דערמאָנען אייניקע אירע מער באַקאַנטע בילדער. פֿון איר רייזע איבער יוגאָסלאַוויע האָט זי מיטגעבראַכט אַ נאַטור־בילד, וואָס שטעלט פֿאָר די מאָלערישע שטאָט מאָסטאַר אין הערצעגאָווינע. אין דער דאָזיקער אַרבעט איז דער קינסטלערין געלונגען אַרויסצוברענגען די אייגנאַרטיקייט פֿון דער דאָרטיקער לאַנדשאַפֿט, וועלכע פֿאַרוואונדערט נישט נאָר מיט דער רייכקייט פֿון דער נאַטור, נאָר מיט דער אומוויטלבאַרער ווירקונג אויפֿן צושויער. אויך אין טעכנישן זין פֿאַרמאָגט דאָס בילד זעלטענע וואַלאָרן: אַ גרויסע באַהערשונג פֿון דער קונסט פֿון געשטאַלטיקן,

טיפקייט פֿון דער פּערספּעקטיווישער באַנעמונג און באַהאַוונטקייט אינעם פֿולסטן אַרויסברענגען די כאַראַקטעריסטישע אַטמאָספֿער. אויפֿן ערשטן פּלאַן פֿונעם בילד זעען מיר אַ שטיינערנע שמאָלע בריק אין דער פֿאָרם פֿון אַ בויגן, אונטער וועלכן עס שימערט די זילבער־גרינע טיפֿקייט פֿון טייך נאַרעוו. ביי ביידע שפּיצן פֿון דער בריק זעען מיר די טורעמס פֿון די מאָלערישע שלעסער; ווייטער אויפֿן פּלאַן פֿון דער באַרגיקער לאַנדשאַפֿט זעען מיר די דאָ און דאָרט צעוואָרפֿענע רואינען. דאָס אַלץ טוקט זיך אין דעם פּערל־גראָען אָפּשיין, וואָס פֿילט אָן דאָס גאַנצע נאַטור־בילד מיט אַ שטאַרקער עלעגישער שטימונג. אויך אירע בילדער, וואָס שטעלן פֿאָר ווינטער, אָט די פּרעכטיקע שטאָט, וואָס שפּיגלט זיך אין וואַסער, זענען פֿול מיט די עפּעקטפֿולע פֿאַרבן־וויבראַציעס. מיט דעם באַהאַוונט אויג פֿון אַן אורבאַניסט און מיטן געפֿיל פֿון אַ קינסטלער האָט זי אויסגעדריקט די גאַנצע אייגנאַרטיקייט פֿון דעם פּראַכטפֿולן נאַטור־בילד.

אין דער היים דאַקעגן, אין איינעם פֿון די רירעוודיקסטע פּונקטן פֿון וואַרשע, אין דער אַטמאָספֿער פֿון מסחר אין האַנדל־וואַנדל, האָט די קינסטלערין געמאָלט בלומען און „שטיל־לעבנס“ און פֿון צייט צו צייט אויך אַקטן, ווי וועלנדיק זיך אָפּטיילן, איזאָלירן פֿון דעם אַרומיקן טומל. זי האָט אויך ליב געהאַט צו מאָלן וויים־ראָזע אַנעמאָנען, די דאָזיקע בלייכע בלומען, וואָס זאָגן אָן דעם אָנקום פֿון אַ ניי, רייך לעבן אין דער נאַטור.

סטאַניסלאַוואַ צענטנערשווער האָט געשטרעבט צו באַפֿרייען זיך פֿון דער סכעמאַטישקייט, צו וועלכער ס'האָט זיך שוין דעמלט דערקייקלט דער אימפּרעסיאָניזם. פֿאַרמאָגנדיק אַ טיפֿן חוש פֿאַר פֿאַרבן און באַהערשנדיק גלענצנד די עלעמענטן פֿון צייכענען, האָט זי אין אַלע אירע בילדער אַרויסגעוויזן אַ הויכן ניוואָ פֿון קונסט. אין יעדן בילד אירן פֿילט זיך אַרויס איר אינדיווידועלקייט. זי איז אין איר מאָלעריי אַ ליריקערין, אירע בילדער זענען אָנגעזאַפּט מיט פּאָעזיע.

סטאַניסלאַוואַ צענטנערשווער האָט אָפּגעהיט איר געפֿיל פֿאַר דער האַרמאָניע פֿון פֿאַרבן ביז די טראַגישע געשעענישן אין סעפּטעמבער 1939 יאָר. אירע בילדער האָבן זיך נישט באַגרענעצט צו די לאָקאַלע וואַרעמע אָדער קאַלטע טענער, נאָר זי האָט זיך באַמיט אַרויסצוברענגען פֿון יעדער טעמע אירע וועזנטלעכסטע שטריכן. דערפֿאַר פֿאַרשאַפֿן אירע בילדער עפּעס מער ווי אַ ציימווייליקן פֿאַרגעניגן.

נאָכן אָנפֿאַל פֿון די היטלעריסטישע האָרדעס אויף פּוילן, איז דער קינסטלערין געלונגען, צוזאַמען מיט איר מאַן און טאָכטער, אַריינצובאַקו=

מען זיך קיין ביאַליסטאָק. די טראַגישע איבערלעבונגען האָבן אויך געווירקט אויף דער קונסט פון דער באַרימטער קינסטלערין. אירע בילדער, וואָס זי האָט געשאַפן אין ביאַליסטאָק אין דער צייט פון פאַרן געטאָ, דאָס הייסט בעת דער סאָוויעטישער מאַכט, זענען רעאַליסטיש און גלייכצייטיק רייך אין דער קאָלאָריסטיק, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר איר. די בילדער פון יענעם פעריאָד, וועלכע ס'איז געלונגען אָפּצוראַטעווען, ווייזן אַרויס אַ וואונדערבאַרע קראַפט פון געשטאַלטיקן די פיגור.

אין יוני 1941 האָט זיך סטאַניסלאַוואַ צענטנערשווער געפונען אין זייער אַ שווערער לאַגע; איר גאַנצע פאַמיליע ווערט פאַרשפאַרט אין ביאַליסטאָקער געטאָ. בלויז איר איידעם, אַלס אַריער, געפינט זיך אויסערן געטאָ. איר טאָכטער, הגם זי האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זיין אויסער די מויערן פון געטאָ, האָט נישט געוואָלט זיך שיידן מיט די עלטערן.

אין געטאָ האָט די קינסטלערין, אַזוי ווי אַ סך יידישע קינסטלער, געאַרבעט אינעם מאָלער=אַנשטאַלט פון סטעפענסן, ווו מ'האָט געצוווּנגען די יידן צו קאָפּירן די באַרימטע ווערק פון די וועלט=מייסטער און (ווי איראָניש דאָס זאָל נישט קלינגען) אויך פון דייטשישע ווי: דירער, גראַנאַך און אַנד. די גאַנצע פאַמיליע צענטנערשווער איז אומגעקומען בעת דער „אויסזידלונג" פון ביאַליסטאָקער געטאָ.

די צענטנערשווערס האָבן יאָרנלאַנג געוווינט אין וואַרשע אויף דער האָזשע 49. עס פלעגן צו זיי אַריינקומען פאַר דער מלחמה פאַרשידענע מענטשן פון דער שעפערישער וואַרשעווער אינטעליגענץ. דער קינסטלערינס מאַן איז געווען א באַקאַנטער רעצענזענט פון קינסטלערישע אויסשטעלונגען און מוזיקאַלישע אימפּרעזן. דאָס הויז, אין וועלכן זיי האָבן געוווינט, האָט נאָך דער אָקופּאַציע פאַרגעשטעלט מיט זיך א טרויעריק בילד. ס'איז געבליבן בלויז דאָס טויער און צוויי פענצטער, ווי צוגעקלעפּט צו אים. די אָפיצינעס פונעם הויז זענען ניצול געוואָרן.

נאָך מיין אומקערן זיך קיין וואַרשע, האָב איך געזוכט וועלכע ס'איז נאָענטע אָדער באַקאַנטע פון די צענטנערשווערס, קיינעם אָבער פון די דעמאָלטיקע איינוווינער פונעם הויז איז דער נאָמען פון דער קינסטלערין נישט באַקאַנט געווען. אַזוי אַרום איז פאַרשוווּנדן אין וואַרשע יעדער שפּור נאָך דער באַקאַנטער גרויסער מאָלערין סטאַניסלאַוואַ צענטנערשווער.

יאָאַכים קאַהאַנע

יאָאַכים קאַהאַנע איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1890 אין זאבקי נעבן טאַרנאָפּאָל. זיין קונסט איז געווען פאַרבונדן מיט די בעסטע טראַדיציעס פון דער יידישער אָרנאַמענטיק. אָנשפּאַרנדיק זיך פון איין זייט אויף דער יובילערקונסט, ווי אויך אויף די דינע אויסאַרבעטונגען פון קליינע קעגנשטאַנדן פון רעליגיעזן כאַראַקטער, ווי בשמים־בעקסלעך, טאַצן, כתרים און ענלעכע. פון דער צווייטער זייט, נעמענדיק אין אַכט די מצבה־אָרנאַמענטיק — האָט קאַהאַנע געשטרעבט אַרויסצובאַקומען א סינטעזע פון דער יידישער אָרנאַמענטיק, דורכפלעכטנדיק זי מיט פאָלקסטימלעכע עלעמענטן.

קאַהאַנע האָט געשאַפן הויפּטזעכלעך אין קופּער אָדער מעש־בלעך. דערביי זענען זיי אַזוי אויסגעטאָקט געוואָרן, אַז די שאַפונגען, וואָס זענען

ארויס פֿון זײַנע הענט, האָבן נישט נאָר געהאַט אַן אָטילימאַרן ווערט, נאָר זענען געווען ריינדיק מיט זייער שיינקייט און אויסשפּראַך. ער האָט זעלטן באַנוצט צו זײַנע אויסאַרבעטונגען אײַדעלע מעטאַלן, נאָר אויך אין דעם מאַטעריאַל האָט ער געקאָנט אויסקריצן די אײַדלסטע מוסטערן, וואָס האָבן פֿאַרמאָגט אַן אומפֿאַרגלײַכלעכן ריטם. קאַהאַנעס אָרנאַמענטיק דערווײַטערט זיך נישט שטאַרק פֿונעם באַראָק, ווען די דאָזיקע קונסט־צווײַג האָט בײַ ייִדן שטאַרק געבליט. דאָך איז קאַהאַנע נישט געווען קיין עקלעקטיקער, פֿאַרקערט, ער זאַפּט אָן זײַן פֿאָלקס־קונסט מיט אַ נײַעם אינהאַלט. יאָאַכים קאַהאַנע איז אין דער דאָזיקער קונסט־צווײַג נישט געווען איין־און־איינציק. אין דער פֿאָרם האָבן אויך געשאַפֿן מאַרק שוואַרץ, ווינצענטי בראַונער, ווי אויך דער ייִנגערער פֿון זיי יוזעף שליוואַניאַק און חיים האַנפֿט. מען מוז אָבער אונטערשטרײַכן, אַז אין קאַהאַנעס קונסט איז די פֿאָלקסטימלעכקייט אויסגעדריקט טיפֿער און אייגנאַרטיקער, ווי בײַ די אויבן אויסגערעכנטע, חוץ דעם, איז זי אויסדריקלעכער און אָריגינעלער. עס פֿילט זיך בפּירוש, אַז דער קינסטלער האָט גענוי דורכשטודירט דעם רײַכן געביט פֿון דער פֿאָלקס־קונסט און, באַהערשנדיק גלענצנד די סקולפּטור־ און גראַווירער־טעכניק, האָט ער געקאָנט זײַנע שאַפֿונגען צוגעבן די קאָמפּליצירטסטע פֿאָרמען. ער האָט געקאָנט אַרויסבאַקומען אין בלעך ווייך און ריטמיש די דעליקאַטסטע ליניעס אַזוי ווי ער וואָלט זיי געצייכנט מיט אַ בלײַשטיפֿט.

פֿון אונטער זײַן קריץ־אינסטרומענט האָבן זיך אַרויסבאַקומען די פֿיגורן פֿון פֿרייען אויפֿן פֿאָן פֿון אַ דייטלעך אַרויסגעבראַכטן לאַנדשאַפֿט, פֿון ביי־מער, וואַסער־גראָזן, פֿייגל און דגל. קאַהאַנע האָט אויך געקריצט פֿיגורן פֿון מזל־צייכנס, מאָגנאַשקעס, טיפּן פֿון ייִדן, אַ וואַסערטרעגער, לאַדזשער טרע־גערס, גרופּן־סצענעס און אַ סך אַנדערע. די דאָזיקע מאָטיוון זענען געווען ביבלישע מאָטיוון, וועלכע ער האָט פֿאַרטיפֿט און פֿאַרמירט הײַנטצײַטיק.

ער האָט זיי געוויזן אויפֿן פֿאָן פֿון אַן עקזאָטישן לאַנדשאַפֿט מיט משונה־דיקע געוויקסן און פֿאַנטאַסטישע חיות. די פֿאַונע און פֿלאָרע, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אויף זײַנע פּליטעס, האַרמאָניזירן גלענצנדיק מיט די פֿאַרגעשטעלטע סצענעס. איינע פֿון זײַנע אַרבעטן שטעלט פֿאָר אַן אָרנאַ־מענטיק פֿון אַלעגאָרישע מאָטיוון, טויבן און הירשן. דאָס זעלבע איז די קאָמפּאָזיציע פֿון מעטאַל, וועלכע שטעלט פֿאָר אַן ארון, פֿול מיט פֿאַנטאַס־טישע פֿאָרמען פֿון חיות. נישט קוקנדיק אויפֿן אַרכאַישן כאַראַקטער פֿון קאַהאַנעס אָרנאַמענטיק, איז דער סטיל פֿון זײַנע שאַפֿונגען אינטערעסאַנט און מאָדערן.

יאָאַכים קאַהאַנע איז לאַנגע יאָרן פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַ לערער אין אַ לאָדזשער גימנאַזיע. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די פּעדאַגאָגישע אַרבעט האָט אים צוגענומען אַ סך צייט און כוחות, האָט ער פֿונדעסטוועגן נישט פֿאַרנאַכלעסיקט די קינסטלערישע אַרבעטן, וואָס האָבן פֿאַרלאַנגט אַ סך אינוועניג און מי. ער האָט אויך אילוסטרירט אַ יידישע כרעסטאָמאַטיע, באַווייזנדיק דערמיט, אַז ער איז אויך געווען נישט קיין שלעכטער מאָלער און צייכענער.

אָנהייבנדיק פֿון יאָר 1930, הייבן זיך אָן צו באַווייזן זיינע אַרבעטן אויסשטעלונגען און רופֿן אַרויס גרויס פֿאַראינטערעסירונג מיט זייער ספּעציפֿישער באַהאַנדלונג פֿון דער טעמע. ער נעמט אָנטייל צוזאַמען מיט אַ גרופּע קינסטלער אין די אויסשטעלונגען אין קאַטאָוויץ, סאָסנאָוויץ און אין אַנדערע שטעט.

אויף דער קאַטאָוויצער אויסשטעלונג האָבן זיך באַוויזן אַרבעטן פֿון אַ ספּעציפֿישער יידישער טעמאַטיק ווי: „דאָס געסל“, „די רויז“, „דער וואַסערטרעגער“ ווי אויך באַפּוצטע טעלער און אַ העגנגלייכטער. אין יאָר 1939 האָט די לאָדזשער „פֿאָרמאַ“ געבראַכט קאַהאַנעס אַ רעפּראָדוקציע פֿון אַ גרויסער קאָמפּאָזיציע אויסגעפֿירט אין בלעך, וואָס שטעלט פֿאָר פֿאַנטאַסטישע געוויקסן און חיות. דערביי איז דאָס אַלץ זייער מאָדערניסטיש באַנומען. יאָאַכים קאַהאַנע האָט אויך זייט דעם יאָר 1932 אָנטיילגענומען אין אַ סך אויסשטעלונגען פֿונעם „איפּס“.

נאָך סעפּטעמבער 1939 האָט מען וועגן קאַהאַנען גאָרנישט געהערט. ער איז אומגעקומען אין לאָדזש אָן אײנזאַמער און אין גרויסער נויט.

אין דער פּערזאָן פֿון יאָאַכים קאַהאַנע איז אומגעקומען איינער פֿון די לעבעדיקסטע טאַלאַנטן פֿון דער רעליעף־קונסט, וועלכער האָט די דאָזיקע קונסט־צווייג באַרייכערט מיט נייע און אינטערעסאַנטע עלעמענטן.

וואָלף־וויטאַל קאַפּלאַנסקי

וואָלף קאַפּלאַנסקי האָט שטודירט אויף דער אָפּטיילונג פֿון קונסט אויפֿן אוניווערסיטעט פֿון סטעפֿאַן באַטאָרי אין ווילנע. דאָס איז געווען אַ יונגער מאָלער מיט אַ פֿלאַמיקן טעמפּעראַמענט און אַ פֿעסטער פּויערישער נאַטור. וואָלף איז געווען אַן אינטעליגענטער און טאַלאַנטירטער בחור, אָבער זייער אַן עקסצענטרישער. ס'פֿלעגט טרעפֿן, אַז אונטער דער ווירקונג פֿון וועלכן ס'איז קוים באַמערקבאַרן אימפּולס פֿלעגט אין אים אויסברעכן אַ גאַנצער שטורעם.

נישט קוקנדיק אויף דער דאָזיקער נישט באַהערשטקייט, וואָס האָט אים ביי דעם יונגן עלטער אָפּט דערפֿירט צו ראַשיקע אַרויסטרעטונגען, האָט קאַפּלאַנסקי פֿאַרמאָגט אין זיך אַ סך חנעוודיקס און אַ געוויסע מילדע נאַיווקייט. ער האָט שטודירט אין ווילנע אין דער צייט, ווען אין לאַנד איז דורכגעגאַנגען אַ ווילדע כוואַליע פֿון אַנטיסעמיטיזם, ווען אויף די אוניווערסיטעטן האָבן די ענדעקישע סטודענטן איינגעאָרדנט אַנטיסעמיטישע עקסצעסן. אַזוי איז אויך געווען אין ווילנע. די יידישע סטודענטן פֿון דער ווילנער הויכשול האָבן, פּונקט אַזוי ווי אין די איבעריקע הויכשולן, אַנטקעגנגעשטעלט זיך דער געשאַפֿענער רעכטער און לינקער זייט אין די לעקציע־זאַלן. אויף דעם דאָזיקן באָדן פֿלעגט אָפּט דערגיין צו שטורמישע און אַפֿילו בלוטיקע אַוואַנטורעס. אויך קאַפּלאַנסקי איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַזאַ אַוואַנטורע צוליב וואָס ער איז אין יאָר 1937 באַזייטיקט געוואָרן פֿון אוניווערסיטעט. קאַפּלאַנסקי האָב צוליב דעם ווייניק וואָס פֿאַרלוירן, ווייל די הויכשול האָט אים קיין סך נישט געקאָנט געבן.

קאַפּלאַנסקי איז געווען אַן אינטערעסאַנטער פּלענער־מאָלער. זיינע בילדער האָבן פֿאַרמאָגט עפּעס אַ מין עקזאָטישע טאָנאַציע פֿון נישט געוויינלעכע פֿאַר אונדזער באָדן קאָלירן. ס'קאָן מעגלעך זיין, אַז די דאָזיקע

בונטקייט איז געווען אַ פועל־יוצא פון דעם פלאַמיקן טעמפּעראַמענט, וואָס דער עטלעכע און צוואַנציק יעריקער בחור האָט פאַרמאָגט. זיין באַנוצן זיך מיט אַזעלכע הייסע קאָלירן איז ענלעך געווען צו דעם פוצן זיך פון אַ יינג־מיידל אין קאָלירטע קליידלעך. דער דאָזיקער יונגער בלאָנדער בחור, וואָס האָט גערעדט אַ פּרעכטיקן יידיש, האָט אויך געדרוקט אינטערעסאַנטע אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע טעמעס און וועגן קונסט־פראַגן. ער זאָל אויך האָבן געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער צייטשריפט „פרייע שריפטן", ער האָט פאַרעפנטלעכט רעצענזיעס וועגן די קונסט־אויסשטעלונגען. צווישן אַנדערע האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ נעקראָלאָג וועגן זיין געוועזענעם פּראָפעסאָר פערדינאַנד רושטשיץ און אַ באַריכט וועגן דער אויסשטעלונג פון זיינע ווערק, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן נאָכן טויט פון דעם דאָזיקן גרויסן מאָלער. דאָס אַרטיקל וועגן רושטשיצעס שאַפן האָט קאַפּלאַנסקי אָנגעשריבן מיט אַ סך געפיל און קענטעניש פון דער פראַגע. אין זיינע ליטעראַרישע סקיצן איז ער געווען זייער פּינקטלעך און האָט וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט זיינע טעזן.

אין הסכם מיט זיין טעמפּעראַמענט האָט ער אָרגאַניש נישט פאַרטראָגן דאָס אַרומגיין ליידיק אַפילו אין משך פון דער קורצסטער צייט. ביי־טאָג האָט ער מייסטנס געמאָלט און ביינאַכט האָט ער געשריבן וועגן קונסט־פראַגן אָדער געשאַפן לידער. ער איז געווען זייער אַ פּינקטלעכער און זיין אָרעם במעט ליידיק צימערל פלעגט תמיד זיין אידעאַל ציכטיק און אויפגערוימט. די באַמיונגען פון אַ דעלעגאַציע פון דער יידישער יוגנט ביים רעקטאָר פון אוניווערסיטעט וועגן צוריקציען די באַזייטיקונג פון קאַפּלאַנסקין פונעם אוניווערסיטעט האָט נישט געבראַכט קיין שום רעזולטאַט. קאַפּלאַנסקי האָט דעריבער פאַרלאָזט ווילנע און איז אָפּגעפאָרן קיין לאָדזש. דאָ האָט ער זייער פלייסיק געאַרבעט און אין משך פון במעט אַ יאָר צייט נאָכן פאַרלאָזן ווילנע געשאַפן אַזויפיל בילדער, אַז ער האָט געקאָנט איינאָרדענען אַן אויסשטעלונג פון די אייגענע אַרבעטן. די לאָדזשער פּרעסע, ווי אויך די אָרטיקע קונסט־ליבהאָבער, האָבן מיט פאַראינטערעסירונג אָבסערווירט די דערגרייכונגען פונעם יונגן מאָלער.

אין יאָר 1938 האָט קאַפּלאַנסקי איינגעאָרדנט אין ווילנע אַ געזאַמלטע אויסשטעלונג פון זיינע אַרבעטן. ער האָט דעמלט אויסגעשטעלט אַ סך פּייזאַזשן, פאָרטרעטן און שטיל־לעבנס. קאַפּלאַנסקי האָט מייסטנס געמאָלט מיט אַקוואַרעל־פאַרבן, זייער זאַפטיקע און געשמאַקע. זיינע בילדער זענען ס׳רוב געווען רעאַליסטיש. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָבן צוגע־

צווישן די בילדער זיינע, וואָס האָבן פֿאַרגעשטעלט די אינגעווייניקסטע טיילן פֿון שולן. זיי זענען אויסגעפֿירט געוואָרן מיט אַ סך פּיעטעט און פּאַטעטישן שוווּנג.

וואָלף קאַפּלאַנסקי האָט, זייענדיק אין ווילנע, זיך אַ נאָמען געגעבן ווי־טאַל, אויס דאַנקבאַרקייט פֿאַר דער מאַטעריעלער און מאָראַלישער הילף, וועלכע ער האָט באַקומען בעתן שטודירן מצד דער דאָקטאָרין וויטע לעווין, אַ באַקאַנטע אין ווילנע געזעלשאַפֿטלעכע טוערין און פּעדאַגאָג. זי האָט אָפּגעגעבן אַ סך צייט אויף איינאָרדענען קאַפּלאַנסקיס בילדער־אויסשטע־לונג. וועגן דער דאָזיקער אויסשטעלונג האָבן געשריבן: בער זאַלקינד, נפתלי ווייַנינג ווי אויך דער מחבר פֿון דעם בוך („צו אַ יונגן קינסטלער“), אונ־טערשטרייכנדיק די פֿעיקייט פֿון דעם יונגן מאָלער, וואָס גיט אַזויפֿיל האָפֿענונג.

נאָך סעפּטעמבער 1939 איז קאַפּלאַנסקי אָפּגעפֿאָרן קיין ווייסרוסלאַנד. ביז יוני 1941 האָט ער אויפֿגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט זיינע ווילנער פֿריינד. נאָכדעם איז פֿאַרשווּנדן יעדער שפּור נאָך אים. מ'זאָל אים האָבן, צוזאַמען מיט דער איבעריקער יידישער באַפֿעלקערונג פֿון ביאַליס־טאָק (אָדער אומגעגנט) ארויסגעפֿירט אין טויט־לאַגער טרעבלינקי.

חנה קאָוואַלסקאַ

דאָס לעבן פון דער דאָזיקער קינסטלערין איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון די גייסטיקע פאַרענדערונגען פון דעם דור, אין וועלכן די קינסטלערין האָט געלעבט. חנה אַליין איז געווען ווי אַ בלום, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דער אַלטער יידישער טראַדיציע. ביי איר האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן אַן אַנדער מין אינטעלעקט, וואָס איז געווען אין פולשטענדיקן קאָנטראַסט צו דעם אַלעם, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר איר היים. שוין אין די ערשטע יאָרן האָט זי זיך אָריענטירט, אַז די יוגנט דאַרף נישט און קאָן נישט גיין מיטן וועג פון אירע עלטערן. חנהס פאָטער, לייב קאָוואַלסקי, וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן אינעם ערשטן סעניאַט אין די יאָרן 1922 — 1927 פון דער ליסטע פון „מזרחי“ — איז געווען אַ רב אין וולאָצלאַוועק. זי אַליין איז געווען אַ רירעוודיקע, מיט זייער אַ דינאַמישן אינטעלעקט און לאָגישן געדאַנק. אַוועקוואַרפנדיק די רעליגיעזע טראַדיציע, האָט זי אָנגעהויבן אַריינצושמוגלען אין איר היים פאָרגעשריטענע אידעען. זי האָט זיך נישט איינמאָל געגומען די דרייסטקייט ארויסצוזאָגן אין דער אָנוועזנהייט פונעם פאָטער אפּיקורסישע געדאַנקען.

שוין אַלס 16-יאָריק מיידל האָט חנה געפילט אַ נייגונג צו מאָלעריי און האָט געשטרעבט די אַלע טיפן, וואָס פלעגן אַדורכגיין פאַר אירע אויגן, פאַראייביקן אין בילדער. אַ לאַנגע צייט האָט זי אָבער געמוזט אויסבאַהאַלטן אירע שטרעבונגען און איר נייגונג צו קונסט. דאָס דאָזיקע שטאָלצע מיידל האָט פאַרמאָגט אַ טיפע לעבנס-פרייד און אַ וואַרעם מיטפילנדיק האַרץ פאַר דער מענטשלעכער נויט. זי ווערט זייער יונג אַ לערערין אין אַ גרונט-שול, וועלנדיק זיין, אין די ראַמען פון אירע כוחות, נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט. שוין אין יאָר 1920 נעמט חנה קאָוואַלסקאַ אַן אָנ-

טייל אין דער אויסשטעלונג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער יידישער קהילה. נאָך אַ פּאָר יאָר אַרבעט אינעם שול־וועזן, באַשליסט חנה זיך אינגאַנצן ווידמענען דער קונסט. זי וויל דערקענען די וועלט. אין יאָר 1927 פאָרט זי אַרויס קיין בערלין, וואָס איז דעמלט געווען אַ צענטער פאַר די קינסטלער פון פאַרשידענע לענדער. אין בערלין האָט דעמלט געלעבט דער גרויסער יידישער היסטאָריקער דובנאָוו. אין בערלינער טעאַטער איז אַרויסגעטרעטן דער טאַלענטירטער אַקטיאָר אַלעקסאַנדער גראנאך, וועלכער האָט אויך אנטיילגענומען אין יידישע פאָרשטעלונגען. אין בערלין האָט זיך נישט איינמאָל פאַרהאַלטן ביאַליק, שלום אַש, בערגעלסאָן, דער נסתר, דאָרט האָט אויך אָפּט פאַרבראַכט נחמן מייזיל. ס'האָבן דאָ געלעבט יידישע קינסטלער פון פוילן: עדוואַרד הערשטיין, באַרטשינסקי, ווי אויך דער מוזיקער בראָניסלאַוו הובערמאַן. אינעם „ראָמאַנישן קאַפע“ האָט מען געקאָנט הערן די פוילישע און יידישע שפּראַך אַזוי ווי אין וואַרשע. חנה האָט אין בערלין שטודירט מאָלעריי, אָבער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט ליטעראַטור. אין בערלין האָט זי זיך באַקענט מיט איר שפּעטערדיקן מאַן, דעם ליטעראַטור־קריטיקער און שרייבער ברוך ווינאָגוראַ. די קינסטלערין האָט דאָ איבערגעלעבט אייניקע גליקלעכע יאָרן. ביז־לבינו הייבט אָן אין דייטשלאַנד אויפצוהייבן דעם קאָפּ די שוואַרצע רעאַקציע. די יידישע שעפערישע אינטעליגענץ, וועלכע איז נישט געווען ענג פאַרבונדן מיט בערלין, טראָגט זיך איבער אין פאַרשידענע אייראָפּעישע צענטערס, ווי פּאַריז, מאָסקווע, ווין, וואַרשע. חנה קאָוואַלסקאַ פאָרט אָפּ צוזאַמען מיט איר מאַן קיין פּאַריז. זי האָט שוין לאַנג פּלאַנירט אַ רייזע קיין פראַנקרייך, זי האָט געטרוימט וועגן באַקענען זיך מיט דער גרויסער פראַנצויזישער קונסט. שוין אין בערלין האָט זי פאַרשטאַנען ווי נאָענט די קונסט איז איר. זייענדיק אין בערלין, איז חנה געוואָרן אַ מאַרקסיסטין און זי האָט געפילט, אַז די פראַנצויזישע קונסט שפּיגלט אָפּ בעסטן און אַמריכטיקסטן אָפּ דעם געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער פון דער דעמלטיקער עפּאָכע.

נאָכן אָנקומען קיין פּאַריז הייבט זי אויפסניי אָן צו שטודירן מאָלעריי. חנה האָט אָבער נישט קיין דרייסטקייט צו עקספּערימענטירן, דעריבער לאָזן זיך נישט באַמערקן אין אירע בילדער די קאָנטראַסטן, וועלכע זי האָט געוואָלט אַרויסבאַקומען. זי האָט געוואָלט דעם אינהאַלט פון אירע בילדער אויסדריקן אין אַ וואָס מער רעאַליסטישער פאָרם און האָט דעריבער געמוזט קעמפן מיט פאַרשידענע

שווערִיקייטן. אין פּאַריז האָט חנה געהאַלטן פאַר יידישע אַרבעטער פּאָר־לעזונגען וועגן קונסט און, וועלנדיק פאַרשטאַנען ווערן, האָט זי די פּראָ־בלעמען באַהאַנדלט זייער פּאָפּולער. זי האָט אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנ־טייל אינעם פּאַריזער קאָנגרעס פון דער יידישער קולטור, האָט אָרגאַני־זירט אַן אויסשטעלונג פון יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן און אין משך פון אַ קורצער צייט איז זי געוואָרן זייער פּאָפּולער אין די יידישע אַר־בעטער־ספערן און אין די קרייזן פון די יידישע קינסטלער אין פּאַריז. זי האָט אויך פארעפנטלעכט גלענצנדיקע אַרטיקלען וועגן די פּראָבלעמען פון פּלאַסטישער קונסט. זי האָט זיך צוו. אַנד. געטראָפן מיט דעם באַרימטן מאָלער פּאָל סיניאק און שפּעטער האָט זי אין די „ליטעראַרישע בלעטער" פארעפנטלעכט א שאַרפזיניק ארטיקל וועגן דער דאָזיקער באַגעגעניש. זי האָט אויך געשריבן וועגן שאַגאַלן און וועגן זיין שאַפונג, וועגן דעם מאָ־דערנעם סקולפּטאָר זשאַק ליפשיץ און אַנד. חנה איז געווען אַ מיטאַרבע־טערין פון דער פּאריזער יידישער צייטונג „די נייע פּרעסע" און פון דעם אַרגענטינער זשורנאַל „ניי טעאַטער". פונעם יאָר 1930 באַווייזן זיך חנה קאָוואַלסקיס בילדער אויף די פּאריזער אויסשטעלונגען. אממייסטן האָבן איר פארכאַפּט סאָציאַלע מאָטיוון, דאָס לעבן פון די פּאריזער ארבעטער. אין דער פרייער צייט האָט זיך חנה אויסגעקליבן אויף פּלענערן און געמאָלט פּייזאַזשן, ס'האָבן איר אויך פארכאַפּט די מאָלערישע ווינקעלעך פון פּאַריז גופא.

נאָכדעם ווי די היטלער־ארמיי האָט פארנומען פּאריז, איז חנה קאָוואַל־סקאַ געוואָרן אַן אקטיווע קעמפערין אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. שוין אין יאָר 1941 איז זי אריינגעפאַלן אין די לאַפּעס פון די היטלעריסטישע תלינים, וועלכע האָבן זי אריינגעוואָרפן אין דער תפיסה און שפּעטער ארויס־געשיקט אין לאגער לא מורעל. אויך דאָ איז חנה געווען אַקטיוו צווישן די ארעסטירטע פרויען. שפּעטער איז זי ארויסגעפירט געוואָרן קיין אָשוויענ־טשים, וווּ זי איז אומגעבראַכט געוואָרן.

נאַטאַן קאָזשען

נאַטאַן קאָזשען איז געבוירן גע=
יואָרן אין יאָר 1895 אין פּלאָצק. זיין
פאָטער אַזוי ווי זיין זיידע האָבן זיך
פאַרנומען מיט אַ יידישער מלאכה:
ער איז געווען א לייכטערמאַכער,
פלעגט אָפּגיסן פון מעש שבת=לייכ=
טער און חנוכה=לאָמפּן. די פעיקער
באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן פארמאָגט
אַ געוויסן קינסטלערישן חוש, האָבן
אויך אָפּגעגאָסן מנורות און בשמים=
ביקסלעך. די דאָזיקע מייסטער פלעגן
אויך אויספּאַרטיקן פון קופּער באַפּוצ=
טע ראָנדלעס צו קאָכן פיש און פּרעג=
לען איינגעמאַכטס, גרויסע קופּערנע
פאַנען צו פּאָווידלע אדגל. ער האָט
אויך געהאַט אין דער משפּחה קרו=
בים יוווילערן און פלינקע אויסשניידער פון פארשידענע באַפּוצונגען אויף
שבועות, פּסח און אַנדערע יום=טובים.

פון קינדווייז אָן האָט נאַטאַן קאָזשען צוגעקוקט זיך צו דער ארבעט
פון זיין פאָטער און זיין זיידן און פלעגט גערן צייכענען די דאָזיקע אינטע=
רעסאַנטע זאַכן. צווישן די חברים זיינע, וואָס האָבן ווי ער געהאַט קינסטלע=
רישע אַמביציעס, איז קאָזשען גאַנץ פרי שטאַרק באַרימט געוואָרן. ער איז
ווירקלעך שנעל רייף געוואָרן און האָט זייער אייפעריק זיך באַמיט צו אַנט=
פּלעקן די געהיימנישן פון דער קונסט. אָבער ווער האָט אים געקאָנט דערין

העלפֿן? הגם אַ סך פֿון זיינע קרובֿים זענען געווען גלענצנדיקע באַלמעלאָכעס, אפֿילו מיט געוויסע קינסטלערישע נייגונגען, האָבן זיי דאָך אין די פֿראַגן פֿון קונסט נישט געהאַט קיין שום ידיעות. פֿון דער דאָזיקער זייט אַלזאָ האָט נאַטאַן נישט געקאָנט דערוואַרטן קיין שום הילף. ער לאָזט זיך אַוועק קיין וואַרשע. ער האָט שוין דעמלט געהאַט אַ סך אַרבעטן, וואָס ער האָט געשאַפֿן אין משך פֿון אַ לאַנגער צייט. דאָס זענען געווען פּאָרטרעט-סקיצן, נאַטור-בילדער און מאָלערישע קאָמפּאָזיציעס, געשאַפֿענע פֿון דער פֿאַנטאַזיע. אין וואַרשע איז ער אָנגענומען געוואָרן אויף דער אַקאַדעמיע, ווי אַן אויסערגעוויינלעכער סטודענט. ער האָט דאָ געאַרבעט אונטער דער לייטונג פֿון פּראָפֿ. טאַדעוש פּרושקאָווסקי, דעם דעמלטיקן רעקטאָר פֿון דער אַקאַדעמיע. טאַדעוש פּרושקאָווסקי, האָט נישט קוקנדיק אויף זיין סוביעקטיוויזם גערן געזען ביי זיינע פֿעיִקע תּלמידים אינדיווידועלע אַקצענטן און האָט זיי אַפֿילו אונטערגעשטיצט.

נאַטאַן קאָזשעגס שאַפֿונג האָט, טראָץ דעם געוויסן ראָמאַנטישן כאַראַקטער און אַ געוויסער מעלאַנכאָלישקייט, פֿאַרמאָגט אַ סך פֿרישקייט און אַן אָנגענעמען שטריך פֿון געזונטן אָפּטימיזם. ער האָט זיך אַנטציקט מיט דער שיינקייט פֿון דער מאַזאָווער ערד, ער האָט ליב געהאַט די אַלטע קירכעס און די פּרעכטיקע פּלאָצקער קאַטעדרע, ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך די שיינקייט פֿון דער היימישער נאַטור. ער האָט זיך אַנטציקט מיט די באַוואַלדעטע פּוילישע בערג. ער האָט ליב געהאַט פֿון דער הייך פֿון זיין נעבוירנשטאָט פּלאָצק אַראָפּצוקוקן אין טאָל, אויף דער סטענגע פֿון דער ווייסל, איבער וועלכער עס האָבן זיך באַוועגט דאַמפֿערס און שיפֿלעך. נאַטאַן קאָזשען איז געווען אַ ליריקער, וועלכער האָט אויסגעזונגען אין קאָלירן זיינע געפֿילן, מיט דער צייט איז ער דערגאַנגען ביז צו ווירטואָזיטעט ביים אַרויסברענגען די שיינקייט פֿון דער פּוילישער נאַטור. ער האָט זיך באַמיט איבערצוגעבן די נאַטור געטריי, אָבער פֿלעגט אויך קאָמפּאָנירן, אויסדריקנדיק פּאָעטיש זיינע בענקענישן און טרוימען. עס איז אין אים גופֿא געווען אַ מין באַראָק-פֿייערלעכקייט און ערנסטקייט, און מיט אַזא שטימונג האָט ער דורכגעזאַפּט דאָס קלענסטע טיילכל פֿון זיין בילד. דעריבער זענען זיינע בילדער געווען סיי נאַטירלעך, אַרויסברענגענדיק די נאַטור אַזוי, ווי מיר זעען זי געוויינט צו זען, און גלייכצייטיק זענען זיי אויך געווען באַווירקט פֿון דער סוביעקטיווער פֿרייד פֿונעם שעפֿער, שאַפֿנדיק אַן איינגאַרטיקע אַטמאָספֿער.

נאַטאַן קאָזשען איז אַרויסגעקומען פֿונעם פּאָסט-אימפּרעסיאָניזם. מיט

דעם דאָזיקן מעטאָד פֿון מאָלן האָט ער זיך אָבער באַנוצט געניג אויבערפֿלעכלעך. ער האָט א סך פּסיכאָלאָגיזירט און גלענצנדיק אָפּערירט מיט ליכט און שאָטן. עס איז אים אזוי ארום געלונגען ארויסצוברענגען די קלענסטע שאַטירונגען פֿון דער פֿארביקער מאָנאָטאָניע פֿון דער פּוילישער לאַנדשאַפֿט.

הגם ער האָט זייער געשעצט די פראנצויזישע אימפּרעסיאָניסטן, האָט ער נישט געראַטן זיך באַנוצן ביי אונדז מיט דעם דאָזיקער פֿאָרם. ער פֿלעגט זאָגן, אז דער פראנצויזישער אימפּרעסיאָניזם האָט זיך ארייננעקריגן צו אונדז מיט דער הילף פֿון די דייטשן און דער דאָזיקער אימפּרעסיאָניזם איז באַרבאַריש, עס פֿעלט אים יעטוועדער „עספּרי“. אויב עס גייט וועגן אים אליין, איז ער אפילו געווען איבערגעטריבן סאָליד אין זיין שאַפֿן. ער איז אָבער קיינמאָל נישט ארייננעפֿאַלן אין סכעמאַטיזם. זיין שאַפֿן האָט פֿארמאָגט איינגעשאַפֿטן פֿון עפּעס א פֿארביקן עקספּרעסיאָניזם אין גייסט פֿון גאָגען, מיט דעם בלויז, וואָס די דאָזיקע קאָלאָריסטישע פֿאַנטאַזיע איז געווען ביי אים עפּעס א צופֿעליקער עלעמענט. קאָזשענס מאָלערישע וויזיעס זענען געווען דורכויס פּויליש. חוץ דעם, באַמית ער זיך צו זיין זאַכלעך — רעאַליסטיש און אין דער היגזיכט דערנענטערט ער זיך גיכער צו די גרויסע רוסישע רעאַליסטן אַזעלכע, ווי רעפּין, סוריקאָוו, סיעראָוו, וועלכע האָבן, וואָס אַן אמת, איפּגעגומען די נאַטור אין ליכט־שאָטן, דאָך האָבן זיי זיך באַמיט איבערצוגעבן זייערע פּערזענלעכע איינדרוקן לעזבאַר, רעאַליסטיש. קאָזשען האָט זיך אויך באַנוצט מיט די מאָלערישע מיטלען, האָבנדיק די בעסטע איגטענצן. ער האָט זיך באַמיט, אַז זיין צי מיטן פּענדזל זאָל נישט האָבן פֿאַר אַ ציל בלויז דאָס אַרויסבאַקומען אַן אינטערעסאַנטן עפֿעקט, נאָר ער האָט גיכער אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ צו אַ לאָגישער, כמעט מאַטעמאַטישער גענויקייט.

יאָר־יערלעך פֿלעגט נאַטאַן קאָזשען אַרויספֿאָרן זומער אין זיין באַליבטן קוזמיר. דאָס דאָזיקע קליינע אַלטע וווּנדערבאַר־מאָלערישע שטעטעלע האָט צוגעצויגן נישט נאָר אַזעלכע שרייבער ווי זשעראָמסקי, שענקעוויטש, שוויענטאָכאָווסקי און אויך יידישע שרייבער: פּרץ, נאָמבערג, קאַגאַנאָווסקי נאָר איז אויך געווען דער זאַמלפּונקט פֿון אַ סך אָנגעזעענע מאָלער. מען פֿלעגט דאָ אַהערקומען פֿון גאַנצן לאַנד, כדי צו מאָלן אַלטערטימלעכע געביידעס און פֿאַרשיידענע ווינקעלעך פֿון דער דאָזיקער מאָלערישער געגנט. מען פֿלעגט זיי דאָ איבעראַל טרעפֿן, אי פֿאַר די רואינען פֿון דעם שלאָס פֿון קאַזשימיעזש דעם גרויסן, אי פֿאַר די רואינען פֿון זיין

געליבטער אסתרקעס שלאָס. זיי פלעגן אויך מאָלן דעם אַלטן טורעם, וואָס איז אַמאָל געווען אַ טייל פון דער פאַרטיידיקונגס־מויער און שפּעטער אַ וועגווייזער פאַר די שיפן, וואָס פלעגן דורכפאָרן די ווייסל, די קירך, די צוויי צווילינגס־הייזלעך אין באַראָק־סטיל פון 17־טן יאָרהונדערט, וואָס זענען געשטאַנען אויפן מאַרק, די אַלטע שפּייכלערס ביי דער ווייסל, די קאַמיעניצע פון צעלעיאוסקא, אין וועלכער ס׳פלעגן פאָרקומען זומער־אויסשטעלונגען און די אַלטערטימלעכע שול אין קוזמיר, וואָס האָט שוין געציילט אַזויפיל יאָרהונדערטער.

אין קוזמיר האָט קאָזשען געשעפּט אַ סך שעפערישע עמאָציעס און יאָר־יערלעך פלעגט ער פון דאָרט ברענגען קיין וואַרשע אַ סך נאַטור־בילדער פון דער דאָזיקער פרעכטיקער געגנט.

נאַטאַן קאָזשען איז אויך געווען אַ פּאָרטרעטיסט פון אַ ספּעציעלן שניט. די געשטאַלטן, וועלכע ער האָט אַרויסגעבראַכט, פלעגט ער אויספאָרמירן אַזוי ווי פונעם הינטערגרונט פון דער אַרומיקער נאַטור, אין וועלכער יעדע געשטאַלט איז פאַרקאָמפּאָנירט געוואָרן. מיר האָבן דעם איינדרוק, ווי דער קינסטלער וואָלט זיי געשטאַלטיקט אויפן פאָ פון די הויכע פעלדזן אָדער טונקעלן וואַלד. אין געוויסע פּאָרטרעטן פילט זיך, ווי מיר וואָלטן געהערט דאָס גערויש פון דעם טייך, וואָס פליסט איז דער נאָענט. זיינע פּאָרטרעטן שטעלן פאָר די אַרויסגעבראַכטע געשטאַלטן געטריי און פּסיכאָלאָגיש אמתדיק. מאָנומענטאַל איז דער פּאָרטרעט פון וויסענבערגן, וועלכן ער האָט אויסגעפירט. פון די מער כאַראַקטעריסטישע דאַרף מען דערמאָנען די פּאָרטרעטן פון סעגאַלאָוויטשן, טרונקן און זיין אויטאָפּאָרטרעט.

די פּוילישע קונסט־קריטיק האָט געשאָנקען זייער אַ סך אויפמערקזאַמקייט די שאַפונגען פון נאַטאַן קאָזשען, וועגן זיין אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט האָבן געשריבן די באַקאַנטע קונסט־קריטיקער אין דער „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקע“ וואַלליס און סטערלינג ווי אויך בער האָראָוויץ, ביל אַרנסאָן און אַנד. די ערשטע אויסשטעלונגען פון זיינע בילדער האָט נאַטאַן קאָזשען איינגעאָרדנט אין זיין געבוירן־שטאָט פּלאָצק. איינע פון די גרעסטע אויסשטעלונגען פון זיינע בילדער איז פאָרגעקומען אין וואַרשע אין יאָר 1931 אין דעם קונסט־סאַלאָן פון גאַרלינסקי. הוץ דעם האָט ער אָנטיילגענומען אין אַ סך אויסשטעלונגען אין וואַרשע, לאָדזש, קראָקע און אַנד. שטעט אין לאַנד. איבעראַל איז זיין שאַפונג אָפּגעשאַצט געוואָרן פּאָזיטיוו. מיט נאַטאַן קאָזשען האָב איך זיך באַקענט אין יאָר 1938 אין

װאַרשע. נישט אײנמאָל פֿלעג איך אַרײַנקומען אין זײַן אַטעליע אויף ביעלאַנסקע גאַס. איך האָב באַטראַכט זײַנע צאָלרײַכע נאַטור־בילדער, שטיללעבנס, פּאָרטרעטן און קאָמפּאָזיציעס. מיר האָבן זיך אָפֿט געטראָפֿן זומער 1939 אין קוזמיר, װוּ ער האָט געהאַט זײַן אַטעליע אין אַ קלײן הײַזל אין אַ סאָד. אין דער דאָזיקער אַטעליע האָב איך פּאָזירט צו אַ פּאָרטרעט, װעלכן ער האָט אויסגעפֿירט אין דרײַ װאַריאַנטן. אין יענעם זומער האָט אויך קאַזשען אַנטײל גענומען אין דער זומער־אויסשטעלונג אין דער קאַמיעניצע פֿון צעליאַװסקאַ.

נאָכן סעפּטעמבער 1939 האָב איך זיך װידער געטראָפֿן מיט נאַטאַן קאַזשענען אין װילנע. אויך אין מאַי אָדער יוני 1941 האָבן מיר זיך אָפֿט געטראָפֿן. קאַזשען האָט געאַרבעט אין װילנע אַלס דעקאָראַטאָר פֿון דעם װילנער יידישן מלוכה־טעאַטער. חוץ דעם האָט ער געמאָלט פּאָרטרעטן פֿון פֿאַרשײדענע װילנער פּערזענלעכקײטן װי אויך פּײזאַזשן. זײַנע בילדער פֿון יענעם פּעריאָד האָבן אַ כמעט רעאַליסטישן כאַראַקטער. אָבער אויך אים האָט דעמלט אַרומגעכאַפּט, װי די מערהײט מענטשן, אַ נערװעזע שטימונג. עס האָט זיך געפֿילט װי די געפֿאַר פֿון דער מלחמה װאָלט געהאָנגען אין דער לופֿט. דעם 20־טן יוני האָב איך באַזוכט קאַזשענען צום לעצטן מאָל. ער האָט דעמלט געװױנט בײַם ראַנד פֿונעם װעלדל זאַקרעט אין אַ קלײן הילצערן הײַזל. װען איך האָב אים געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז ער װױנט זײער מאָלעריש, האָט ער מעלאַנכאָליש געענטפֿערט, אַז דאָס װעט זיך אפֿשר טראַגיש ענדיקן פֿאַר אים, װײַל אין פֿאַל פֿון אַן אָנפֿאַל, װעלן די דײַטשן קודם כּל באָמבאַרדירן טאַקע דאָס װעלדל, װײַל אין דער טיף געפֿינט זיך אַן אַרסענאַל. בײַם געזעגענען זיך האָט ער מיר געגעבן אַ בריװ און אַ פּעקל מיט דער ביטע דאָס איבערצוגעבן זײַן ברודער אין לידע און זײַן חברטע אין לעמבערג.

דאָס פֿאָרגעפֿיל האָט דעם קינסטלער נישט אָפּגענאַרט. ער איז װירקלעך געװען אײנער פֿון די ערשטע קרבנות פֿון דער היטלעריסטישער באַרבאַרישקײט. באַלד װי די דײַטשן זענען אַרײַן אין װילנע, האָבן זײ אים אַרויסגעשלעפּט פֿון דער װױנונג, זײַנע בילדער האָבן זײ אַרויסגעװאָרפֿן, אים אַלײן האָבן די היטלעריסטן אויפֿגעהאָנגען.

יאָאַכים קאָרנבליט

דאָס איז געווען אַ קינסטלער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן עמפפינדלעכן בליק און אַ לייכטע האַנט. די קאָלאָריסטישע שפיל פון זיינע בילדער פאַרמאָגט די פרישקייט און אַראָמאַט פונעם באַרג-ווינט. זיין קונסט האָט פאַרמאָגט א סך חנוודיקעס און די אינטערפרעטאַציע זיינע איז געווען זייער אַ סובטעלע. אפילו ביים אַרויסברענגען דעם טיפסטן אומעט, פילט זיך אַרויס זיין געוואַלדיקער גלויבן אין דער קראַפט פון קונסט. יעדער צי מיט זיין פענדזל איז געווען אַן אויסדרוק פון לירישער פּאָעזיע. ס'איז מערקווערדיק, ווי דער דאָזיקער קינסטלער האָט געקאָנט בילדעריש, מיט דער הילף פון פאַרבן אַרויסברענגען דאָס אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. אָאַכים קאָרנבליט האָט געמאָלט מיט א סך אינערלעכן פייער, אָבער יעדער פאַרביקער פונקט פון זיין בילד, יעדעס שטריכעלע איז געווען געבויט אזוי, ווי ער וואָלט עס באַטראַכט דורך א פאַרגרעסער-גלאָז און עס גענוי אַנאַליזירט. פון דעם שטאַמען אין זיינע בילדער די קאָלאָריסטישע איינברעכונגען און די באַזונדערע פאַרבינדונגען אין דער טאָנאַציע. קאָרנבליט האָט זיך גערן באַנוצט מיט די פאַרשידענע שאַטירונגען פון דער בלויער פאַרב און אזוי אַרום האָט ער אַריינגעפירט אין זיינע בילדער א לייכטן טאָן פון

מעלאַנכאָליע און רעטזועלהאַפּטיקייט. ער איז געווען א מייסטער פֿון קליינע אידיליעס. אליין, וואָס מיר האַלטן אין אלגעמיין פאר נאַטירלעך, האָט ער זיך באַמיט צוצוגעבן אַ שיין פֿון איבערגעוויינטלעכקייט, פּאָעטישקייט, ער האָט זיך באַצויגן מיט א געוואלדיקער פּיעטעט צו די מאָטיוון, וועלכע ער האָט באַאַרבעט. דער קינסטלער האָט פֿארמאָגט עפּעס א מאָדנע נאַיווקייט און גוטסקייט, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן דער סביבה זיינער.

יאָאַכים קאָרנבליט איז געווען אַן אַבסאָלווענט פֿון דער וואַרשעווער קונסט-אַקאַדעמיע. די פּראָפֿעסאָרן האָבן געלייגט אויף אים גרויסע האָפֿענונגען. ער איז געווען א הויכער דאַרער יונגערמאַן, זייער אַן עמפּינדלעכער, וואָס האָט פֿארמאָגט א סך ווייסן אויפֿן געביט פֿון קונסט. אויף דער אַקאַדעמיע האָט ער באַקומען אייניקע אויסצייכענונגען און א סטיפּענדיע אויף א לענגערער רייזע קיין איטאַליע. קאָרנבליטס קונסט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט א באַזונדערער באַרואיקנדיקער שטימונג. ער האָט אויסגעמיטן וועלכע ס'איז ברוטאַלע פֿאַרבן.

איך האָב זיך באַקענט מיט קאָרנבליטן אין יאָר 1938. ד. ה. שוין נאָך זיין אומקערן זיך פֿון איטאַליע. ער האָט שוין געהאַט אונטער זיך א קאָלעקטיווע אויסשטעלונג פֿון זיינע בילדער אין וואַרשע. ער האָט געוווינט אין צוויי קליינע צימערלעך אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק אויף דער נאָוואָליפּיע גאַס. אין איין צימערל האָט ער געמאָלט. דאָס צווייטע צימערל האָט פֿארנומען זיין ווייב. זי איז געווען א טאָכטער פֿון עפּעס א קליינעם רבין פֿון לוצק. צוליב אייפֿערזיכט האָט זי נישט דערלויבט דעם מאַן צו מאָלן פֿרויען. דאָס לעבן פֿון דעם דאָזיקן פֿאָרפֿאָלק איז געווען איין קייט פֿון מאַטערנישן, ווייל אין משך פֿון א לאַנגער צייט האָט זיין ווייב נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אז איר מאַן פֿארנעמט זיך מיט מאָלעריי. ווען זי האָט פֿארשוואַנגערט, האָט דער קינסטלער נישט געהאַט קיין מינוט רו. ער האָט דעריבער צוגערעדט זיין ווייב, זי זאָל אויף דער צייט פֿון קימפּעט ארויספֿאָרן צו די עלטערן קיין לוצק. זי ווידער האָט מורא געהאַט אים איבערצולאָזן אליין — ער איז דאָך געווען א שלאַנקער יונגערמאַן און דערצו א מאָלער. אין משך פֿון דעם דאָזיקן פּעריאָד האָב איך אין משך פֿון א ריי וואָכן באַזוכט די קאָרנבליטס, ווייל איך האָב אים פּאָזירט צו א פּאָרטרעט. קאָרנבליט האָט אָנטיילגענומען אין יאָר 1939 אינעם אָרגאַניזירן די יובילייאויסשטעלונג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דעם פֿאַרבאַנד פֿון יידישע קינסטלער-פּלאַסטיקער. קאָרנבליטס בילדער, וואָס זענען דאָרט אויסגעשטעלט געוואָרן, האָבן געמאַכט א גוטן איינדרוק.

שפּעטער האָב איך זיך ווידער געטראָפֿן מיט קאָרנבלימן אין יאָר 1940 אין לעמבערג. ער איז געווען גוט געשטימט און פֿול מיט האָפֿענונג. ער איז געקומען קיין לעמבערג, דעלעגירט דורך די לוצקער קינסטלער. (אין לוצק, אַזוי גוט ווי אין לעמבערג און אין ביאַליסטאָק, האָבן זיך געפֿונען אַ סך קינסטלער פּליטים). קאָרנבליט האָט מיר דערציילט, אַז אין משך פֿון דער צייט איז ער עטלעכע מאָל געווען אין קיעוו, אַז ער האָט באַקומען אַ ריי באַשטעלונגען און ער האָט זיך זייער געפֿרייט, וואָס זיין ווייב האָט סוף כּל סוף שלום געמאַכט מיט זיין באַרוף, זי האָט אים אַפֿילו פּאָזירט צו אַ פּאָרטרעט.

קאָרנבליטס קונסט האָט אין זיך געהאַט אַ סך פּרילינגדיקס, יוגנט־לעכס, אַזוי ווי דער קינסטלער אַליין. אין אים האָט געבליט דער פֿלאַם פֿון מאָלערישער פּאַסיע. אין משך פֿון זיין קורץ לעבן האָט ער געשאַפֿן פּרעכ־טיקע בילדער. ער איז שטאַרק באַליבט געווען אינעם קרייז פֿון די וואַרשע־ווער מאָלער. ווען ער האָט געוווינט אין לוצק, האָט ער גערן געהאָלפֿן זיינע חברים פּליטים, ער האָט אויסגענוצט פֿאַר זיי ווינונגען און זיי אונטערגע־שטיצט מיט וואָס ער איז נאָר אימשטאַנד געווען.

חוץ דעם האָט ער איינגעאָרדנט פֿאַר זיינע חברים אויסשטעלונגען סיי אין לוצק סיי אין קיעוו. לויט די רייד פֿון דער קינסטלערין שיינע עפּראַז, וואָס האָט ביזן יאָר 1941 פֿאַרבראַכט אין לוצק, איז קאָרנבליט אומגעקומען אין יוני 1941 פֿון דער ערשטער באָמבע, וואָס די היטלעריסטן האָבן גע־וואָרפֿן אויף לוצק.

יוליאַ קעיל (רינגעל)

יוליאַ קעיל איז געבוירן געוואָרן דעם 26 יולי 1902 אין לעמבערג. זי האָט שטודירט אויף דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע אין דער אָפּטיילונג פון סקולפּטור. זי האָט געהאַט גרויסע פעיקייטן אויפן געביט פון מאָנומענטאַלער סקולפּטור. ווען איר לעבן וואָלט אַדורך נאָרמאַל, ד. ה. אין אַ סאָציאַל־יושרדיקער געזעלשאַפט, וואָלט זי זיכער געשאַפן פּרעכטיקע ווערק. דאָס, וואָס זי האָט געשאַפן, איז געווען אָנגעזאַפּט מיט עפּעס אַ וווּנדערבאַרן אור־כוח. חוץ דעם, האָט זי געקאָנט אַריינברענגען אין אירע סקולפּטורן מענטשלעכע געפילן און איבערלעבונגען, זי איז אימשטאַנד געווען צו באַקעמפן דעם האַרטסטן מאַטעריאַל, זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר מאַרמאָר, מעטאַל, צי דאָס האַרטסטע האָלץ. פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן האָט זיך אַרויסבאַקומען די סובטעלסטע וויבראַציעס, דעם מאַקסימום עקספּרעסיע און שיינקייט פון דער פאָרם. די מענטשלעכע פיגורן, וועלכע זי האָט מאָדעלירט, לעבן און אַנטציקן דעם צושויער מיט זייערע האַרמאָנישע פאָרמען, דערביי זענען זיי אַ פּינקטלעכע אָפּשפּיגלונג פון די פאָרגעשטעלטע געשטאַלטן. אַזוי צום ביישפּיל פאַרמאָגט ציפּריאַן נאָרוויד פון יוליאַ קעיל די איידלסטע טענער פון דעם דערהויבענעם דיכטער ראָמאַנטיקער. דעם דאָזיקן דענקמאָל האָט זי אויסגעשניצט פון אַ ריזיקן שטאַם פון אַ בוים. דאָס באַגייסטערטע פּנים פון נאָרווידן אין דער אינטערפּרעטאַציע פון יוליאַ קעיל אָטעמט מיט גרויסער איידעלער גוטסקייט און רירט אונדז מיט זיין פּשוטקייט און גרויסן הומאַניזם. מיט גרויס געפיל האָט אויך יוליאַ קעיל אויסגעשניצט אין האַרטן באַרנבוים־האָלץ די קלאַסיש־שיינע פיגור פון דער וואַרשעווער שוישפּילערן באַרשטשעווסקאַ. די דאָזיקע סקולפּטור איז דורכגעדרונגען מיט אַ וואַרעמען ריטם, דער קינסטלערין איז גלענצנדיק געלונגען אויסצודריקן די גאַנצע איידלקייט פון די געזיכט־שטריכן און די דערהויבנקייט פון דער פאָרגעשטעלטער געשטאַלט.

אַלע סקולפּטורן פֿון יוליאַ קעיל פֿאַרמאָגן ספּעציעל אַקצענטירטע קאָנטורן. די קינסטלערין האָט זיך פֿונדעסטוועגן נישט באַשרענקט צום שאַפֿן בלויז פּאָרטרעטן, אַקטן און בכלל מענטשלעכע פֿיגורן. זי האָט אויך געשאַפֿן פֿאַרשידענע קעגנשטאַנדן פֿון פּראַקטישן געברויך. זי האָט אויסגעשמידט אין מעטאַל סערוויזן, טאַצן, טעלער, קריגן, שיסלען, שרייב־געצייג און ענ־לעכע זאַכן פֿון טאָג־טעגלעכן געברויך. צווישן אַנדערע האָט זי אייגנהענטיק אויסגעשמידט 3 ריזיקע מעטאַלענע לאָמפּן פֿאַרן פּוילישן פּאַוויליאָן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין יאָר 1926 אין פּאַריז.

אין יאָר 1938 האָט יוליאַ קעיל איינגעאָרדנט אין וואַרשעווער איפּס, צוזאַמען מיט דער גראַפֿיקערין אַגיעלאַ צוקער, אַן אויסשטעלונג פֿון אירע אַרבעטן, בעת וועלכער זי האָט בולט באַוויזן, וואָס פֿאַראַ מעגלעכקייטן ס'אַנטפּלעקן זיך פֿאַרן סקולפּטאָר, וואָס פֿאַרמאָגט ערלעכע אינוועניץ. זי האָט דאָרט אויסגעשטעלט כמעט אויסשליסלעך זאַכן אויפֿן געביט פֿון אָנ־געווענדטער קונסט. די אַלע אַרבעטן האָבן פֿאַרמאָגט זייער אַ הויכן קינסט־לערישן ניוואָ. עס האָבן זיך דאָרט אויך געפֿונען עקספּאָנאַטן, וואָס זענען אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן דורך דער פֿאַבריק פֿון יוזעף פֿראַזשעט לויט די פּראָיעקטן פֿון יוליאַ קעיל. דאָס זענען געווען פֿאַרשידענע סאָרטן טיש־געשיר, טאַצן, בעכערס, וואַזאָנען, לאָמפּן און אַנד. אירע אַרבעטן זענען געווען פֿריי פֿון וועלכע ס'איז איבעריקע דעטאַלן, זענען געווען ריטמיש און חנעוודיק, געמאַכט אין זייער אַ פּשוטן סטיל און גלייכצייטיק מיט אַ סך פּאָעזיע.

צום ערשטן מאָל האָט יוליאַ קעיל אָנטיילגענומען אין דער אויסשטע־לונג פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרייטן קונסט אין יאָר 1924. דאָרט האָבן זיך באַוויזן אירע דריי סקולפּטורן: צוויי קעפּ און אַ קאָמפּאָזי־ציע, וואָס האָט געהייסן „דער דרוק פֿון אומעט“. זי האָט אויך אָנטייל־גענומען אין די אויסשטעלונגען צוזאַמען מיט דער גרופּע פּראָפֿעסיאָנעלע קינסטלער־פּלאַסטיקער „בלאָק“, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1934. אויף דער אויסשטעלונג האָט די קינסטלערין געוויזן דעם פּאָרטרעט פֿונעם רעקטאָר מאָראַווסקי. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט יוליאַ קעיל אָנטיילגענומען אין די אויסשטעלונגען פֿון דער זאַכענטאַ, איפּס, פֿון קאָ־מיטעט פֿון די פֿריינד פֿון פּוילישער קונסט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין יאָר 1937 אין דער וואַרשעווער בירגער־רעסורסע. אין יאָר 1937 האָבן זיך אירע סקולפּטורן באַוויזן סיי אין סאַלאָן פֿון סקולפּטור אין פּוילן, סיי

אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג פון קונסט און טעכניק אין פּאַריז.

יוליאַ קעיל האָט אויך געקאָנט אויסדריקן איר שטאַנדפּונקט אין דער קונסט מיט דער הילף פון דער פּעדער. זי האָט פאַרעפנטלעכט אירע אַר־בעטן אין פאַרשידענע צייט־שריפטן. אַזוי צ. ב. האָט זי אין יאָר 1932 פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל „שוויאַט" אַן אַרטיקל א. נ. „אַ פערטל שעה מיטן קינסטלער", אין וועלכן זי האָט אָפּגעשאַצט די שאַפונג פון פעליציאַן קאָוואַרסקי.

אין פאַרשידענע צייטשריפטן, וואָס האָבן באַהאַנדלט פּראַגן פון קונסט, געפינען זיך אָפּשאַצונגען פון יוליאַ קעילס ווערק. די גרעסטע טייל פון זיי זענען פּאָזיטיווע. אין דער וואַרשעווער ספּעציעלער אויסשטעלונג פון סקולפּטור, אין וועלכער ס'האָבן אָנטיילגענומען די גרעסטע פּוילישע סקולפּטאָרן, ווי קסאַווערי דוניקאָווסקי, הענריק קונא, וויטיג, פּונעט, זענען אויך אויסגעשטעלט געוואָרן די אַרבעטן פון די יונגע פּלאַסטיקער, צווישן זיי פון יוליאַ קעיל און מאַגדאַלענאַ גראָס. אין דער צייטשריפט „אַרקאַדי" האָט זיך דעמלט באַוויזן אַן אַרטיקל פון סטאַניסלאַוו ראָגאַיסקי. צווישן די רעפּראָדוקציעס פון די בעסטע סקולפּטורן פון דוניקאָווסקין און אַנדערע גרויסע סקולפּטורן, האָט זיך אויף דער זייט 307 פון דעם זשורנאַל געפונען אַ רעפּראָדוקציע פונעם ביוסט פון ציפּריאַן נאָרוויד אויסגעפירט דורך יוליאַ קעיל. רעאַזומירנדיק זייגע אויספירן וועגן דער אויסשטעלונג, שרייבט דער מחבר צום סוף: „דאָס זענען טאַלאַנטן, וואָס שאַפן דעם ניוואָ פונעם סאַלאָן פון סקולפּטור. נעבן זיי שטייען נאָך אַ פופציק סקולפּטאָרן, פון וועלכע מ'וואָלט געדאַרפט דערמאָנען קאַמינסקאַן, קעיל און וונוקן (מ'מוז באַמערקן, אַז יוליאַ קעיל און וונוק האָבן דעמלט געהערט צו די יינגע סקולפּטאָרן. ווי באַוווסט, געהערט הייגט וונוק צו די גרעסטע הייגטצייטי־קע פּוילישע סקולפּטאָרן און אַרבעט אַלס פּראָפעסאָר פון סקולפּטור אויף דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע). נאָך אַ גרעסערן דערפאָלג האָט יוליאַ קעיל דערגרייכט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג פון קונסט און טעכניק אין פּאַריז.

זי האָט געהערט צו דער קלייגער צאָל סקולפּטאָרן, וואָס האָבן אויף דער דאָזיקער אויסשטעלונג רעפּרעזענטירט די פּוילישע סקולפּטור. אינעם קאַטאַלאָג פון דער אויסשטעלונג אונטערן נומער נ.116 האָט פיגורירט אַ סקולפּטור פון יוליאַ קעיל (120 צענט. די הויך, 60 צענט. די ברייט, געשאַפן אין יאָר 1935).

יוליאַ קעיל האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרקן שעפערישן אימפעט, גלייכצייטיק איז זי געווען זייער אַ פּראַקטישער מענטש. זי האָט זיך נישט געהאַלטן ביי דעם נאַרישן פּרינציפּ, אַז אַ קינסטלער דאַרף בלויז שאַפן בילדער. מיט אירע אַרבעטן פון טאָג־טעגלעכן געברויך האָט זי באַוויזן, אַז דער זעלבער קינסטלער קאָן שאַפן פּאָרטרעטן און קאָמפּאָזיציעס און גלייכצייטיק אויך קעגנשטאַנדן פאַרן געברויך, וואָס זאָלן אויסגעפירט ווערן קינסטלעריש. אָבער אין סאַנאַציע־פּוילן האָט אַ קינסטלערין אַפילו פון אַזאַ פאַרנעם ווי יוליאַ קעיל, נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען איר שעפערישע ענערגיע.

עס איז געקומען סעפּטעמבער 1939. יוליאַ קעיל איז געלונגען זיך אַריבערצוקריגן קיין לעמבערג. זי איז געווען איינע פון די ערשטע קינסטלערינס־פּליטים, וועלכע האָבן כמעט פון גאָרנישט געקאָנט אָנהייבן אויפסניי. בליצשנעל און מיט דער כאַראַקטעריסטישער פאַר איר ענערגיע האָט זי אָרגאַניזירט אין לעמבערג אַ וואַרשטאַט פון צעראַמישע אויסאַרבעטונגען, וווּ עס האָבן אונטער איר לייטונג געאַרבעט 20 צעראַמיקער, צווישן זיי טאַלאַנטירטע קינסטלער, דאָך האָט מען די מערהייט פון זיי געמוזט צולערנען. מיט דעם האָט זיך פּערזענלעך פאַרנומען קעיל. פאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט זיך נישט פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן פאַרשידענע מלאכימלעך אָדער באַכוסן, נאָר וואַזעס, קריגן, שיסלען, געשטעלן צו לאָמפּן און ענלעכע. מ׳האָט אויך אין דעם וואַרשטאַט געמאַכט פאַרשידענע סטאַטועטקעס פון טאַראַקאַט. יוליאַ קעיל האָט אויסגעלערנט אירע חברים און חברטעס די קונסט פון באַדעקן די קעגנשטאַנדן מיט גלאַזור. אינעם סאַמע ברען פון דער אַרבעט איז געקומען יוני 1941. דער וואַרשטאַט, מיט וועלכן יוליאַ קעיל האָט אָנגעפירט, האָט מער נישט עקזיסטירט. די קינסטלערין איז נישט אַפּגעפאָרן אין דער טיף פון ראַטנפאַרבאַנד. אַ געוויסע צייט האָט זי נאָך געוווינט אין לעמבערג. שפּעטער האָט זי זיך אומגעקערט קיין וואַרשע, דאָ האָט זי געוווינט צוזאַמען מיט דער פאַמיליע אויסערן געטאָ. יוליאַ האָט אין וואַרשע געהאַט עלטערן, וועלכע זי האָט אויסגעהאַלטן. ווען זי איז איינמאָל געוויר געוואָרן, אַז די עלטערן זענען אַריינגעפאַלן אין די לאַפּעס פון שאַנטאַזשיסטן, איז זי אַוועק צו זיי, כדי זיי צו ראַטעווען. זי זאָל האָבן אַרויסגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ דורך עפּעס אַ פאַרשוין, וואָס האָט זי שאַנטאַזשירט, בעת זי האָט געוואַרט אויף אַ טראַמוויי. אַזוי איז אומגעקומען די טאַלענטירטע סקולפּטאָרין יוליאַ קעיל.

הענריק קונא

אין דער יוגנט איז הערש קונא געווען אַ ישיבה־בחור, ער האָט געלערנט ביים אָטוואָצקער רב. אַזוי ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע צייטן, האָט אַ פרומער ייד זיך אָפּגעקליבן אַזאַ ישיבה־בחור פאַר אַן איידעם. אין געקריגן ביים שווער אַ פּאָר יאָר קעסט, בעת וועלכער ער פלעקט זיך פאַרנעמען בלויז מיט לערנען. אַזוי איז טאַקע געשען מיט דעם יונגן קונא. אָבער זייענדיק נאָך אין דער ישיבה, האָט קונא געפילט אַ שטאַרקן דראַנג צו מאָדעלירן, ער האָט דעריבער איבערגעלעבט אַ שווערן איבערלעבן געראַנגל. ער האָט גוט געוווּסט, אַז לויט דער יידישער טראַדיציע זענען אַזעלכע פאַרלאַנגען זינדיק. ער לעבט דאָס זייער שווער איבער. זיצנדיק אין דער טשעכאַנאָווער שול אין לערנענדיק צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע פרומע יידן, פירט ער גלייכצייטיק אַ העפטיקן קאַמף מיט זיין שטאַרקן דראַנג צו שאַפן. אין די פרייע מינוטן, באַהאַלטנדיק זיך פאַר אַ פרעמד אויג, פאַרנעמט ער זיך מיט אויסשניצן פאַרשידענע פיגורן פון האָלץ, מיט קלעפן אין ליים און מיט צייכענען.

אַ מאָדנער צופאַל האָט אָבער אַ קער געטאָן מיטן ווייטערדיקן גורל פון הערש קונאן. דער טשעכאַנאָווער דאָקטאָר איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן געוווּסט וועגן קונאס באַהאַלטענע סקולפּטאָרישע אַרבעטן. נאָך מער, ער האָט אים צוגעגעבן חשק צו דער דאָזיקער אַרבעט אין פלעגט זיך נישט איינמאָל פאַרטראַכטן, ווי אַזוי אַרויסצוהעלפן דעם דאָזיקן טאַלאַנטירטן יונגנמאַן. פון טשעכאַנאָוו האָט אויך געשטאַמט אַ געוויסער סקולפּטאָר ביעגאַס, וועלכער איז צו יענער צייט שטאַרק באַרימט געווען אין אויסלאַנד. דער דאָזיקער פוילישער סקולפּטאָר האָט אויך אַמאָל אַלס יינגל פאַרנומען זיך מיט אויסשניצן פון האָלץ פאַרשידענע פיגורלעך. ווען מען האָט איין מאָל איינגעאָרדנט אין וואַרשע אַ היגיענישע אויסשטעלונג, האָט

דער טשעכאַנאָווער דאָקטאָר איבערגעשיקט אויף דער אויסשטעלונג אייניקע פֿון ביעגאַס אַרבעטן. די דאָזיקע סקולפּטור האָט פֿאַרגעשטעלט אַן אַלטע באָבע אויסגעשניצט פֿון האָלץ, ווי זי שטעלט צו אַ טאָפּ צום בייך פֿון אַ קראַנקער פֿרוי. ווען די רעפּראָדוקציע פֿון דער דאָזיקער סקולפּטור האָט זיך באַוויזן אין אייניקע צייטשריפֿטן אין לאַנד, האָט מען זיך אָריענטירט, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ גרויסן טאַלאַנט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די קינסטלערישע קאַריערע פֿונעם סקולפּטאָר ביעגאַס, וועלכער האָט זיך שפּעטער אויף שטענדיק באַזעצט אין פּאַריז. דער דאָזיקער ביעגאַס האָט זיך אַמאָל אויסגעקליבן מיט אַ באַזוך אין זיין געבוירן־שטאָט טשעכאַנאָוו צום אָרטיקן דאָקטאָר. ביי דער געלעגנהייט האָט דער דאָקטאָר געוויזן ביעגאַסן די אַרבעטן פֿונעם יונגן קונא. ביעגאַס איז אַנטציקט געווען מיט די דאָזיקע אַרבעטן און האָט זיך אויסגעסטאַרעט, מ'זאָל קונען צוגעמען אין דער קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע. אַזוי האָט העניק קונא אָנגעהויבן זיין קינסטלערישע קאַריערע, כּדי אין משך פֿון אַ קורצער צייט צו ווערן איינער פֿון די באַרימטסטע פּוילישע סקולפּטאָרן.

קונא ווערט אַ קינסטלער, וועלכער דריקט אויס די אידעאַלן פֿון דער גריכישער סקולפּטור, דאָס איז נישט געווען קיין עקלעקטיציזם. קונא איז דאָך געווען איינער פֿון די גייסטיקסטע קינסטלער פֿון זיין עפּאָכע, איינער פֿון די באַרימטסטע ערודיטן אויפֿן געביט פֿון דער אַלטערטימלעכער קולטור, אַ מענטש, וואָס איז גלענצנדיק באַהאַוונט געווען אין דער געשיכטע פֿון קונסט.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז שוין אין יאָר 1904 האָט דער יונגער, קוים 21־יאָריקער קונא דעביוטירט אין דער וואַרשעווער זאַכענטאַ מיט אַ פֿיגור פֿונעם ציקל „דער טויט“. די דאָזיקע טעמע איז וואַרשיינלעך געווען אַ פּועל יוצא פֿון זיינע דעמאָלטיקע פֿערזענלעכע איבערלעבונגען — ער זאָל האָבן אין יענער צייט פֿאַרלוירן זיין פֿרוי און זיין קינד. אין דריי יאָר אַרום שטעלט קונא אויס אין קראָקע אַ גרויסע קאָמפּאָזיציע „אירידיאָן“, וואָס איז געבויט אויף דער גריכישער מיטאָלאָגיע. צו שאַפֿן די דאָזיקע סקולפּטור האָט אים וואַרשיינלעך באַווירקט „אירידיאָן“ פֿון זיגמונט קראַשינסקי.

אין דער צייטשריפֿט „קריטיקאַ“, וואָס איז דערשינען אין קראָקע, לייענען מיר דעמאָלט אַ רעצענזיע פֿון דעם סקולפּטאָר טאַדעוש בלאָטניצקי, ער שרייבט: „פֿון די אַרבעטן קונאס, וואָס שמעקן נאָך שטאַרק מיט שילערישקייט, צייכנט זיך אויס דער קאָפּ א. ג. „אירידיאָן“. איין באַמערקונג אָבער, ה' קונא, אירידיאָן איז דאָך געווען א גריך“! פֿאַרשטייט זיך, אַז

קונא האָט נאָך דעמלט נישט פאַרמאָגט קיין אייגענעם אויסגעאַרבעטן סטיל, דאָך האָט זיין קלאַסישער מאָטיוו „אירידיאַן" שוין איבערגעשטיגן די פאָרם פון טרוקענעם אַקאַדעמיזם.

אין יאָר 1908 נעמט קונא אָנטייל אין אַן אויסשטעלונג פון דער פוילישער קינסטלער-גרופע „שטוקאַ", וואָס איז איינגעאָרדנט געווען אינעם ווינער האַגעבונד. אויף דער דאָזיקער אויסשטעלונג, אין וועלכער עס נעמען אָנטייל די גרעסטע פוילישע קינסטלער ווי וויספּיאַנסקי, סטאַניסלאַווסקי, מאַלטשעווסקי, ווײַטשולקאָווסקי, מעהאָפער און פון די סקולפּטאָרן — קונאָס פּראָפעסאָר לאַשטשקאַ, ווערט קונא שוין פאַררעכנט צו די רייפע קינסטלער. מער אָדער ווייניק אין דער זעלבער צייט האָט לעשטשקאָ געמאַכט קונאס קאָפּ, פאָרשטעלנדיק אים נאָך אַלס חסיד מיט פאות.

אין יאָר 1909 האָט קונא אויסגעשטעלט זיינע סקולפּטורן אין פּאַריז אויפן האַרבסט סאַלאָן, און אין א יאָר אַרום — באַווייזט זיך אויף דער אויסשטעלונג אין קראָקע זיינס א ביוסט פון דעם באַרימטן פוילישן מעדיקער פּראָפעסאָר הענריק נוסבאַום, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר איינע פון די בעסטע אַרבעטן קונאַס אין יענער צייט. ביסלעכווייז ווערט דער אָפּגרונט צווישן אים און דער סביבה, פון וועלכער ער שטאַמט, אַלץ טיפער. אין יאָר 1905 האָט קונאַ חתונה מיט דער באַרימטער פוילישער שוישפּילערין סטעפּאַניאַ קראַוזע.

הענריק קונא האָט פאַר דער פוילישער קונסט א ספּעציעלע באַדייטונג. קונאַ שטרעבט צו שאַפן אַן אײדעלער סקולפּטור. ער האָט באַזונדערס אַכט געלייגט אויף דער האַרמאָניע און ריטם פון דער קאָנסטרוקציע. דערביי באַמיט ער זיך צו האַלטן זיינע אַרבעטן אויפן ניוואָ פון די גייעסטע דערגרייכונג פון דער סקולפּטור. דער קינסטלער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט פּראָבלעמען פון פילאָזאָפיע. ער האָט זיך באַפריינדעט מיט דעם באַרימטן פוילישן פילאָזאָף טאַדעוש זשעלינסקי, דעם מחבר פון א סך פילאָזאָפישע אַרבעטן, צווישן אַנדערע פון דעם ווערק א. נ. „דער העלעניזם און דער יודאיזם". ס'איז אָן שום ספק, אז זשעלינסקי האָט אויך געהאַט א געוויסע ווירקונג אויף קונאַן. קונאַ האָט אויסגעפירט א ביוסט פון זשעלינסקין, ווי אויך א סקולפּטור, וואָס שטעלט פאָר דעם מאָלער ראָמואַלד וויטקאָווסקי און א ריי אַנדערע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן דעמלט געלעבט. קונאַ האָט געשאַפן א באַדייטנדיקע צאָל קאָמפּאָזיציאָנעלע אַרבעטן, מאָדעלירנדיק זיי אין האָלץ, מאַרמאָר און בראָנז. פון זיי וועלן מיר אויסרעכענען בלויז אייניקע ווי „דער פּרימאָרגן", „אַטלאַנטאַ", „דריי מאַ-

ריעס", „דער ריטם", „4 תליות". צווישן קונאַס ארבעטן קאָן מען אויך געפינען סקולפּטורן מיט מאָטיוון פון טאָג=טעגלעכן לעבן, ווי די סקולפּטור „דער פישער", וואָס איז אין יאָר 1927 רעפּראָדוצירט געוואָרן אין ווארשעווער אילוסטרירטן וואָכנזשורנאַל.

קונאַ איז נישט געווען קיין אָנהענגער פון אימפּרעסיאָניזם אָדער אַנדערע מאָדערניזמען. ער האָט אפילו פאַרגעוואָרפן ראָדענען, וועמען ער האָט געשעצט אלס גרויסן קינסטלער, אז ער פירט אריין אין זיינע שאַפונגען א צו שרייענדיקע, באַראָק=אַרטיקע דעקאָראַטיווקייט, טונקלענדיק די ווירקלעכע שיינקייט פון דער סקולפּטור. קונאַ האָט געשטרעבט אויפצוהייבן די סקולפּטור=קונסט צו די הויכן פון גרענעצלאָזער שיינקייט. די אויסשטעלונגען פון קונאַס שאַפונגען אין פּאריז און לאָנדאָן האָבן געמאַכט א קאָלאָסאַלן איינדרוק. די פּרעסע און די קונסט=קענער האָבן ברייט קאָמענטירט די ארבעטן קונאַס.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט קונא אונטערגענומען אַ ארבעט, וואָס איז געווען דער העכסטער טרוים פון יעדן פּוילישן סקולפּטאָר — צו שאַפן א דענקמאָל פאר אַדאַם מיצקעוויטשן. אין יענער צייט האָט מען געמאָלדן א קאָנקורס אויף א דענקמאָל פון מיצקעוויטשן פאר ווילנע. אין דעם דאָזיקן קאָנקורס האָבן אָנטייל גענומען די באַרימטסטע פּוילישע סקולפּטאָרן, צווישן זיי קסאַווערי דוניקאָווסקי און עדוואַרד וויטיגג. די זשורי האָט אויסגעצייכנט דעם פּראָיעקט פון הענריק קונאַ.

עס האָט זיך דערנענטערט דער זעניט=מאָמענט אינעם שאַפן פון דעם שוין פולשטענדיקן רייפן סקולפּטאָר. קונא האָט דעמלט פארנומען דעם פּאָסטן פון אַ פּראָפעסאָר אין דער וואַרשעווער קונסט=אַקאַדעמיע און איז אויך געווען פּראָפעסאָר פון דער אָפּטיילונג פאר קונסט אויפן אוניווערסיטעט א. נ. פון סטעפאַן באַטאָרי אין ווילנע. זיין גרויסע אַטעליע אויף דער טשאַצקי=גאַס איז אלץ מער און מער אָנגעפילט געוואָרן מיט פיגורן פון מיצקעוויטשן. דער מיצקעוויטש=דענקמאָל האָט געזאָלט זיין איינער פון די גרעסטע אין פּוילן. קונאַ האָט אינגאַנצן געפיבערט. האַנט ביי האַנט מיט דער פארווירקלעכונג פון דעם פּראָיעקט זענען אויך געוואָקסן די צאָל אינטריגעס פון קונאַס שונאים. פון דער צייט, ווען קונאס פּראָיעקט איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער קאָנקורס=קאָמיסיע מיט 85 שטימען קעגן 5, האָט זיך שטאַרק געענדערט די פּאָליטישע לאַגע אין דער וועלט. אין דייטשלאַנד האָט זיך אַלץ שטאַרקער אַרויסגערוקט די פאַשיסטישע

אידעע פֿון היטלערן און צוזאַמען מיט איר אויך דער ראַסיזם, וואָס האָט ביי דער פּוילישער רעאַקציע געפֿונען אַ גינסטיקן באָדן. מען האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז קונאַ שטאַמט פֿון ייִדן. מען האָט לאַנג געזוכט אין ווילנע אַן אָרט ווו אוועקצושטעלן זיין דענקמאָל, אָבער קיין פּאַסיקן פּלאַץ האָט מען נישט געקאָנט געפֿינען. מען האָט אַוועקגעשטעלט אויף אייניקע פּלעצער אין ווילנע מאַקעטן פֿון דענקמאָל, שאַפֿנדיק אַזוי אַרום די אילוזיע, אַז מען באַמיט זיך צו געפֿינען אַ פּאַסיק אָרט. אָבער דערמיט האָט עס זיך געענדיקט.

עס איז אָנגעקומען סעפּטעמבער 1939. איינע פֿון די ערשטע היטלעריסטישע באָמבעס האָט צעשטערט דאָס הויז, ווו עס זיך געפֿונען קונאַס אַטעליע. אַזוי אַרום זענען פֿאַרניכטעט געוואָרן קונאַס שאַפֿונגען, אויך זיין מיצקעוויטש־דענקמאָל איז פֿולשטענדיק צעקלאַפּט געוואָרן. אַ ליידנדיקער אויפֿן האַרץ, האָט ער געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן פֿאַר די היטלעריסטישע באַרבאַרן. ער האָט געוווינט אין שווידער, צוזאַמען מיט דעם גרויסן פּוילישן שרייבער יאַן פּאַראַנדאָווסקי. אין זיינע דערינערונגען א. נ. „די לבנה איבער שווידער", וואָס זענען געדרוקט געווען דעם 26 אָקטאָבער 1947 אינעם זשורנאַל „נאָווינע ליטעראַצקע", האָט פּאַראַנדאָווסקי באַשריבן דעם פּעריאָד, ווען ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט קונאַ. אָט זענען אייניקע אויסצוגן פֿון דער דאָזיקער אַרבעט: ...„איך האָב דאָך געהאַט פֿאַר מיינע מאַנוסקריפּטן זייער גוטע פֿאַרקאָנספּירירטע באַהעלטענישן. אין פֿאַל ווען ס'זאָל עפּעס געשן, האָט מיר אַמאָל געזאָגט קונאַ, קאָן מען געוויסע זאַכן באַהאַלטן אינעם הייזל פֿאַר די פֿייגל... קונאַ! איך זע אים, ווי ער גייט מיט אַ קליין וואַליזקעלע, אָפּשטעלנדיק זיך פֿון צייט צו צייט, כדי זיין מיד האַרץ זאָל זיך קאָנען אָפּרוען. ס'האָבן געמוזט אַדורכגיין חדשים ביז וואַנען ער האָט צוריק געווינען די כוחות, זיין שטימונג און חשק צו דער אַרבעט, ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין דער ווילע „סלאָנעטשנאַ", ווו די אייגנטימערין האָט זיך זאָרגפֿעלטיק פֿאַרנומען מיט אים. מיר האָבן זיך אָפֿט געטראָפֿן ביים גאַסטפֿריינדלעכן טיש פֿון דער פֿרוי שוק און פֿאַרוווּנדערט פֿון זיין נישט מלחמהדיקער פֿאַרמעגלעכקייט האָבן מיר איבערגעחזרט די ווערטער, וואָס עס האָט אַמאָל געזאָגט אַ פּאַריזער בעטלער: „דאָס לעבן, מיין הער, איז שיין און... נישט איבעריק טייער". קונאַ האָט געטרוימט וועגן אַ סקולפּטור, ער האָט געטראַכט ווי צו באַקומען עפּעס אַ סאָלידן קלאָץ, פֿון וועלכן מ'וואָלט געקאָנט עפּעס מאַכן. פֿאַר אַ שטיין האָט ער שוין נישט געפֿילט קיין כוחות און מיט שרעק האָט ער געטראַכט, צי ער

וועט זיי נאָך אַמאָל צוריקבאַקומען. דערווייל האָט ער זיך פאַרנומען מיט מאָלן, ער האָט דערצו באַנוצט נישט קיין גרויסע שטיקלעך דיקט, וועלכע ער האָט געהעריק צוגעגרייט צום מאָלן. ער האָט געמאָלט סאָסנע־ביימער, וואָס ער האָט געזען דורך זיין פענצטער, ווי אויך פאָרטרעטן. מיט מיין פאָרטרעט האָט ער געהאַט א סך קלאָפּאָטן. ס'איז געווען ווינטערצייט און א פעסטער פראָסט. צום פאָזירן האָט ער מיר באַשטימט אן אָרט נאָענט פונעם אויוון. זייענדיק מיד פונעם פרימאָרגן־שפּאַציר, בין איך שנעל איינגעשלאָפן. קונאַ קוקנדיק אויף מיר האָט אזוי אָפּגעהאַרציק און הילכיק געלאַכט, אז ער האָט מיך סוף כל סוף אויפגעוועקט. אך, וואָס פארא שאָד עס איז מיר דער דאָזיקער פאָרטרעט, וואָס האָט פון זיינע ליניעס און פאַרבן אָפּגעשלאָסן די שיינע דערציילונג וועגן אונדזער צוזאַמענלעבן, געשפּרעכן, ספקות און האָפענונגען פון צוויי פּליטים, וואָס זענען ארויסגעוואָרפן געוואָרן אויף די זאַמדן פון שווידער. אָבער אזא ראַסאָווער סקולפּטאָר ווי קונא האָט נישט געקאָנט לעבן אָן זיין אַרבעט. ער האָט זיך סוף כל סוף איינגעאָרדנט א וואַרשטאַט אין עפּעס א קליין הייזל. אינעם שטויב פון גיפּס האָט קונאַ אויסגעזען געזונטער און פרישער.

א געריריטער האָט ער זיך גענומען צו זיינע אלטע, געטרייע מכשירים. עס האָט באַדאַרפט אַנטשטיין א דענקמאָל פון קאַמף אָדער זיג, א יונגע, באַהנטע פערסאָניפיקאַציע פון טריומף. די אַרבעט האָט פאָרגעשטעלט צוויי יונגע געשטאַלטן, איין געשטאַלט שוין אינגאַנצן און אויסגעשעפּטע, די צווייטע, וואָס נעמט איבער די אַרבעט אויף זיך מיט טראַגיש־אויסגעשטרעקטע אָרעמס, וואָס האַלטן קייטן אָדער א גירלאַנדע

די דאָזיקע אַרבעט האָט איבערגעלעבט אין דער פאָרם פון א סקיץ, וואָס איז רירנדיק ווי יעדער געדאַנק, וואָס האָט נישט באַוויזן זיך ארויסצוזאָגן... וויפל האַרץ און אמתע קונסט האָט קונא אריינגעלייגט אין זיין מיצקעוויטשן... אין פאַרשידענע עטאַפּן, וואָס זענען אָפּגעטיילט געווען אין משך פון יאָרן, האָב איך באַטראַכט דאָס דאָזיקע ווערק אין דער אַטעליע אויף טשאַצקי־גאַס, וואָס האָט נישט אויסגעמיטן די סעפּטעמבערדיקע באָמבעס".

העגריק קונא האָט איבערגעלעבט די אָקופּאַציע און גלייך נאָך דער באַפרייונג האָט ער זיך גענומען צו פּעדאַגאָגישער אַרבעט אין דער קונסט־אַקאַדעמיע אין טאָרון. ער איז אָבער געווען אויסגעשעפּט דורך די שווערע אָקופּאַציע־איבערלעבונגען, וועלכע האָבן זיך איצט אָפּגערופן מיט דער גאַנצער קראַפט. ער האָט ערשט דערזען די גרויזאַמע טראַגעדיע זיינע. ער

האָט זיך נישט געפֿילט בכּוח צוריק אויפֿצושטעלן דאָס גרויסע פֿאַרניכטעטע ווערק פֿון זיין לעבן. דער גרעסטער קלאַפּ פֿאַר קונען איז געווען דער פֿאַר־לוסט פֿונעם מיצקעוויטש־דענקמאָל.

קינאַס האַרץ האָט אויפֿגעהערט צו קלאַפּן דעם 16־טן דעצעמבער 1945. איינצלנע אַרבעטן קינאַס, וואָס זענען געווען אָפּגעגאָסן אין בראָנז, האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן אין פֿאַרשידענע מוזייען אין לאַנד. איייניקע געפֿי־נען זיך אין דער קונסט־גאַלעריע פֿונעם נאַציאָנאַלן מוזיי אין וואַרשע. אַ גאַנצע ריי זיינע סקולפּטורן געפֿינען זיך אין די גאַלעריעס פֿון מאָסקווע, לאָנדאָן, פּאַריז און אין אַנדערע אייראָפּעישע שטעט.

הענריק קונאַ האָט געהאַט אַ האַרציקע, כּמעט פֿאָטערלעכע באַציונג צו זיינע שילער. פֿון די יידישע סקולפּטאָרן האָט ער געהאָלפֿן חיים האַנפֿטן, יוד פּעפּערן, אַברהם אָסטזשעגאַן, די מאָלערין גענע סעקשטיין און אַנד. באַזונדערס אַ סך האָט ער געהאָלפֿן האַנפֿטן. ער האָט אַריינגעלייגט אויף זיין נאָמען אין פּ. ק. אָ.* אַ ריזיקע פֿאַר יענער צייט סומע פֿון 10.000 זל. קונאַ האָט געוואָלט אַזוי אַרום פֿאַרזיכערן דעם יונגן טאַלענטירטן קינסטלער אַ פּאָר יאָר רואיקע שעפֿערישע אַרבעט. קונאַ האָט אָפֿט באַזוכט האַנפֿטן אין זיין אַטעליע אין אָטוואָצק און האָט אים נישט געקאַרגט קיין פֿאַכמע־נישע עצות און אָנווייזונגען. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז זיי האָבן תּמיד געשמועסט צווישן זיך אין דער יידישער שפּראַך.

הענריק קונאַ האָט אויך געשאַפֿן אַ ריי מצבֿות אויפֿן וואַרשעווער בית־עולם. ער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער און אַ גרויסער מענטש. די וואָכנ־שריפֿט „נאָוואַ קולטוראַ“ פֿונעם 25 נאָוועמבער 1951 ברענגט אין דער רובריק „פֿון דער וואָך“ פֿאָלגנדיקע ידיעה: „דער קערפּער פֿונעם סקולפּ־טאָר פּראָפֿעסאָר הענריק קונאַ, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1945, איז איבערגעפֿירט געוואָרן פֿון טאָרון קיין וואַרשע און באַגראָבן געוואָרן אין דער אַלעע פֿון פֿאַרדינסטפֿולע אויף פּאָוואָנזקי. צו די צאָלרייכע מאַר־מאָרנע אויפֿן בית־עולם פֿאָרשטייער פֿון די קינסטלערישע קרייזן האָט געהאַלטן אַ רעדע אין נאָמען פֿון די פּוילישע קינסטלער־פּלאַסטיקער דער פּראָפֿעסאָר ט. סטרינקעוויטש. ער האָט געשילדערט דאָס לעבן און שאַפֿן פֿון הענריק קונאַ, דעם קינסטלער און פּעדאַגאָג.

* מלוכהשע שפּאָר־קאַסע.

עמיל קונקע

עמיל קונקע האָט געענדיקט די אוניווערסיטעט־שטודיען אין זיין געבוירן־שטאָט לעמבערג. שפּעטער האָט ער שטודירט מאָלעריי אין ווין.

אין לעמבערג האָט ער געאַרבעט אַלס לערער, אָפּגעבנדיק זיינע שילער אַ סך כוחות, געדאַנק און האַרץ. עס איז אים נישט לייכט געווען צו פירן דאָס דאָזיקע, אַזוי צו זאָגן, טאָפּלטע לעבן. ער איז געווען אַ געוויסנהאַפטער לערער, האָט איינגעאָרדנט אויסשטעלונגען, איז געווען אַרבעטזאַם און זאַכלעך. אַלס קינסטלער ווידער האָט ער פאַרמאָגט אַ סך שוואונג. ווען ער איז געווען אין אַ שעפערישער שטימונג האָט ער זיינע געדאנקען איבערגעגעבן אויפן פּאַפּיר, שאַפנדיק פאַרשידענע פאַנטאַסטישע באַשעפענישן. ער האָט פאַרמאָגט אַ דינאַמישן סטיל, וועלכער האָט באַווירקט, אַז אַלץ, וואָס איז קערפּערלעך, זאָל זיך איבערברעכן אין צייכענונגען, אַזוי אַז פאַרשידענע פראַגמענטן פון די באַאַרבעטע מאָטיוון זענען ווי איינגעזאַפּט געוואָרן אינעם הינטערגרונט.

עמיל קונקע האָט גערן אויפגענומען אין זיינע אַרבעטן חסידישע טעמאַטיק. ער האָט אָבער נישט ארויסגעוויזן קיין טענדענץ צו גלאָריפיצירן דעם מיסטיציזם—אַ שטרעמונג, וואָס איז אין יענער צייט בולט אַרויסגעטרעטן ביי אַ סך קינסטלער. די ארויסגעבראַכטע דורך אים טיפּן זענען פאַרוואָרצלט געווען אין דער מאַסע פון גרויע, פּשוטע מענטשן, וואָס זענען אָפּגענאַרט און אויסגענוצט געוואָרן דורך די פאַרשידענע רבנים און בעלי־מופתים. פאר קונקעס צייטן זענען שוין נישט געווען די דאָזיקע אינטערעסאַנטע חסידישע טיפּן, וואָס האָבן אויסגעדריקט דעם יידישן באַראָק אין פּוילן, די דאָזיקע לעגענדאַרע בעל־שמים. דאַקעגן איז געבליבן אין זיין גאַנצער רייכקייט דער יידישער פאָלקלאָר, וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס סיי אויף די שרייבער, סיי אויף די

יידישע פּלאַסטיקער. קונקע האָט מאַקע געשמעקט אין דעם דאָזיקן ראָ־מאַנטיזם און האָט אָפט אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע פאָלקס־טיפּן אין זיי־ער גאַנצער עקסצענטרישקייט און ריינקייט פון פאָלקלאָריסטישן קאָ־לאָריט.

קונקע איז געווען סיי אַלס קינסטלער סיי אַלס מענטש אַן אָריגי־נעלער טיפּ. זיינע נערוועזע, וויזיאָנערישע שאַפונגען האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

חוץ בילדער מיט אַ יידישער טעמאַטיק האָט ער אויך געשאַפן אַזעלכע ווי: „די שאַך־שפּיל“, „דער מאַקאַברישער טאַנץ“, „דער גולם“, „די אידיליע“, „פּאַוסט“, „די באַלאַדע וועגן דער תפיסה“. ער האָט אויך אויסגעפירט „עקסליבריסן“ זייער איגטערעסאַנטע און אַפילו עקסצענטרי־שע, צווישן אַנדערע האָט ער אויך אויסגעפירט אַן „עקסליבריס“ פאַר קאַזשימיעזש מאַטעיקאָווסקי.

וועגן דער אויסשטעלונג קונקעס גיט איבער דער זשורנאַל „שטוקי פּיענקנע“ פון יאָר 1924 אין דער כראָניק פון לעמבערג: „אינעם לאָקאַל אויף דער אַקאַדעמיצקע־גאַס איז געעפנט געוואָרן אַן אויסשטעלונג א. נ. „די קונסט פון יינגע“ פון די אַרבעטן פון עמיל קונקע און אַלעקסאַנדער רימער. עמיל קונקע ווערט פאַרזונקען אין אַבסטראַקציע, פאַנטאַזירנדיק טיילמאָל אויף אַן אינטערעסאַנטן אופן אויף פאַרשידענע טעמעס“.

קונקע האָט געמאָלט זיינע אַרבעטן מיט אַ סך פּאַטאָס, וואָס איז אָבער נישט איבערגעטריבן אין גראָטעסק. זיינע מאַסקעס וויברירן ווי אין עפּעס אַ פאַרכישופטע ליכט און אָט פליען זיי ווידער אַוועק העט ווייט.

עמיל קונקע האָט אויסגעשטעלט זיינע אַרבעטן אין לעמבערג ווי אויך אין אַנדערע שטעט. ער האָט אויך אָנטיילגענומען צוזאַמען מיט אַ גרופּע לעמבערגער יידישע קינסטלער אין דער אויסשטעלונג אין לאָקאַל פון דער יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט, וואָס איז איינגעאָרדנט גע־וואָרן אין יאָר 1939 אין וואַרשע. קונקעס בילדער האָבן אַרויסגערופן אַ געפיל פון אויסטערלישער שרעק. ס׳איז שווער צו געפינען די סיבות פון די דאָזיקע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען פונעם קינסטלער. אויסערלעך האָט קונקע גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן אַן ערנסטן, ניכטערן און זייער אַ זאַכלעכן, אין זיינע בילדער דאַקעגן שלאָגט זיך דורך די טראַגישקייט פון אַ מענטשן, וואָס פאַלט אַרונטער די פאַרשי־דענע פאַראיבערגייענדיקע געזעלשאַפטלעכע שטורעמס.

אין די יאָרן 1939 — 41 פלעגט קינקע אַריינקומען אין דעם פאַרבאַנד פון די לעמבערגער פּלאַסטיקער און האָט גענומען אַ לעבהאפטן אַנטייל אינעם לעבן פון דעם דאָזיקן פאַרבאַנד. נאָכן פאַרנעמען לעמבערג דורך דער היטלעריסטישער אַרמיי איז קונקע פאַרפאַלן געוואָרן. מעגלעך, אַז ער איז געווען איינער פון די ערשטע קרבנות פון דער היטלעריסטישער סאָלדאַטעסקע.

מאַרטשין קיץ

מאַרטשין קיץ איז געבוירן געוואָרן אין לעמבערג אין יאָר 1891. קיצס בילדער זענען נאָך פאַר דער מלחמה הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן. אויך אין אויסלאַנד האָט ער זיך דערוואָרבן דערפאָלג. קיץ האָט געמאָלט מייסטנס אין קליינעם פאָרמאַט. דער קינסטלער האָט אָפט געריזט איבער וואָלין און פּאָדאָליע און האָט פאַראייביקט אויפן לייוונט אינטערעסאַנטע פראַגמענטן פון דער דאָרטיקער לאַנדשאַפט. די דאָזיקע פּייזאַזשן זיינע האָבן געאָטעמט מיט וואַרעמקייט, היימישקייט, פרישקייט, פּשוטקייט און אוממיטלבאַרקייט. יעדעס פון די צאָלרייכע בילדער זיינע האָבן געאָטעמט מיט דער דאָזיקער שיינקייט און פרישקייט פון דער נאַטור, נאָך וועלכער עס בענקט אַזוי דער שטאָטישער איינוווינער. ס'איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס קיצס בילדער האָבן געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג. מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון לעבן פון פויערטום האָט זיך קיץ אינטערעסירט אויסשליסלעך פון שטאַנדפּונקט פון אַ קליינבירגער אַ ראָמאַנטיקער, וואָס באַטראַכט דאָס דאָרף מיט די אויגן פון אַ קינסטלער, וועלכער אַנטציקט זיך מיט דער שיינקייט פון אַ בליענדיקן סאָד, אָדער מיט דעם פּוכיקן טעפּיך פון דער לאָנקע. די אָרעמקייט, די גרויסע און אַלגעמיינע נויט פון דעם דאָרף איז קליינפּוילן, האָט ער אינגאַנצן נישט באַמערקט. די אַרומיקע וועלט האָט ער באַטראַכט מיט די אויגן פון אַ מאָלער, וואָס ברענגט אַרויס אין זיינע בילדער דאָס, וואָס ער זאַפּט אין זיך איין, די לופט, די שטימונג, דעם גלאַנץ פונעם אַרום. ער ווייזט אַ פויערישע כאַטע מיט אַ שטרויענעם דאַך, אַן איינגעבויגענער פלויט, אַ וועגעלע, אין וועלכן ס'איז איינגעשפּאַנט אַ פערדל, וואָס צופּט רואיק דאָס גראָז — אַזעלכע פראַגמענטן פונעם דאָרפישן לעבן האָט ער אַרויסגעבראַכט אין פלאַמיקע קאָלירן און מיט אַ זעלטענער זאַפטיקייט. קיץ איז געווען אַ גלענצנדיקער פלאַסטיקער. דער קלענס-

טער דעטאַל פון זיין קליין בילדל אָטעמט מיט לעבן. דערביי איז זיין קאָלאָריסטיק זייער ווייך, פאַרמאָגט אַ רייכע גאַמע.

ס'זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן קיצן באַטראַכט פאַר אַן אימפּרעסיאָניסט, און ווירקלעך פאַרמאָגט זיין קונסט אַ געוויסע קרובהשאַפט מיט דער דאָזיקער ריכטונג.

קיץ האָט אין משך פון אַ געוויסער צייט שטודירט אין מינכען, שפּעטער ביי דעם גרויסן דייטשישן מייסטער מאַקס ליבערמאַן. אין קיצעס שאַפונג איז שווער צו געפינען דעם איינפלוס פון ליבערמאַנען. קיץ פאַרמאָגט נישט דעם שפּעדיקן, ברייטן שוואונג, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָזיקן דייטשישן אימפּרעסיאָניסט. ער פאַרמאָגט נישט דעם אופן פון אינטערפּרעטירן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די גרויסע פאָרשטייער פון דער דאָזיקער ריכטונג. ער האָט אָבער פאַרמאָגט די פעיקייט גלענצנדיק אויסצודריקן די פאַרביקייט און קלאַנגפולקייט פון די פאַרוואָרפנסטע און אומבאַקאַנטסטע ווינקלעך פונעם היימישן פּייזאַזש, צו וועלכן ס'איז נאָך נישט דערגאַנגען דער אָטעם פון דער ציוויליזאַציע. כדי צו געפינען אַזעלכע מאָטיוון, האָט קיץ אומגעוואַנדערט איבער פאַרוואָרפענע דערפער, וואָס זענען ווייט פון אַ באַן־ליניע.

אין זיין בילד: „דער יאַריד צווישן ביימער" זעען מיר אַ מאַרק מיט אַ סך פויערים, פערד און וועגענער פול מיט פאַרשידענע פּראָדוקטן און דאָס אַלץ געפינט זיך אין שאָטן פון די הויכע ביימער, וואָס וואַקסן אַרום דעם מאַרק. קיץ האָט ליב קרעמעניעץ, און פון זיינע אָפטע וואַנדערונגען איבער דעם שטעטל אַנטשטייען פאַרשידענע פּרעכטיקע בילדלעך, וואָס שטעלן פאָר פראַגמענטן פון דעם דאָזיקן פּייזאַזש מיט די קליינע הייזלעך און קליינע מענטשלעכע פיגורן. און אַזוי ווי ער האָט קרעמעניעץ געמאָלט מייסטנס אין חודש יולי, טונקען זיך די בילדער אינעם בליאַסק פון דער זומערדיקער זון.

ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט קיץ זעלטן ווען ריזיקירט צו מאָלן פאָרטרעטן פון מענטשן. מיר זעען אַפילו אין זיינע דאָרפישע בילדער דאָ און דאָרט מענטשלעכע טיפּן, אָבער זיי זענען גיכער אַ דערגענצונג צו דעם אַרויסגעבראַכטן פּייזאַזש. קיץ האָט אויך געשאַפן שטיינער־בילדער פון זיין היימישן לעמבערג. דאָרט שטעלט ער אויך פאָר פאַרשידענע באַלמעלאָכעס: אַ שוסטער, אַ בלעכער, אַ סטאָליאַר אָדער באָנדאַר. ער האָט אויך געמאָלט פאָרטרעטן פון געוויסע לעמבערגער פּערזענלעכקייטן. אָבער די דאָ=

זיקע באַשטעלטע פּאָרטרעטן זענען אַריבער אין פּריוואַטע הענט און אַזוי אַרום זענען זיי אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער עווידענץ פֿון זיינע שאַפֿונגען.

מיט דער גרעסטער ליבשאַפֿט מאָלט ער פֿונדעסטוועגן דאָס דאָרף און זיינע איינוווינער, די דאָרפֿישע כאַטעס מיט די ברייטע הילצערנע בענק אַרום די ווענט, מיט די גראָבע פּראָסטע טישן און באַפּוצטע קופּערטן מיט אויסשטייער. ס'פֿלעגט טיילמאָל טרעפֿן, אַז ער אַליין פֿלעגט שלאָפֿן ביי די פּויערים אויף אַזאַ הילצערנער באַנק, כּדי פֿאַרטאָג זיך אַרויסצו־כאַפּן און מאָלן זיינע קליינע פּייזאַזשן. ס'פֿלעגט אויך טרעפֿן, ווי ער האָט מיר פֿאַרזיכערט, אַז ער פֿלעגט אַוועקשענקען געוויסע אַרבעטן זיינע די פּויערים, ווען עמעצן פֿון זיי איז שטאַרק אָנגעגאַנגען, אַז אויך זיין שטוב זאָל באַפּוצן זיינס אַ בילדל.

צווישן סעפּטעמבער 1939 און יוני 1941, האָט מאַרטשין קיץ ווייטער זיך פֿאַרנומען מיט מאָלן זיינע בילדלעך פֿון לעמבערג און ווייטערער אומ־געגנט. ער האָט דעמלט אויסגעשטעלט זיינע שאַפֿונגען אין מאָסקווע, כאַר־קאָוו, קיעוו צוזאַמען מיט זיינע לעמבערגער חברים. ער האָט געהערט צו דער גרופּע קינסטלער, וואָס זענען פֿאַרבעטן געוואָרן קיין מאָסקווע.

ס'איז אָנגעקומען יוני 1941. אַ געוויסע צייט האָט מאַרטשין קיץ פֿאַרבראַכט אין לעמבערגער געטאָ. שפּעטער האָט דער טרויעריק באַרימ־טער אכזר — דער שעף פֿון עס־עס־פּאָליציי אויפֿן דיסטריקט גאַליציע, קאַצמאַן — געצוווּנגען קיצן צו ווערן אַזוי צו זאָגן זיין הויף־מאָלער. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט מאַרטשין קיץ צוזאַמען מיט זיין ברודער דער אַרכיטעקט פֿאַרבראַכט אויסערן געטאָ, אויף דער אַזוי גערופֿענער „אַרישער זייט". נאָכמער — ער איז באַפֿרייט געוואָרן פֿונעם פֿליכט צו טראָגן, אַזוי ווי אַלע יידן, דעם אָרעמבאַנד. פֿון דער דאָזיקער פּריווילעגיע האָט אויך גע־נאָסן דער פֿאָטאָגראַף מאַרק. איין מאָל, ווען קאַצמאַן האָט זיך געפֿונען אויסער לעמבערג, האָבן זיינע זעלנער זיך אַריינגעריסן אין דער וווינונג פֿון קיצן, האָבן אים אַרויסגעשלעפּט צוזאַמען מיטן ברודער און דערמאָרדעט. קיצ'ס פֿרוי און זיין מוטער איז געלונגען זיך אָפּצוראַטעווען.

אַרטור קלאַר

אַרטור קלאַר, דער זון פון זיגמונט, איז געבוירן געוואָרן אין לעמבערג אין יאָר 1895. ער איז הויפּטזעכלעך געווען אַ פּייזאַזשיסט, אַ מאָלער, וואָס האָט טיף אָפּגעפילט די שיינקייט פון דער פוילישער נאַטור. אין זיינע בילדער האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די נאַטור־כוחות, וואַסער, דער פלאַם פון דער זון, די ערד, דער שטורעם, די פלאַנצונגען, ביימער, בלומען און ענלעכע. דער קינסטלער באַצויבערט דעם צושויער, ווייזנדיק אים עפּעס אַ שיינעם אָפּשניט פון דער נאַטור, וואָס רופט אַרויס אַנטציקונג. קלאַרן איז שווער צו באַצייכענען אַלס עקספּרעסיע־מאָלער, ער איז גיכער געווען אַ מאָלער, וואָס האָט פאַרמאָגט נאַטוראַליסטישע טענדענצן, עפּעס ענלעך צו אַ מאָלער אַ ראָמאַנטיקער. ער האָט געמאָלט אינעם גייסט פון קאַספּאַר דוד פרידריך, אָדער לודוויג ריכטער — די מייסטער פּייזאַזשיסטן, וועלכע זענען אַליין פאַרשיכורט געוואָרן פונעם כישוף פון דער נאַטור און האָבן געקאָנט פאַראייביקן דאָס געזעענע אויפן לייוונט אין דער גאַנצער פּראַכט אירער, אַזוי, אַז באַטראַכטנדיק זייערע נאַטור־בילדער האָט מען געהערט דעם קלאַנג פון אַ טראָפּן, וואָס פאַלט אויפן שטענגל פון גראָז. עס איז צום באַוווּנדערן, וואָס קלאַר, וועלכער האָט געלעבט אינעם גרויסשטאָטישן טומל, האָט פאַרמאָגט אַזויפיל ליבע און געפיל פאַר דער שיינקייט אין דעם כישוף פון דער נאַטור. וואָס פולקאָמער און זויבערער די לאַנדשאַפט איז געווען, אַלץ ריינער און ליידנשאַפטלעכער ברענגט אים אַרויס דער קינסטלער, ווייזנדיק אים אין זיין גאַנצער פּראַכט. קלאַרס בילדער זענען באַהויכט מיט עפּעס אַ געהיימניספולקייט, וואָס ווירקט אַזוי שטאַרק אויפן צושויער.

די לייטונג פון דער אַלגעמיינער אויסשטעלונג אין פּויזן, אין יאָר 1929 האָט איינגעלאַדן קלאַרן אָנטיילצונעמען אין איר, הגם ער האָט נישט געהערט צו קיין שום קינסטלערישער גרופּירונג. ער האָט דעמלט געלעבט און

געמאָלט אין אַ מאָלערישער געגנט הינטער לעמבערג — אין יאַנאָוו. ער האָט דאָ געמאָלט אַ סך פּרילינג- און זומער-פּייזאַזשן. אויף דער פּויזנער אויסשטעלונג האָט ער געשיקט זיין בילד „הינטער ווערעשטשיצע“. דאָס בילד איז דורך די קונסט-קענער זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן.

מיט אַרטור קלאַרס בילדער האָב איך זיך באַגעגנט אין וואַרשע אויף דער אויסשטעלונג פון די לעמבערגער קינסטלער. די אויסשטעלונג איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט אין יאָר 1939. איך האָב דעמלט באַוואונדערט די ראָמאַנטיק פון די בילדער זיינע, וואָס האָבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט צווישן די אַרבעטן פון אַנדערע מאָלער פון פאַרשיידענע מאָדערניסטישע ריכטונגען. ס'איז געווען צו באַוואונדערן דעם טרעפלעכן אויסוואַל פון די שענסטע נאַטור-ווינקעלעך, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיינע בילדער. די דאָזיקע פּייזאַזשן זענען איבערגעגעבן געוואָרן מיט אַ סך האַרץ און אָן שום פילאָזאָפיע.

אין די שוידערלעכע חדשים אָקטאָבער-נאָוועמבער 1939, ווען על פּי נס איז מיר געלונגען אַרויסצורייסן זיך פון די היטלערישע נעגל, האָב איך זיך פּערזענלעך באַקענט מיט קלאַרן. דאָס איז געווען אין זיין געבוירן-שטאָט לעמבערג. איך בין איבערראַשט געוואָרן פון דער איינשטימיקייט פון זיין פּערזענלעכקייט מיטן כאַראַקטער פון זיין שאַפן. דאָס איז באמת געווען אַ מאָלער אַ טרוימער, וואָס האָט זיך באמת איבערגעגעבן אַלץ, וואָס ער האָט געזען און איבערגעלעבט עכט און קלאָר. באַטראַכטנדיק זיינע בילדער, האָט מען נישט נאָר געפילט די אַנטציקונג פונעם מענטשן, נאָר די טיפע גערירטקייט פונעם קינסטלער. ער האָט נישט געמאָלט זיינע בילדער אין אַ וועלכער ס'איז דיסטאַנץ צו דער נאַטור, ווי דאָס איז געווען דער מאַניער פון געוויסע אימפּרעסיאָניסטן.

קלאַר האָט געקאָנט די קלענסטע נאַטור-דערשיינונג באַנעמען, ווי אַ פראַגמענט פון דער אַלגעמיינער שיינקייט פון דער נאַטור. יעדער זיינער צי מיטן פּענדזל האָט וויברירט מיט אַ באַצויבערנדיקער קראַפט, מיט פּלאַמיקער שיינקייט. אַרטור קלאַר, ווי כ'האָב דאָס אָפט געהאַט די מעגלעכקייט פעסטצושטעלן, האָט ליב געהאַט צו וואַנדערן איבער די פאָרשטעט, ווו ס'האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר אים פעלדער און וועלדער און אַ ברייטער האָריזאָנט. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם אַרום נישט נאָר מיט דער ראיה, נאָר אויך מיט זיין געהער. עס איז דעריבער קיין ווונדער נישט, וואָס קלאַרס בילדער שפּיגלען אָפּ די אַנטציקונג פון מאָלער. ער ברענגט אַרויס די לאַנד-

שאַפט כמעט אַזוי ווי אַ פּאָרטרעט, מיט דעם גאַנצן צויבער אירן. די טאָנאַציע פון די פאַרבן אַביסל געלאָשן און איינגעהילט אין אַ לייכט וואָלקנדל פון מעלאַנכאָליע.

אַרטור קלאר האָט אויסגעשטעלט זיינע אַרבעטן אין לאַנד און אין אויסלאַנד. זיינע פּייזאַזשן זענען אין די ווינער קינסטלערישע קרייזן באַגעגנט געוואָרן מיט גרויס אָנערקענונג.

וועגן גורל פונעם קינסטלער בעת דער אָקופּאַציע איז כמעט גאָרנישט באַוווּסט. מען ווייסט בלויז, אַז אין יענער צייט איז ער אומגעקומען.

פרידעריק (פריץ) קלײנמאַן

פרידעריק קלײנמאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1896 אין לעמבערג. די אימפּולסן פאַר זײַן שאַפונג האָבן געשטאַמט פון די דראַמאַטישע און אין אַ געוויסער מאָס אַפילו גראָטעסקאַרטיקע איבערלעבונגען פונעם קינסטלער. ער האָט ליב געהאַט זיך צו פאַרטיפן אין פאַרשידענע פאַנטאַסמאַגאָריעס, וואָס זענען געווען נאָר אים אַלײן צוטריטלעך, און אַרויסבאַקומען די פאַרשידנאַרטיקסטע פאָרמען, וואָס האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן אין אַ גאַנצן לאַבירינט פון אַ סצענאַר, וועלכן ס'איז שווער געװען צו באַצײכענען. פרידעריק קלײנמאַן האָט אַ סך געאַרבעט בײַם רײַסברעט און הגם ער האָט זיך נישט באַנוצט מיט קײן צירקל, דאָך איז זײַן אַטעליע גיכער ענלעך געווען צו אַן אַרבעטסצימער פון אַן אַרכיטעקט.

צענדליקער ווײַסע פּאַפּיר־בלעטער זענען אַרויס פון אונטער זײַנע פינגער ווי העלע קאָלירטע קאָמפּאָזיציעס, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געמיש פון די פאַרשידנסטע פאָרמען. קלײנמאַנס בילדער האָבן וואָס אַן אמת געהאַט נאָרמאַלע קאָנטורן. ס'איז אָבער שווער געווען צו פאַרשטײן דעם אינהאַלט, וואָס דער קינסטלער האָט געוואָלט אַרויסברענגען.

אין משך פון לאַנגע יאָרן האָט קלײנמאַן געאַרבעט אַלס דעקאָראַטאָר פון דעם לעמבערגער טעאַטער. אויף דעם געביט האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך אײנפאַלערישקײט. ער האָט ליב געהאַט צו עקספּערימענטירן. ער פלעגט אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקײט אין עפּעס ווײַטע עולמות. ער האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט טעאַטער־דעקאָראַציעס. ער האָט אויך געהאַט אַנטפּלעקערישע אַמביציעס און פלעגט זיך אָפט אַרײַנוואַרפן אין אַ ברײטער וועלט פון פאַנטאַזיעס. קלײנמאַנס קאָמפּאָזיציעס פאַרמאָגן אויך מעלאָדישקײט. אָבער קודם כל מאַכן זײ דעם אײַנדרוק פון קאָנצעפּציעס צעשפּאָלטענע, נישט אײנהײטלעכע אין זײערע פאָרמען. צוליב די טעמים מאַכן זײַנע אַרבעטן דעם אײַנדרוק פון אַבסטראַקטע, פון עפּעס ליניעס,

ספּיראַלן און פֿאַרשידענע קאָנסטרוקציעס, וואָס קאָנטראַסטירן צווישן זיך, און דאָס אַלץ באַדעקט דער קינסטלער מיט העלע פֿאַרבן. פֿרידעריק קליינמאַן שטאַמט פֿונעם עקספּרעסיאָניזם און אין דער פֿאָרם האָט ער געשאַפֿן אַ סך שטאַרקע און לעבעדיקע בילדער, וואָס דערנענטערן אים צו אָסקאַר קאָקאָשקאָ און די דייטשישע עקספּרעסיאָניסטן, ווי: קירכנער, פּעכשטיין און טיילמאָל אַפֿילו צו דער וויזיאָנערישקייט פֿון קובינען. קליינמאַן גיט זיך איינגאַנצן אָפּ זיין שאַפֿן, פֿאַרכליניעט זיך מיט איר און סטיליזירט גערן. ער שאַפֿט אויך אָפֿט אויף יידישע טעמעס בילדער, וואָס פֿאַרמאָגן אַ סך שטימונג און געפֿיל. קליינמאַן איז דורכגעגאַנגען פֿאַרשידענע פֿאַרענדערונגען פֿונעם אימפּרעסיאָניזם ביזן עקספּרעסיאָניזם און צום סוף ביזן אַבסטראַקציאָניזם. די וועלט פֿון זיינע טרוימען איז באַהויכט מיט אַ סך פּאָעזיע, הגם רעאַליזירנדיק זיינע איינפֿאַלן, דעפֿאָרמירט ער זיי מייסטעס. ער פֿאַרמעסט זיך אויף דרייסטע קאָמפּאָזיציעס, אין וועלכע ער דערגרייכט אָפֿט זעלטן שיינע פֿאַרבן-פֿאַרבינדונגען. קליינמאַן האָט געהאַט אַ סך אָנהענגער פֿון זיין קונסט און דאָס נישט בלויז אין לעמבערג, נאָר אין פֿאַרשידענע שטעט אין פּוילן. ער האָט חוץ אין לעמבערג אויסגעשטעלט זיינע בילדער אין וואַרשע, קראָקע, לאָדזש, פּויזן. אין יאָר 1939 האָט ער אָנטייל גענומען צוזאַמען מיט אַ גרופּע לעמבערגער יידישע מאָלער אין דער אויסשטעלונג פֿון דער וואַרשעווער יידישער געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרייטן קונסט. קליינמאַן איז געווען אַ פּאָרטרעטיסט מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל, וועלכן מ'האָט לייכט געקאָנט דערקענען. אינעם פּאָרטרעט האָט ער געקאָנט צונויפֿשמעלצן די קערפּערלעכע אייגנשאַפֿטן פֿון מאָדעל מיט זיינע גייסטיקע וואַלאָרן און אַזוי אַרום אַרויסבאַקומען דאָס וועזנטלעכע פֿונעם פּאָרטרעטירטן. פֿאַרגלייכנדיק די שאַפֿונג פֿון פֿרידעריק קליינמאַנען מיט דער קונסט פֿון דער סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט, מיט די פֿאַרשידענע ריכטונגען פֿון יענער צייט — מוז מען פֿעסטשטעלן, אַז די אינדיווידואַליטעט פֿונעם קינסטלער, זיין ספּעציפֿישקייט, דאָס זוכן אורשפּרינגלעכקייט און דאָס גלייכצייטיקע אינטעלעקטואַליזירן, וואָס דריקט זיך אויס אין דער רייכקייט פֿון די שעפֿערישע איינפֿלוסן — אָט וואָס עס שלאָגט זיך ביי אים אַרויס אויפֿן ערשטן פּלאַן. ס'איז ווערט אונטערצושטרייכן, אַז קליינמאַן האָט אויך געשאַפֿן אינטערעסאַנטע סאַטירישע צייכענונגען. ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פֿון דעם לעמבערגער סאַטירישן זשורנאַל „שטשוטעק“. אַלס צייכענער האָט קליינמאַן געגעבן אויך זיין צושטייער צו די סאַטירישע טעמעס, וואָס דער זשורנאַל האָט באַרירט.

קליינמאַן האָט אויך, צווישן אנדערע, געשאַפן א משונהדיקן אויטאָ־
פּאָרטרעט. ער שטעלט זיך פאָר אין דער געשטאַלט פון דיאָניזאָסן ביי
א פאַס וויין. איבער אים, ווי זיי וואָלטן געשווומען אין דער לופט, טראָגן
זיך פארשידענע גראָטעסקאַרטיקע פיגורן. מעגלעך, אז זיי דאַרפן מיט זיך
פאָרשטעלן די ווירקונג פונעם וויין, וואָס פארשיכורט דעם געדאַנק. ביי
דעם אלעמען האָט אויך קליינמאַן געקאָנט זיין ערנסט, איבערהויפּט דעמלט,
ווען מ׳האָט באַדאַרפט לייזן ערנסטע פּראָבלעמען, הויפּטזעכלעך ביים
שאַפן טעאַטער־דעקאָראַציעס. אין די לעצטע יאָרן פאר דער צווייטער
וועלט־מלחמה האָט מען קליינמאַנען אויך צוגעצויגן צו דער שאַפונג פון
טעאַטער־דעקאָראַציעס אין יידישן טעאַטער אין ווארשע. אזוי ווי קליינמאַן
איז נישט באַלאַסטעט געווען מיט קיין שום שול און רוטין, האָט ער געקאָנט
אָן שום שטערונגען שאַפן אָריגינעלע דעקאָראַציעס, וואָס האָבן שטאַרק
געווירקט אויפן צושויער.

בעת דער היטלער־אָקופּאַציע איז קליינמאַן ארייַנגעפאַלן אינעם יאַנאָ־
ווער לאַגער. דאָ האָט ער געאַרבעט אלס וועבער, דערביי האָט ער אין דער
היים א סך געצייכנט. ער האָט געצייכנט א סך קאַריקאַטורן פון די היט־
לעריסטישע תליינים. עס האָט זיך ביי אים אָנגעקליבן א היפּשע טעקע מיט
פארשידענע לאגער־מאָטיוון, נישט איין מאָל האָט אויך קליינמאַן זיך באַ־
מיט, איינשטעלנדיק דאָס לעבן, ארויסצושיקן פון לאגער די דאָזיקע ציי־
כענונגען. איצט ווייסן מיר נישט, וואָס עס איז געוואָרן מיט זיי. דער קינסט־
לער איז, ווייזט אויס, אומגעקומען אין לאגער. אויף דער נאָכמלחמהדיקער
אויסשטעלונג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין צוזאמענהאַנג מיטן
פינפטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ, האָט זיך אויך גע־
פונען אן ארבעט פון פרידעריך קליינמאַן. דאָס איז געווען זיין פארמלחמה־
דיקער אויטאָפּאָרטרעט.

ראָמאַן קראַמשטיק

ראָמאַן קראַמשטיק איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1885 אין וואַרשע. זיין זיידע איזאַק קראַמשטיק איז צוליב זיין פּאַטריאָטישער שטעלונג צוויי מאָל פאַרשיקט געוואָרן צוזאַמען מיטן רב מייזעלס קיין סיביר. דער פאָטער ראָמאַנס, יוליאַן, איז געווען אַן אָנגענומענער קינדער־דאָקטאָר.

ראָמאַן קראַמשטיק האָט באַקומען זייער אַ גוטע דערציונג. ער האָט באַזוכט די IV וואַרשעווער גימנאַזיע. אַדאַנק זיין גוט־סיטואירטער משפּחה האָט ער געקאָנט זאָרגלאָז שטודירן אין אויסלאַנד. נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ראָמאַן קראַמשטיק אָפּגעפאָרן קיין בערלין, וווּ ער האָט שטודירט מאָלעריי ביים פּראָפעסאָר הערשטיין.

אינעם לעבן פון קראַמשטיקן לאָזן זיך אָפּטיילן אייניקע עטאַפּן, בעת וועלכע עס האָט זיך אויסגעפאָרמירט זיין פּערזענלעכקייט סיי אַלס קינסטלער, סיי אַלס מענטש. ראָמאַן קראַמשטיק איז אַ קינסטלער פון דער דעקאַדענץ־עפּאָכע און ערשט בעת דער היטלער־אָקופּאַציע איז ער אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה פון אַ גרויסן קינסטלער — אַ הומאַניסט. אין דער צייט, ווען די בורזשואַזע פּלאַסטישע קונסט האָט זיך געיאָגט נאָך דער אַזוי גערופענער גוטער מאַרקע, האָט זיך אין געוויסע קינסטלערישע קרייזן אָנגעהויבן וועקן דאָס געוויסן און ס'זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אַרויסצופירן די קונסט פונעם טעמפּן ווינקל, וווּ עס האָבן זי פאַרפירט די פּיפיקע קונסט־הענדלער. פּונקט ווי אין דער ליטעראַטור טרעטן אַרויס אין פראַנקרייך קעגן דער כוואַליע פון נאַטוראַליזם באָדלער, ווערלען צי רימבא, אַזוי שלאָגט זיך דורך אין דער מאָלעריי אונטער דער ווירקונג פון דעלאַקרואַ, סעזאַן און מאַטיס אַ נייע אָריענטאַציע. צו דער דאָזיקער ריכטונג פון די אַזוי גערופענע נעאָקלאַסיקער האָבן ביי אונדז געהערט עוגעניוש זאַק, יעזשי מערקעל, באָראָווסקי, סקאָטשילאַס און ראָמאַן קראַמשטיק. די דאָזיקע

קינסטלער האָבן געגלויבט, אַז קולטיווירנדיק בלויז גייסטיקע ווערטן און אַריינציעענדיק אין אַ קלענער מאָס נאָר די אַרומיקע ווירקלעכקייט — וועלן זיי אָפּראַטעווען די אמתע קונסט.

שוין אין יאָר 1912 באַווייזן זיך קראַמשטיקס בילדער אויף דער אויסשטעלונג פון דער בערלינער „סעצעסיע", וועמענס טאָנגעבער עס איז געווען מאַקס ליבערמאַן. די אויסשטעלונג פון „סעצעסיע" האָבן אין יענער צייט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אויסוואַל פון דער מערבדיקער פּראָגרעסיווער קונסט. קראַמשטיק איז געווען איינער פון די יינגסטע קינסטלער, וואָס זענען צוגעלאָזן געוואָרן צו די דאָזיקע אויסשטעלונגען, אין וועלכע ס'האָבן זיך אויסשליסלעך באַטייליקט די דעמאָלטיקע באַרימטסטע קינסטלער. ער לעבט שוין דעמאָלט אין פּאַריז, וו ער דערווערבט זיך אַלץ מער און מער אָנערקענונג. זיין מאָלעריי שפּרודלט מיט קראַפט, אָטעמט מיט געפיל. דעם הויפּט-אַקצענט לייגט ער אָבער אויף דער קאָלאָריסטישער דינאַמיק. דאָך האָבן די ערשטע בילדער זיינע, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף די אויסשטעלונגען, עדות געזאָגט, אַז ער פאַרנאַכלעסיקט אויך נישט דעם אינהאַלט פון זיינע בילדער. ער באַנוצט זיך נאָך דעמאָלט מיט דער בלאָקפאָרם און לויט דעם אופן פון איינשטעלן די פלעכן, דערגענטערט ער זיך צו סעזאַנען. די פלאַמיקע פּאַלעטע פון דעלאַקרואַ און זיין גרויסער הומאַניזם האָבן אויך אַ באַדייטנדיקע ווירקונג אויף קראַמשטיקס קונסט. מ'קאָן דעריבער געפינען אין זיינע בילדער בולטע סמנים פון סעזאַנס פאַרביקייט און דעם פּאַטאָס פון דעלאַקרואַס טעמאַטיק.

דער אייגנטלעכער דעבויט פון קראַמשטיקן אויף דער אויסשטעלונג אין דער וואַרשעווער זאַכענטאַ איז פאָרגעקומען אין יאָר 1909. ער האָט דעמאָלט אויסגעשטעלט זיין „פּאָרטרעט פון אַ מאַנספּאַרשוין". אין יאָר 1911 גיט איבער דער וואַרשעווער „שוויאַט", אַז קראַמשטיקס בילדער האָבן זיך באַוויזן גלייכצייטיק אויף צוויי פּאַריזער אויסשטעלונגען: אינעם הערבסט-סאַלאָן און אויף דער גרויסער אַלגעמיינער אויסשטעלונג. דאָך פאַרביגדט קראַמשטיק זיין קינסטלערישן דעבויט מיטן יאָר 1912, ווען ער איז אַרויסגעטראָטן מיט דעמאָלט שוין רייפע אַרבעטן אויף די אויסשטעלונגען אין פּאַריז, בערלין און באַרצעלאָנע.

ראָמאַן קראַמשטיק האָט דעמאָלט געהערט צו די קינסטלער, וועלכע האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אין זייער שאַפן אויפן באַרייכערן די פאָרם מיט נייע קאָלאָריסטישע עלעמענטן. און הגם ער האָט באַמערקט און פיינט געהאַט דאָס אַלץ, וואָס איז העסלעך, אומעטיק, נישט אויפריכטיק און ברו־

טאָל, האָט ער דאָך זעלטן ווען אָקצענטירט אין די בילדער די דאָזיקע באַציונג זיינע צום לעבן. פון דער נאַטור איז קראַמשטיק געווען אַ מענטש אַ גוטער מיט אַ לווימערן געמיט און אויסער דער מאָלעריי האָט ער שטאַרק ליב געהאַט מוזיק. וועלנדיק זיך אָפּרוען, פלעגט ער זיך זעצן צום פּאָרטעפּיאַן און שפּילן.

די ערשטע גרעסערע אויסשטעלונג פון זיינע אַרבעטן אין לאַנד האָט קראַמשטיק איינגעאָרדנט נישט אין זיין געבוירן-שטאָט וואַרשע, נאָר אין קראָקע אין יאָר 1913.

קראָקע האָט דעמלט פאַרמאָגט אַ בעסערע קונסט-טראַדיציע ווי די הויפּטשטאָט, זי איז געווען אונטער דער ווירקונג פון די נייע ווערטן, וואָס עס האָבן אַריינגעבראַכט אין דער קונסט סטאַניסלאַווסקי, וויספּיאַנסקי, ס'איז אַלץ מער באַריימט געוואָרן יוזעף מעהאָפער, און יוליאַן פאַלאַט איז דעמלט געווען רעקטאָר פון דער קונסט-אַקאַדעמיע. די אויסשטעלונג פון דעם 28-יעריקן קראַמשטיק איז געוואָרן אַ רעוואָלאַציע פאַר קראָקע. דער קינסטלער האָט דאָרט צונויפגעזאַמלט ביז 70 אייל-בילדער אויף פאַרשידענע טעמעס. די דאָזיקע אַרבעטן זיינע האָבן עדות געזאָגט וועגן אַ סך דרייסטקייט, פאַנטאַזיע און איינפאַלערישקייט אינעם אינטערפּרעטירן די מאָטיוון. די אויסשטעלונג איז געווען אַ דורכבּרוך פונעם קינסטלערס שאַפן, און אָפּשפּיגלונג פון זיין רייכן טאַלאַנט. עס האָבן זיך דאָרט געפונען אָריגינעל אינטערפּרעטירטע פּאָרטרעטן (אויך אַ פּאָרטרעט פון זיין פריינד לעאָפּאָלד גאָטליב) ווי אויך נאַטור-בילדער, קאָמפּאָזיציעס און אַנדערע. וואַרשע איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם גרויסן דערפאָלג פון קראַמשטיקן ערשט דורך קראָקע. קראַמשטיקס שאַפן איז שוין צו יענער צייט געווען אַ באַדייטנדיקער צושטייער צו דעם אַלגעמיינעם אוצר פון דער דעמלטיקער פּוילישער קונסט. זיין שאַפן איז ביזן אָנהייב פון דער ערשטער וועלט-מלחמה געווען אַ שטאַרקער קאָנטראַסט צו די מיטלמעסיקייטן, וואָס האָבן דעמלט פאַרפלייצט די אויסשטעלונגען, און אַ פרייִדיקער אויסדרוק פון הומאַניזם אינעם גייסט פון דעלאַקרוואַ און וואַן גאָג.

האַרט פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט קראַמשטיק זיך באַטייליקט אין דער אויסשטעלונג מיט דער ניי-געשאַפענער גרופּירונג „פרייע סעצעסיאָן", וואָס איז געווען נאָך מער ראַדיקאַל ווי די בערלינער אויסשטעלונג אין יאָר 1912. עס גענומען אָנטייל אין דער דאָזיקער אויסשטעלונג די ערנסטע קינסטלער פון אייראָפּע ווי: מאַטיס, רענואַר, פון די דייטשישע קינסטלער — מאַקס ליבערמאַן, קאָרינט, סלעפאָגט, האַנס טאָמאַ. און

דעם אָנגעזעענעם דייטשן זשורנאַל „קונסט אונד דעקאָראַציאָן“ האָט זיך אויף דער ערשטער זייט באַוויזן אַן אַרטיקל פֿון ד״ר געאָרגי, וועלכער שרייבט וועגן דער דאָזיקער אויסשטעלונג, דערביי איז אויפֿן ערשטן אָרט רעפּראָדוצירט געוואָרן קראַמשטיקס אַ בילד „דער פּייזאַזש פֿון קאַסים“.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אַנטשטייען אינעם באַנייטן פּוילן נייע קינסטלערישע גרופּירונגען, פֿון וועלכע טייל שטרעבן צו אַן איבערשאַצונג פֿון די ביזאַהעריקע דערגרייכונגען אין דער קונסט און צום שאַפֿן נייע ווערטן אויף דעם געביט. ס׳אַנטשטייט די „גרופּע פֿון פֿינף“ אין וועלכער עס גייען אַריין עוגעניוש זאַק, טאַדעוש פּרושקאָווסקי (דער שפּעטערדיקער רעקטאָר פֿון דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע), זיגמונט קאַמינסקי, טשעסלאַוו מלאָדזשאַנאָווסקי און ראָמאַן קראַמשטיק. די דאָזיקע קינסטלער האָט פֿאַראייניקט די געמיינזאַמע פֿאַראַכטונג צו דעם דעגענערירטן נאַטוראַליזם און צו דעם עקלעקטיזם, וואָס האָט זיך אַלץ מער פֿאַרשפּרייט אין לאַנד.

דעמלט מאָלט קראַמשטיק דאָס בילד, וואָס ווייזט אַ סענטימענטאַלן יונגן פּאָעט. אין אַ קורצער צייט אַרום מאָלט ער זיין „קוואַרטעט“, אַ בילד, וואָס איז לויט דער טעמאַטיק אים זייער נאָענט געווען, איבער וועלכן ער האָט לאַנג און געדולדיק געאַרבעט. צו די בילדער, וואָס ער האָט אין יענער צייט געשאַפֿן, געהערט די קאָמפּאָזיציע „דאָס אַראָפּנעמען די פֿייגן“. די דאָזיקע אַרבעט האָט ער געשאַפֿן אין צוויי ווערסיעס: אין איינער האָט אים פּאָזירט זיין פֿרוי און זיין פֿריינד, אַ באַקאַנטער מוזיקער.

אין יאָר 1922 אַנטשטייט אין וואַרשע אַ נייע גרופּירונג פֿון פּוילישע פּלאַסטיקער אונטערן נאָמען „ריטם“. ס׳האָבן געהערט צו דער דאָזיקער גרופּירונג קינסטלער פֿון פֿאַרשידענע אָנשוויונגען און קינסטלערישע ריכטונגען, וואָס האָבן געזוכט נייע וועגן. טייל מיטגלידער פֿון דער גרופּירונג האָבן אַרויסגערוקט אין זייער שאַפֿונג דעם פֿאָלקסטימלעכן מאָמענט (וו. סקאַטשילאַס), אַנדערע האָבן זיך ווייטער פֿאַרנומען מיט סימבאָליסטיק (באָראָווסקי). ראָמאַן קראַמשטיק איז פּונקט ווי דער סקולפּטאָר הענריק קונא אַוועק מיט גאָר אַן אַנדערן וועג. ביידע האָבן זיך באַמיט צו פֿאַרבינדן די טעמאַטישקייט פֿון דער שאַפֿונג מיט דעם מאָדערניזם פֿון דער פֿאָרם, וואָס איז דעמלט געווען אָנגענומען. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסשטעלונג פֿון דער גרופּע „ריטם“, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין יאָר 1924 לייענען מיר אין אַ רעצענזיע וועגן איר: „די דאָזיקע אייגנשאַפֿט פֿון אויספֿילן דעם מאָלערישן מאַטעריאַל רעפּרעזענטירט אויף דער אויסשטעלונג פֿון „ריטם“

— קראַמשטיק. ער איז אָן שום באַוואָרענישן דער איינציקער רעאַליסט אין דער דאָזיקער גרופּע, ביי וועלכן עס טרעט ארויס, אויסער דער קאָמפּאָזיציאָנעלער ריטם, אויסער די דעקאָראַטיווע מעלות, א שטרעבונג צו אַ בילטער צייכענונג פונעם בלאָק און אַרויסברענגען די קאָנקרעטע אייגנשאַפטן פון דער פלאַך. בכלל טראָגן אַריין קראַמשטיקס אַרבעטן אויף דער אויסשטעלונג פון „ריטם“ אייגנאַרטיקע אַקצענטן. עס זענען דאָ אויסגעשטעלט געוואָרן אייניקע בילדער זיינע, פון וועלכע דאָס בילד „דער לידערזינגער“ איז רעפּראָדוצירט געוואָרן אינעם קאַטאַלאָג פון דער אויסשטעלונג. אין פינף יאָר אַרום, ד. ה. אין יאָר 1929, האָט קראַמשטיק זיך באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער אויסשטעלונג אין פּויזן, אויף וועלכער ס'איז אויסגעשטעלט געוואָרן אַ פאַרהעלטנישמעסיק היפּשע צאָל בילדער זיינע (5 בילדער). אין די רעצענזיעס וועגן דער אויסשטעלונג איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער הויכער ניוואָ פון די אַרבעטן פונעם קינסטלער.

אין יענע יאָרן האָט קראַמשטיק פאַרבראַכט הויפּטזעכלעך אין פּאַריז און בלויז זומערצייט איז ער געקומען קיין פּוילן, וו ער האָט אויך אַ סך געאַרבעט. אויף דער באָדוענאַ־גאַס, וו עס האָט געוווינט דעם קינסטלערס מוטער, האָט ער געהאַט זיין אַטעליע, אין וועלכער ער פלעגט מאָלן פּאָרטרעטן פון פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן. אין יאָר 1937 האָט דער וואַרשעער „איפּס“ אים איינגעאָרדנט אַ יוביליי־אויסשטעלונג אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרענדיקן 25 יאָר קינסטלערישע טעטיקייט.

קראַמשטיק האָט אויף דער אויסשטעלונג צונויפגעזאַמלט איבער 60 אייל־בילדער און אַן ערך 15 צייכענונגען. פון די פּאָרטרעטן האָבן זיך באַוויזן די פּאָרטרעטן פון עזגעניוש זאַק, פונעם מאָלער רובטשאַק, פונעם שפּאַנישן סקולפּטאָר הערנאַנדעץ (אַן עמיגראַנט פון פראַנקאָ־שפּאַניע) און אַנד. עס זענען אויך געווען שטודיעס פון מולאַטקעס, נעגערינס, כינעזערינס. די דאָזיקע בילדער האָט ער אויסגעפירט בעת זיינע רייזעס. פון די מער באַקאַנטע בילדער זיינע האָבן זיך דאָרט געפונען „דער קובער“, „דער קאָנצערט“, „אַ נעגער מיט אַ ליולקע“, „אַ נעגער מיט אַ פלייט“, „דער קריטיקער“, „פאַרטראַכט“. די אויסגעשטעלטע בילדער האָבן געשטאַמט פון פאַרשידענע שאַפונגס־פּעריאָדן פונעם קינסטלער. אייניקע צייכענען זיך אויס מיט זייער פּאַטאָס, אַנדערע דאַקעגן ווי „דער קובער“ פאַרמאָגן שוין עפּעס מער ווי בלויז קאָלאָריסטיק.

פאַר דער מלחמה האָט קראַמשטיק זיך באַטייליקט אין אַ גאַנצע ריי אויסשטעלונגען אין אויסלאַנד: אין דער אויסשטעלונג אין רוים אין יאָר

1925, אין אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונגען, אין אייניקע „ביענאַלן“ אין ווענעדיק, אין לאָנדאָן, ניו־יאָרק און אין מאָסקווע. אויף דער אויסשטעלונג פון פוילישער קונסט אין מאָסקווע אין יאָר 1933 איז אָפּגעקויפט געוואָרן פאַר די מלוכהשע זאַמלונגען קראַמשטיקס בילד „די ווייסע נעגערין“.

זומער 1939 איז קראַמשטיק ווי געוויינלעך געקומען צו פאָרן קיין וואַרשע. אין יולי ד. י. האָט ער פאַרלוירן זיין מוטער. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט ער זיך פאַרהאַלטן אין וואַרשע אויף אַ לענגערער צייט, ווי ער האָט פריער פּלאַנירט. דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט אים פאַרכאַפּט אין וואַרשע. קראַמשטיק איז צוזאַמען מיט די איבעריקע יידן אַריינגעפאַלן אין געטאָ. ער האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן שוידער, וואָס עס האָט איבערגעלעבט דאָס וואַרשעווער געטאָ. אין יענע שוידערלעכע געטאָ־באַדינגונגען איז קראַמשטיק געוואָרן אַ רעאַליסט. ער האָט געשאַפן אַ גאַנצע ריי אַרבעטן — דאָקומענטן פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע בעת דער היטלער־אָקופּאַציע. אין משך פון אַ געוויסער צייט, אין אַ באַהעלטעניש אין אַ רואינירטן הויז אויף שענגע, צייכנט ער צוזאַמען מיטן אַרכיטעקט און מאָלער יעזשי געלבאַרדט אַ גאַנצע ריי סקיצן, וואָס שטעלן פאָר דעם גיהנום פון וואַרשעווער געטאָ. ער שטעלט פאָר אויסגעדאַרטע ווי סקעלעטן מוטערס, וואָס טראָגן פונקט אַזעלכע אויסגעהונגערטע קינדער, מענטשן געשוואָלענע פון הונגער, אויסגעמאַטערטע זקנים, האַלב נאַקעטע מענער און פרויען. באַזונדערס רירנדיק איז די צייכענונג, וואָס שטעלט פאָר אַן אויסגעהונגערטן, באָרוועסן ייד מיט אַ באָרד, וועלכער טראָגט אויף דער האַנט אַ קליין קינד און אַ צווייט קינד אַ ביסל אַן עלטערס טראָגט ער אויף דער פּלייצע, נעבן אים שלעפּט זיך אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר 4—5, וואָס האַלט זיך קאָנוווּלסיוו אָן ביי דער פרייער האַנט פון פאָטער. פון דער רעכטער זייט זעט זיך אַ פּנים פון אַ ביסל אַן עלטער מיידל, וואָס איז געווענדעט אין דער ריכטונג פונעם פאָטער.

ס'איז שווער צו באַשרייבן דעם אויסדרוק פונעם פּנים פון דעם דאָזיקן, וואַרשיינלעך היימלאָזן, אָרעמען און פאַרפּלאָגטן ייד. אַזאַ און ענלעכע טעמאַטיק האָבן באַהאַנדלט די לעצטע אַרבעטן פון ראָמאַן קראַמשטיק. ס'איז נישט שווער פון זיי אַרויסצולייענען, אַז דער שעפער פון די דאָזיקע דאָקומענטן פון פּיין האָט אַליין נישט ווייניק פּיין און ליידן איבערגעלעבט. ס'איז כמעט נישט פאַראַן קיין ביישפּיל אין דער געשיכטע פון קונסט, אַז אַ קינסטלער זאָל שאַפן אין אַזעלכע קאָשמאַרפולע באַדינגונגען.

זומער 1942, בעת די גרויסע „אויסזידלונגס־אַקציות“ פון וואַרשע־

וועֶר געטאָ איז אויך אומגעקומען ראָמאַן קראַמשטיק. לויט דער דערציילונג פון אײנעם, וואָס האָט עס אַליין געזען, איז ווען מ׳האָט אַרויסגעטריבן אַלע יידן פונעם הויז, וווּ ס׳האָט געוווינט קראַמשטיק, און זיי צונויפגעזאַמלט אויפן הויף, כדי פון דאָרט זיי אַוועקצוטרייבן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ — האָט דער קינסטלער זיך געוואָנדן צו דעם דייטש, ער זאָל אים דערלויבן אַרויפצוגיין אין זיין וווינונג נאָך דער ליולקע, וועלכע ער האָט פאַרגעסן צו נעמען. דער דייטש האָט מסכים געווען, אָבער ווען קראַמשטיק האָט זיך געפונען אויף די שטיגן, האָט אים אַ װאָלאַסאָװיעץ דערשאָסן. לויט אַן אַנדער ווערסיע, איז קראַמשטיק דעמלט שוין פאַרוואונדעט געוואָרן און נאָכן פאַר־ענדיקן די „אַקציע“ זאָלן אים יידן האָבן אַריינגענומען אין אַ שכנותדיקן בונקער, וווּ דער דאָקטאָר אינעם בונקער האָט אים אַרומגעבונדן די וווּנד, אָבער די וווּנד איז געווען אַ שטערבלעכע. פאַרן טויט זאָל ער האָבן אויס־געדריקט אַ ווונטש, אַז די, וואָס וועלן איבערלעבן, זאָלן דערציילן און וואָס פאַראַ אומשטענדן ער איז אומגעקומען און אַז מ׳זאָל זיינע חברים מאָלער איבערגעבן זיין לעצטע בקשה, זיי זאָלן מיטן פענדזל אָדער דלאָטע קעמפן קעגן פאַשיזם, קעגן מלחמה, אַז אַזאַ שוידערלעכע טראַגעדיע זאָל מער נישט באַדראָען די מענטשהייט.

איזאַק קושעטשאַנאָווסקי

איזאַק קושעטשאַנאָווסקי איז געבורן געוואָרן אַן ערך אין 1910 יאָר אין דאָבזשין ביי דער דרווענצע. ער האָט געשטאַמט פון אַ פאָרגעשריטענער יידישער משפחה. זיין פאָטער האָט געפירט אַ קליינע אַליעאַרניע. אין דער היים ביי אים זענען געווען אַ סך קינדער, פון וועלכע איזאַק און איינע פון זיינע שוועסטער זענען געווען אַממייסטן טאַלענטירטע. ביידע האָבן זיי פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכע פאַנטאַזיע, אָבער די מאָנאָטאָנישקייט פונעם קליינעם שטעטל האָט זיי דערדריקט. איזאַקן איז ענדלעך געלונגען זיך אַרויסצוקריגן פון דער דאָזיקער סביבה. ער האָט שוין דעמאָלט פאַרמאָגט אַ היפשע זאַמלונג פון צייכענונגען און אַקוואַרעלן, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט מאָלערישע אויסשניטן פון דאָבזשינער לאַנדשאַפט, וועגן וועלכער ס'דערמאָנט אַזוי שיין אַדאַם מיצקעוויטש אין זיין „פאַן טאַדעוש“.

נאָכדעם ווי ער איז אָנגעקומען קיין וואַרשע, האָט ער זיך געמוזט אַרומקוקן נאָך אַרבעט, וואָס זאָל אים געבן די מעגלעכקייט צו פאַרבלייבן אין דער הויפּטשטאָט. ווען ער האָט זיך געדונגען אַן אָרט צו שלאָפן, איז

ער אַוועק מיט זיינע אַרבעטן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע, ווו ער איז אויפן סמך פון די דאָזיקע אַרבעטן אָנגענומען געוואָרן אַלס סטודענט. קושעטשאַנאָווסקי האָט געמיינט, אַז די אַקאַדעמיע וועט האָבן אַ פּאָזיטיווע ווירקונג אויף זיין קינסטלערישע טעטיקייט. זיינע האָפענונגען וואָלטן נישט מקוים געוואָרן, ווען נישט זיין באַדייטנדיקער טאַלאַנט. אינעם יונגן קושעטשאַנאָווסקי האָט געברויזט אַ כוואַליע פון שעפערישע איינפאַלן. די מאָטיוון פון זיינע בילדער זענען הויפּטזעכלעך געווען זייער דראַמאַטישע. ער האָט אין זיי אויסגעדריקט דאָס צונויפשטויסן זיך פון דעם עגאָיזם און פון דער גיריקייט פון די רייכע מיט דער שוידערלעכער נויט פון דער מענטשלעכער אָרעמקייט. פון דאַנען איז די פאָרם פון קושעטשאַנאָווסקיס שאַפן אַן אויפבּרויזערישע און די ליניע שאַרף ווי אַ ראַזירמעסער. קושעטשאַנאָווסקי האָט זיך באַנוצט מיט דער שטיכער־טעכניק. ער האָט גלענצנדיק באַהערשט דאָס שטיך־אייזן און וואָלט ווארשיינלעך דערגאַנגען אין דער שטיכער־קונסט צו מייסטערשאַפט. צווישן אַנדערע האָט ער געשאַפן אַקוואַפּאָרטע אויף דער טעמע „פאַרצווייפלונג". די דאָזיקע אַרבעט האָט זיך באַוויזן אין וואַרשע אין יאָר 1948 אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 5־טן יאָרטאָג פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. זי ווייזט אַ יונגע פרוי, וואָס איז פול מיט ווייטיק, וועמענס פנים דריקט אויס גרענעצלאָזע פאַרצווייפלונג.

אין יאָר 1939 איז קושעטשאַנאָווסקין געלונגען צו אַנטלויפן פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק. דאָרט האָט ער די מעגלעכקייט ברייט צו אַנטוויקלען זיין שעפערישע טעטיקייט. ער האָט אויסגעשטעלט אין ביאַליסטאָק, מינסק און אַנדערע שטעט. דער יונגער קינסטלער איז אָפגעמערקט געוואָרן דורך אָפּדרוקן אַ רעפּראָדוקציע פון איינע פון זיינע אַרבעטן אינעם „אָטשערקי פּאָ איסטאָרי איזאָבראַזיטעלנאָוואָ איסקוסטוואַ ביעלאָרוסי" (מאָסקווע־לענינגראַד).

איזאַק קושעטשאַנאָווסקי איז געווען איינער פון די ערשטע קרבנות פון די היטלעריסטן. ער איז אומגעקומען דעם צווייטן חודש נאָכן פאַרנעמען ביאַליסטאָק. קושעטשאַנאָווסקין האָבן די היטלעריסטן דערמאָרדעט צוזאַמען מיט נאָך איניקע קינסטלער הינטער ביאַליסטאָק.

הענריק ראַבינאָוויטש

אַ חודש פֿאַרן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך זיך אָפּגעטראָפֿן מיט הערש ראַבינאָוויטשן אין קוזמיר, וווּ מיר האָבן פֿאַרבראַכט דעם זומער פֿון יאָר 1939. ער האָט אָנטיילגענומען אין דער זומער־אויסשטעלונג, מיט וועלכער איך האָב דעמאָלט אָנגעפֿירט. צי האָב איך זיך געקאָנט דעמאָלט פֿאָרשטעלן, אַז אין דריי יאָר אַרום וועט ראַבינאָוויטש, צוזאַמען מיט אַ סך זײַנע חברים, ייִדישע פּלאַסטיקער, אומקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט נאָך שווערע אָקופּאַציע־איבערלעבונגען אין וואַרשעווער געטאָ? צי האָב איך געקאָנט וויסן, אַז די קאַרגע ידיעות וועגן אים וועלן מיר דינען צו אַ נעקראָלאָג פֿאַר דעם קינסטלער?

מיט ראַבינאָוויטשן האָב איך זיך געטראָפֿן אויך פֿריִער אין וואַרשע, וווּ איך האָב נישט איינמאָל געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַטראַכטן זײַנע בילדער אויף פֿאַרשידענע אויסשטעלונגען. איך געדענק זייער גוט אים, ווי אויך זײַנע בילדער. ער איז תּמיד געווען אַן ערנסטער, אומעטיקער, מיט רויטלעכע, איינגעפֿאַלענע באַקן. ער האָט גוט באַהערשט די ייִדישע שפּראַך און גערעדט נישט מיט קיין וואַרשעווער אַקצענט. אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט,

איז אָנגעזאַפּט געווען מיט א טיפן אומפאַרשטענדלעכן טרויער. די דאָזיקע שווערע שטימונגען זיינע, וועלכע ער האָט זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן פאַר מענטשן, זענען בולט געקומען צום אויסדרוק אין זיינע בילדער.

העכסט ריכטיק ראבינאָוויטש איז געווען א מאָלער, וואָס האָט פאַרמאָגט א זאַפטיקע פּאַליטרע. א סך פון זיינע בילדער האָבן געאָטעמט מיט א מעלאַנכאָלישער שטימונג, זענען פול געווען מיט עפּעס נישט דערזאָגטעס. באַטראַכטנדיק זיינע פּייזאַזשן, האָט מען געפילט, אַז דער קינסטלער האָט גיכער געהאַט א פּילבאַר אויער, און דאָס, וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט, איז געוואָרן אויסגעדריקט מיט דער שפּראַך פון קאָלירן.

ראַבינאָוויטש איז געווען א ראָמאַנטיקער פון א ספּעציעלן מין, וועלכער האָט, וווינענדיק אין דער מיליאָניקער הויפּטשטאָט, באַמיט זיך צו לעבן ווי א נזיר, אויסצומיידן די ברוטאַלקייט פון לעבן, דעם עגאָיזם פון דעם ארום. ער האָט דעריבער געצאָלט מיט גרויסער אָרעמקייט און א שווער לעבן. ער האָט נישט פאַרמאָגט איז זיך קיין זכר פון א געשעפטס-מענטש. אויך א סך פון זיינע בילדער זאָגן עדות וועגן זיין באַציונג צו די באַדינגונגען, אין וועלכער ער איז געצוווּנגען געווען צו לעבן. די קאָנפליקטן, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט אויף טריט און שריט, האָבן אים אָפּט געצוווּנגען זיי צו פאַרפיקסירן אויף דעם לייוונט. מעגלעך, אַז אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אויף אַזאַ אופן וועט ער פּטור ווערן פון זיי. דער קינסטלער אַליין וואָלט געוויס נישט געקאָנט דערקלערן, פאַרוואָס זיינע בילדער זען טאַקע אַזוי אויס. ער האָט זיך איינגעקשנט צו זיין בלויז און אויסשליסלעך אַ מאָלער. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז אים אינטערעסירט להלוטין נישט קיין שום טענדענץ אין דער קונסט. כמעט זיין גאַנץ לעבן טרוימט ראַבינאָוויטש וועגן דעם, אַז זיינע לעבנס-באַדינגונגען זאָלן זיך ווי ס'איז נאָרמאַליזירן, כדי ער זאָל זיך קאָנען פאַרנעמען מיט שעפּערישער ארבעט. ליידער בלייבט עס אָבער ביזן סוף בלויז א טרוים.

דער אינהאַלט פון זיינע בילדער איז געווען זייער א פאַרשידנאַרטיקער, אָבער תמיד איז ער דורכגעזאַפּט מיט בענקשאַפט, טרוים און ווייטיק. עס פילט זיך, אַז יעדעס בילד איז א רעזולטאַט פון אַן אַנדערער שטימונג, אַז יעדן טאָן פון דער דאָזיקער שטימונג אַנטשפּרעכט א געהעריקער טאָן פון דער פאַרב. דאָס איז די סיבה, וואָס דער קינסטלער חזרט זיך נישט איבער. דאָס לעבן איז דאָך אַזוי פאַרענדערלעך, און פאַר יעדן אויסדרוק דערפון האָט ראבינאָוויטש געקאָנט געפונען אַ פּאַסיקע פאָרם, יעדע נייע ארבעט זיינע האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקן ריטם, טאַקט, פּונקט ווי

א מענטש, וואָס איז באַהערשט דורך לײדנשאַפֿטן, באַציט זיך צו אײנע און די זעלבע דערשײנונגען אַלעמאָל אַנדערש. אין יעדן בילד פֿון ראַבינאָוויטשן פֿילט זיך די ערלעכקײט פֿונעם מאָלער, װעלכער אַקצענטירט אין זײַן טעמאַטיק נאָר דאָס, וואָס ער לעבט שטאַרק איבער.

כדי צו כאַראַקטעריזירן ראַבינאָוויטשעס שאַפֿונג װעלן מיר ברענגען אײניקע קורצע ארויסזאָגונגען װעגן זײַן מאָלערײַ פֿון קריטיקער, וואָס באַהאַנדלען אויסשטעלונגען, אין װעלכע ס׳האָט אויך אָנטײלגענומען הענריק ראַבינאָוויטש. מיעטשיסלאַוו סקודליק באַשרײַבט דעם נאָוועמבער־סאַלאָן (די אויסשטעלונג פֿון װאַרשעװער קינסטלער, וואָס האָבן אַלס פּראָטעסט קעגן דער דעמלטיקער רעאַקציאָנערער לײטונג פֿון דער זאַכענטע, אײַנגעאָרדנט די אויסשטעלונג פֿון זײערע בילדער אין דעם הויז פֿון די באַריטשקעס אויף אַלטשטאָט). עס האָבן אין איר אָנטײלגענומען די גרעסטע פּוילישע מאָלער און סקולפּטאָרן, װי יוזעף מעהאָפֿער, הענריק קונאַ, ראָמאַן קראַמשטיק, טאַדעוש פּרושקאָווסקי, סטאַניסלאַוו קאַמאָצקי, קאַזימיעזש סיכולסקי, פּעליציאַן שטשענסני־קאָוואַרסקי און אַנד. ארומרעדנדיק די אויסגעשטעלטע ארבעטן, שרײַבט סקודליק אינעם זשורנאַל „שטוקי פּיענקנע“ (נר. 1, 1935)

„צווישן די עקספּאָנאַטן פֿון דער ריכטונג (געמײנט די מאָלער פֿון דער װאַרשעװער שול — צושריפֿט פֿון מחבר) רופֿט ארויס די גרעסטע פּאַראײַנטערעסירונג מיט זײַן קאָלאָריסטישער קראַפֿט און רײנקײט דאָס „שטיללעבן“ פֿון הענריק ראַבינאָוויטש. דער דאָזיקער מאָלער שטײט אויף אַ װײטערער פּלאַטפֿאָרם בנוגע די אַנדערע רעפּרעזענטאַנטן פֿון דער גרופּע, װעלכע האָט אויסער די עקסצענטרישע עקספּערימענטן פֿון מ. פּויערינג, נישט דערגרײכט קײן פֿולן קאָלאָריסטישן אויסדרוק“.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסשטעלונג, װעלכע ס׳האָט אײַנגעאָרדנט די װאַרשעװער יידישע געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרײטן קונסט, האָט אָטאָ שנײד געשריבן אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ פֿון יאַנואַר 1937 אין זײַן אַרטיקל „קונסט און פֿאָלקס־קונסט“ פֿאָלגנדיקעס:

אַלנפֿאַלס איז די אימפּרעזיע שוין כדאי געװען דערמיט, וואָס מיר טרעפֿן זיך דאָרט מיט אַזאַ ערלעכן און אינטענסיװ־קינסטלערישן טאַלאַנט װי הירש ראַבינאָוויטש“.

אין א יאָר ארום דערמאָנט לעאָן סטראַקון אויך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסשטעלונג פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרײטן קונסט: „ראַבינאָוויטשעס אַקוואַרעלן צײכענען זיך אויס מיט זײער חנעװ=

דיקייט, לייכטקייט און דורכזיכטיקייט פון דעם וואסער־פלעק, פונעם אויסנוצן די ווייסקייט פון קאַרטאָן.

מיכאַל וויינציער שרייבט אין דער ציימונג „נאַש פשעגלאָנד“ פון 13 פעברואר 1938: „הענריק ראבינאָוויטש האָט אין זיינע קאָלאָריסטישע און ווי תמיד אינטערעסאנטע ארבעטן ארויסגעוויזן א נייעם שוונג, די קאָלאָריסטישע אָרקעסטראציע איז א שטאַרקערע, רייכערע, די קאָמפּאָזיציע א מער געפּרעסטע און אויסדרוקספולע“.

הענריק ראבינאָוויטש האָט דעביוטירט אין יאָר 1921 מיט דעם בילד „די באבע“ אויף דער אויסשטעלונג אין דער וואַרשעווער יידישער קהלה אויף גזשיבאָווסקע. ער האָט דעריבער נישט געהערט צו די מאָלער פון דער יינגסטער גענעראציע. מ׳קאָן אפילו ריזיקירן צו זאָגן א מיינונג, אז לאַנג פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער שוין געהאַט זיין אייגענעם פּראָפיל און זיינע לעצטע ארבעטן האָט עדות געזאָגט, אז ער האָט נישט נאָר פארטיפט זיין מאָלערישע פאָרם, נאָר האָט אויך באַהערשט זיין אייגנארטיקע אינסטרומענטאַציע מיט דער הילף פון וועלכע ס׳איז אים געלונגען ארויסצובאַקומען ריינע מאָלערישע טענער.

בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע איז הענריק ראבינאָוויטש געווען איינער פון די מיטגלידער אין דעם אומגליקלעכן קאָאָפּעראַטיוו פון שלייפשטיינדלעך און פראָשעק צו פוצן מעטאַלן, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אויף מילנע 9אַ. ער איז דעריבער צוזאמען מיט די איבעריקע קינסטלער ארויסגעפירט געוואָרן אין איבערפולטע וואגאָנען אין דעם טויט־לאַגער טרעבלינקי.

איינס פון די בילדער פון הענריק ראבינאָוויטש געפינט זיך אין ווארשעווער נאַציאָנאַלן מוזיי. א צווייט בילד, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „די רואינען פון א הויז“ געפינט זיך אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט און ווארשע. דאָס דערמאָנטע בילד האָט זיך געפונען אויף דער אויסשטעלונג פון יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקער אין יאָר 1948. די אויסשטעלונג איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין ווארשע דורך דער יידישער געזעלשאַפט צו פארשפּרייטן קונסט.

בערנאַרד ראָלניצקי

בערנאַרד ראָלניצקי איז געווען אַזוי ווי משה ריניעצקי דער, וואָס האָט אויסגעדריקט אין זיינע שאַפונגען דעם וואַרשעווער יידישן פאָלקלאָר. להיפוך צו דעם פּרימיטיוון אופן פון באַנעמען די דאָזיקע טעמאַטיק דורך ריניעצקין, איז ראָלניצקי גיכער געווען אַן אילוסטראַטאָר. זיינע בילדער האָבן פאַרמאָגט אַ וואַרעמען קאָלאָריט און אַ געזונטן הומאָר. אַזוי ווי ביי ריניעצקין ווערט אין ראָלניצקיס בילדער אַרויסגעבראַכט דאָס כאַראַקטעריסטישע פון חסידישן לעבנסשטייגער, די חסידישע טראַדיציע און געוווינהייטן. דערביי ווערן מיט דער הילף פון וואַרעמע קאָלאָריסטישע

טענער באַזייטיקט געוויסע גראָבע שטריכן און פאַרפיינערט די קאָמפּאָ־זיציע.

אזוי צ. ב. זעען מיר אויפן בילד, „דער הבדלה־טאַנץ" א טעמפּעראַ־מענטפולן חסידישן טאַנץ, מיט וועלכן די פרומע יידן האָבן באַגעגנט שבת־צוגאַכטס דעם אָנהייב פון דער נייער וואָך. אויף ראָלניצקיס בילדער זעען מיר א טאַנצנדיקע יידישע משפחה, ווו אלע מענער, אָנהייבנדיק פון דעם אַלטן זיידן ביז דעם יינגסטן אייניקל האַלטן זיך ביי די הענט און טאַנצן פריילעך ארום דעם טיש, וואָס איז באלויכטן מיט די שבתדיקע ליכט. די געזיכטער פון די טאַנצנדיקע זענען פול מיט עקספּרעסיע, פול מיט עקסטאַז און דינאַמיק.

ראָלניצקי צייכנט אויך יידישע קלעזמאָרים, קבצנישע בטלנים און ענלעכע טיפּן.

ראָלניצקי האָט זיך אַקטיוו באטייליקט אינעם לעבן פון פארבאנד פון יידישע פּלאַסטיקער, ווו ער האָט פארנומען דעם אַמט פון וויצע־פּאָרזי־צער פון דער פארוואלטונג. ער האָט אויך געהערט צום זשורי פון דער יובילײ־אויסשטעלונג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן פארבאַנד.

אויך בערנאַרד ראָלניצקיס זון בנימין האָט ארויסגעוויזן גרויסע קינסט־לערישע פעיקייטן. אין די לעצטע יאָרן פאר דער מלחמה האָבן די בילדער פון בנימין ראָלניצקי זיך באַוויזן אויף די אויסשטעלונגען צוזאמען מיט די ארבעטן פון זיין פאָטער. זיינע צייכענונגען זענען געווען זייער פיינקטלעך אויסגעפירט, פול מיט אויסדרוק און זייער לעזבאַר.

דער פאָטער און דער זון האָבן זיך אין סעפּטעמבער 1939 געפונען אין ביאליסטאָק, שפּעטער אין געטאָ און דאָרט זענען זיי אומגעקומען.

לעאָן ראָזענבלום

לעאָן ראָזענבלום איז געבוירן געוואָרן דעם 23־טן מערץ 1884 אין קראָקע. די קינדער־יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין ווין און איז איינעם פון די דאָרטיקע אַנשטאַלטן פאַר דעפעקטיווע קינדער. ער איז פון געבוירן געווען טויב־שטום. ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין קראָקע, איז ער שוין אַלט געווען 16 יאָר. אַדאַנק זיינע גרויסע פעיקייטן צו פּלאַסטישער קונסט, ווערט ער גאָכן אומקערן זיך קיין קראָקע אָנגענומען אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. אין משך פון א קורצער צייט שטודירט ער ביי פלאָריאַן ציינקען און שפּע־טער ביים מייסטער פון פייזאזש — יאַן סטאַניסלאַווסקי ווי אויך ביי וויטשעלקאָווסקין.

אין משך פון די דריי יאָר, וואָס ער האָט שטודירט אויף דער קראָקע־ווער אַקאַדעמיע, האָט ער באַקומען 3 זילבערנע און איין בראָנזענעם מעדאַל. ס'איז אינטערעסאַנט, אז אין דער זעלבער צייט און ביי די זעלבע פּראָפע־סאָרן האָט אויך שטודירט מאוריצי מינקאָווסקי, וואָס איז אויך געווען אַ טויב־שטומער בײדע, ד. ה. אי ראָזענבלום, אי מינקאָווסקי זענען שפּע־טער געוואָרן באַרימטע מאָלער. דאָך איז זייער שאַפונגס־וועג געווען א פארשידנאַרטיקער. ראָזענבלום האָט פארמאָגט א פּאָעטישע נאַטור. זיינע בילדער דריקן אויס עפּעס אן אינטימע פארטראַכטקייט און צאַרטע מעלאַנכאָליע, וואָס דרינגט ארויס ווי פון די טיפסטע טיפענישן, וואָס צע־גיסט זיך איבערן גאַנצן בילד אין אַ ווונדערבאַרן מיסטעריום, זיינע בילדער זאָפּט ער אָן מיט א סך געפיל. מינקאָווסקי דאַקעגן איז צוליב די איבערלע־בונגען בעת די פּאָגראָמען, וועמענס פּאָלגן ער האָט געהאַט די מעגלעכ־קייטן פערזענלעך צו אָבסערווירן, געוואָרן א שטיינער־מאָלער, וואָס האָט בולט ארויסגעבראַכט אין זיינע בילדער די גרויזאַמקייט פון דער צארישער רעגירונג.

ס'איז אינטערעסאַנט, אז לעאָן ראָזענבלום האָט געהערט צו די באַ־ליבטסטע שילער פון פּראָפעסאָר סטאַניסלאַווסקי. מיר זעען אים עטלעכע

מאָל פאָטאָגראַפירט צוזאַמען מיטן זיין פראָפעסאָר און נאָך אייניקע חברים זיינע. אויף די דאָזיקע אויפנאַמען זעען מיר די שפּעטערדיקע באַקאַנטע מאָלער ישטשיגליניסקי, מיטארסקי, מאַקאָווסקי.

ראָזענבלומס פיזישער פעלער האָט גורם געווען, אַז זיין מאָלערישע דיקציע האָט זיך זייער משונהדיק אויסגעדריקט, און אַז ער האָט זי ארויסגעבראַכט אין אַנדערע טענער, ווי דאָס געשעט געוויינלעך.

אין זיינע בילדער טרעפן זיך משונהדיקע קאָלאָריטן, וועלכע ס'איז שווער צו דעפינירן. זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ געוויסן איגטערמעצאָ פון אויסגעטרוימטע לאַנדשאַפטן.

שוין אין יאָר 1904 דעביוטירט ראָזענבלום אויף דער יובילײ-אויסשטעלונג פון דער געזעלשאַפט פריינד פון קונסט אין קראָקע, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן צו באַערן די 50-יאָריקע עקזיסטענץ און טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט. אויף דער דאָזיקער אויסשטעלונג האָבן זיך געפונען 2 פייזאַזשן (איינער פון זאַקאָפּאַנע) ווי אויך אַ שטודיום פון אַ פויער. ווען אין דריי יאָר אַרום (1907) איז געשטאָרבן דער באַרימטער פוילישער פייזאַזשיסט יאַן סטאַניסלאַווסקי, האָט מען איינגעאָרדנט אין קראָקע און אין ווארשע אויסשטעלונגען פון זיינע ווערק. ביי דער געלעגנהייט האָט מען אויך אויסגעשטעלט די בילדער פון די פעיקסטע שילער זיינע. פון ראָזענבלומס בילדער האָט זיך באַוויזן זיין אַרבעט „פון די בולוואַרן", וואָס איז רעפּראָדוצירט געוואָרן אויף אַ באַזונדערע זייט פון דעם פּרעכטיקן קאַטאַלאָג פון דער דאָזיקער אויסשטעלונג, ווי אויך דאָס בילד א. נ. „סקיצן פון לוווּר", וואָס שטעלט פאָר אַ פראַגמענט פון דער דאָזיקער וועלט-באַרימטער גאַלעריע. אין יאָר 1908 שטעלט ראָזענבלום אויס אין דער ווארשעווער „זאַכענטע" צוויי בילדער: „די אינערלעכע טייל פון אַ שול" און „די אָזיערע". ראָזענבלומס פריאיקע ארבעטן באַווייזן, אַז דאָס איז געווען אַ מאָלער מיט שטאַרקע איבערלעבונגען, וועלכער האָט זיינע עלעגישע שטימונגען אויסגעדרוקט מיט אַ סך געפיל. דערביי איז ער געווען אַ מייסטער פון דער פאָרם און קאָנסטרוקציע. זיין פאַטאָס האָט ער אויסגעדריקט אין עפּעס אַ מין בלויען טאָן מיט זילבער-גראָלעכע פארבנפלונגען. הגם עס איז שווער צו דעפינירן די מענטאַליטעט פון דעם דאָזיקן קינסטלער, פילט מען דאָך אין זיינע בילדער אַ שטאַרק געפיל, וואָס שלאָגט זיך דורך דעם נעפּלדיקן שלייער, אין וועלכן ער פלעגט איינהילן די טעמאַטיק. אזוי צ. ב. ווייזט ער אינדז אין זיינע „בולוואַרן" פאַריז ביינאַכט, ווו עס פאָרן עקיפּאַזשן, וועלכע פירן עלעגאַנטע דאַמען, מענער אין שוואַרצן און

אין צילינדערס. הגם דאָס דאָזיקע בילד פאַרמאָגט א סך נאָענטקייט צו אן ענלעך בילד פון לעסער־אורי, לעבט אויף דאָס בילד פון ראָזענבלומען די געשטאַלטן פון פראַנצויזישן שרייבער פּרוסט.

ראָזענבלום איז געווען א פּייזאַזשיסט פון א גרויסן פאַרנעם, ער האָט געקאָנט אויספּילן די נאַטור און האָט זי ליב געהאַט, ווי עפּעס א געשטאַלט, וואָס איז באַשאָנקען מיט א נשמה. ער האָט די נאַטור באַזינגען מיט א סך סענטימענט. ער פלעגט שאַפן ארום יעדן פּייזאַזש אן אייגנאַרטיקע באַגרענעצטע אַקוסטיק, צושמידנדיק אַזוי אַרום דאָס אויג פונעם צושויער, וואָס האָט איינגעזאַפּט די גאנצע סימפאָניע פונעם אינהאַלט פון געגעבענעם בילד.

שפּעטער פאַרשווּנדן ראָזענבלומס בילדער אויף א געוויסע צייט פון די פּוילישע אויסשטעלונגען. אין דער זעלבער צייט באווייזן זיי זיך אויף די אויסשטעלונגען אין פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד. ראָזענבלום האָט זיך דעמלט באַזעצט אין האַאַג, ווו ער האָט געלעבט אָפּגעזונדערט און אויסשליסלעך פאַר דער קונסט. וועגן ווייטערדיקן גורל פון ראָזענבלומען האָט מיר אין אַ בריוו מיטגעטיילט זיין שוואָגער יעזשי מערקעל, אַ באַקאַנטער פּוילישער מאָלער, וועלכער האָט זייט א לענגערע צייט געוווינט אין פראַנקרייך. ער שרייבט, אז לעאָן ראָזענבלומען האָבן די היטלעריסטן ארויסגעשלעפּט פון האַאַג, ווו ער האָט געוווינט און געאַרבעט אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה. צווישן אַנדערע שרייבט ער: „ער האָט קיינעמען נישט געטאָן קיין שלעכטס, ער האָט נישט געקענט דעם ווערט פון געלט און נישט געוווּסט, וואָס עס איז אַזוינס קנאה. ווען גאָט וועט אמאָל משפּטן, דעמלט וועט דאָס בלוט פון לעאָן ראָזענבלום שווער דריקן אויף דער וואָגשאָל פון שולד“.

ס'איז אינטערעסאַנט, אז אויף דער אויסשטעלונג פון פּוילישער קונסט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין יאָר 1935 אין דייטשלאנד, האָט זיך אויך געפונען א פּייזאַזש פון ראָזענבלומען. דאָס איז געווען א ווינטערלאַנדשאַפט, וואָס האָט פאָרגעשטעלט א קוועלעכל, וואָס פליסטביים ראַנד פון וואַלד, צווישן שיטערע ביימער, וואָס בייגן זיך אונטער דער משא פון שניי. דאָס דאָזיקע בילד איז אויסערגעווייגלעך אויסדריקלעך און עקספּרעסיוו און איז געהאַלטן אין אינטענסיווע בלויע קאָלירן.

לעאָן ראָזענבלום, א מאָלער — ראָמאַנטיק, א קינסטלער, וועלכער האָט געשאַפן ווונדערבאַרע פּייזאַזשן, א מענטש, וואָס האָט קיינעם אין לעבן נישט באַוווּלהט — איז געפאַלן א קרבן פון דער היטלעריסטישער בעסטיע.

ראָמאַן ראָזענטאַל

ראָמאַן ראָזענטאַל האָט געשטאַמט
פון אַ פאָרגעשריטענער לאָדזשער
משפחה. ער איז געבוירן געוואָרן דעם
18 אָקטאָבער 1897. אַלט זייענדיק
קוים 13 יאָר האָט ער זיך אָנגעהויבן
צו לערנען אין דער פריוואַטער צייכן=
שול פון י. לעמאַן אין לאָדזש. גלייכ=
צייטיק האָט ער באַזוכט די גימנאַזיע.
אין אַ פאָר יאָר אַרום האָט ער פאָר=
געזעצט זיינע שטודיען אין דער ווי=
נער קונסט געווערבע=שול ביים פראָ=
פעסאָר געריקע. אין דער פרייער צייט
האָט ער זיך אויך אינטערעסירט מיט
מוזיק. ער האָט פאַרמאָגט זייער אַ
פילבאַרע נאַטור פון אַ קינסטלער. אַ
פיגור האָט ער געהאט אַ הויכע, מאָ=
גערע מיט עלעגאַנטע מאַניערן. ער איז געווען זייער העפלעך, הגם אין אַ גע=
וויסער מאָס — אַ דיפּלאָמאַט. לויטן אויסזען איז ער גיכער ענלעך געווען
צו אַ מוזיקער אָדער דיריגענט. עס האָט זיך געפילט, אַז די קונסט (ער
האָט זיך פאַרנומען אי מיט מוזיק, אי מיט מאָלעריי) איז פאַר אים עפּעס
אַזוינס ווי אַ באַריערע, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פון די נישט=אָנגענעמע
לעבנס=דערשיינונגען. ראָזענטאַל האָט פאַרמאָגט אויף דער ניעצאַלע=גאַס
אַן עלעגאַנט איינגעאָרדנטע נישט איבעריק גרויסע וווינונג. די ווענט פון
זיין וווינונג זענען באַהאָנגען געווען מיט בילדער אין האַרמאָנישע טאָנאַ=

ציעס. ביים פענצטער איז געשטאַנען א גוטער פּאָרטעפּיאַן, אויף וועלכן עס האָבן געשפּילט אי ער, אי זיין פרוי, וועלכע איז געווען א גלענצנדיקע פּיאַניסטקע. ראָזענטאַלס אמביציע איז געווען, מ'זאָל אים האַלטן פאַר א מאָלער, ווייל די צווייג פון קונסט האָט זיך אים געדאַכט, איז שווערער צו באַהערשן און דעריבער איז זי א מער מעגלעכע. ער האָט געהערט צו די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם פאַרבאַנד פון די לאָדזשער קינסטלער „סטאַרט“. ער האָט אָנטיילגענומען אין אַ סך אויסשטעלונגען סיי אין לאָדזש, סיי אין קראָקע. דער לאָדזשער מאַגיסטראַט האָט אָפּגעקויפט אין יאָר 1928 ראָזענטאַלס אַ בילד „די קירכע אין קוזמיר ביי דער ווייסל“ פאַר דעם מוזיי פון געשיכטע און קונסט א. נ. פון י. ק. באַרטאָשעוויטש.

זייט דער אַנטשטייונג פונעם יידישן פלאַסטיקער=פאַרבאַנד, אין יאָר 1934, איז ער געווען גענעראַל=סעקרעטאַר פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. ער האָט גענומען אן אקטיוון אָנטייל אינעם אָרגאַניזירן די אויסשטעלונגען פון דער געזעלשאַפט, האָט געגעבן לעקציעס פון צייכענען אין דער סטודיע אינעם לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט אויף לעשנע 12. אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס די געזעלשאפט האָט עקזיסטירט, האָט ער ארויסגעוויזן א סך טאַקט און איבערגעגעבנקייט דער זאַך פון קאָלעקטיוו.

ראָמאַן ראָזענטאַל האָט פאָרמירט זיינע בילדער אין הסכם מיט זיין נאַטור. ער האָט געווירקט מילד, ליריש און באַרואיקנדיק. ער איז נישט געווען קיין שלעכטער מאָלער. אָבער מ'קאָן אָבער אויך נישט זאָגן, אז אַ גיטער. ער האָט געקוקט אויפן לעבן דורך צו שטאַרק ראָזע ברילן, ער האָט מייסטנס געמאָלן אקוואַרעלן, ווייל אין דער דאָזיקער טעכניק האָט ער אַמבעסטן געקאָנט אויסדריקן זיינע שטימונגען, און הגם זיינע בילדער האָבן נישט פאַרמאָגט קיין סטיכישע אַקצענטן, זענען זיי אממייסטן געהאַלטן געוואָרן אין ווארעמע קאָלאָריסטישע גאַמעס. לויט זייער כאַראַקטער האָבן זיי זיך דערנענטערט צו דער ריכטונג פונעם פּאָסט=אימפּרעסיאָניזם. זיינע ארבעטן זענען גיכער געווען אן אויסדרוק פון דער נייגונג פונעם קינסטלער צו אַ רעציטאַטיווער אינטערפּרעטאַציע פון די לעבנס=דערשיינונגען, געזען דורכן פּריזמאַט פון א נאַיוון צושויער. ער האָט געבלאָנדזשעט צוליב זיין פאַלשער איינשטעלונג און זיין אַפּאָליטישקייט אין באַצוג צו דער ארומיקער ווירקלעכקייט. איבעריקנס, דער דאָזיקער מאַנגל פון א קריטישער באַציונג צו די דערשיינונגען, וואָס האָבן דעמלט געגורטעוועט די געזעלשאַפט, האָט זיך שפּעטער אָפּגעשלאָגן אויפן גורל פון ראָמאַן ראָזענטאַלן.

בעת דער היטלער=אָקופּאַציע האָט זיך ראָזענטאַל געפונען אין וואר=

שעווער געטאָ. ער איז געווען דער איינציקער, וועמען מ׳האָט דאָרט איינגעאָרדנט אן אויסשטעלונג, כדי צו באַערן זיין צוואַנציק־יאָריקער קינסטלערישער טעטיקייט. דאָס איז געווען אין מאי 1942, ווען אין וואַרשעווער געטאָ האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די קאָשמאַרפולע „אויסזידלונגען“. ווען די געפאַר פון „אויסזידלונג“ אין א טויט־לאַגער האָט זיך אַלץ מער דערנעענטערט זענען ראָזענטאַל, צוזאַמען מיט ווינטרויבן, געוואָרן די איניציאַטאָרן פון דעם טראַגישן „קאָאָפּעראַטיוו“ פון קינסטלער, וואָס האָט באַדאַרפט ראַטעווען זיי און זייערע משפחות פון זיכערן טויט. מ׳האָט פאַרלייגט די דאָזיקע פאַבריק פון פּראָשעק צו פּוצן מעטאַל און שלייפשטיינדלעך, און די פּראָדוקציע האָט מען אומזיסט אוועקגעגעבן א דייטשע פירמע פאַר אַרבעטס־אויסווייזן, וואָס האָבן זיי באַדאַרפט אָפּהיטן פאַר דער „אויסזידלונג“. היות די קינסטלער האָבן די אויסגעאַרבעטע מאַטעריאַלן אָפּגעגעבן אומזיסט, האָבן זיי אַליין געלעבט אין גרויסער נויט. ראָזענטאַל איז געצוווּנגען געווען טאָג־טעגלעך שעהן לאַנג צו שטיין אין דער ריי פאַר דער פאָלקס־קיך נאָך א טעפּל זופּ. עס האָט אים דעמלט געהאָלפן רחל אויערבאַך, די דעמלטיקע פאַרוואַלטערין פון דער קיך. זי טאַקע האָט מיר נאָך דער מלחמה דערציילט, ווי אזוי ראָזענטאַל האָט זיך ענטוזיאַסטיש באַצויגן צום פּראָיעקט פון שאַפן דעם אומגליקלעכן קאָאָפּעראַטיוו, און ווי אזוי ער האָט זי צוגערעדט, זי זאָל צוטרעטן צו דער דאָזיקער „אונטערנעמונג“, ווייל דאָס אריינבאַקומען זיך דעמלט אין אַנדערע שאָפּעם האָט געקאָסט גרויסע געלטער.

דער סוף פון דעם דאָזיקן קאָאָפּעראַטיוו, ווי פון אַלע איבעריקע יידישע קאָאָפּעראַטיוון, איז באַקאַנט. אַלע קינסטלער, וועלכע מ׳האָט געטראָפן ביי דער אַרבעט, זענען אין די אַרבעטס־פּאַרטעכער אַרויסגעטריבן געוואָרן צו די וואַגאָנען אויפן אומשלאַג־פּלאַץ און אַרויסגעפירט געוואָרן אין טויט־לאַגער אין טרעבלינקע. אזוי איז אויך אומגעקומען ראָמאַן ראָזענטאַל.

נאַטאַן ראָזענשטיין

נאַטאַן ראָזענשטיין איז געבוירן געוואָרן דעם 14־טן יאַנואַר 1910 אין לאָדזש. ער האָט געהאַט פרומע עלטערן, וואָס האָבן געצויגן חיונה פון אַ קליין געוועלבל. פאַרן אַריינטרעטן אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע האָט ער אין לאָדזש שטודירט אין אַ פּריוואַטער מאָלער־סטודיע אויף פּיאָטרקאָווסקע ראָג אַנדזשעיאַ. דאָ האָט ער געצייכנט צוזאַמען מיט האַבערן, ראָזענטאַלן, גלעבן. זיי פלעגן צוזאַמען דינגען אַ מאָדעל. אויף צו לעבן פלעגט ער פאַרדינען, אַרבעטנדיק אין אַ פאָטאָגראַפישן אַנשטאַלט ביים פאַרגרעסערן פאָטאָגראַפיעס. די בילדער זיינע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער איידלקייט און פּרעציזער אויספירונג.

נאָכן ענדיקן די וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע איז ראָזענשטיינען געלונגען צו פאַרווירקלעכן זיין גרעסטן חלום — אָפּצופאָרן קיין פאַריז. ער האָט זיך געוואָלט ווייטער בילדן, כּדי צו דערגרייכן אַ העכערע מדרגה אין זיין קינסטלערישער שאַפונג. ער האָט געזוכט נייע און מער פולקאָמע אויסדרוק־פאָרמען. ראָזענשטיין איז געווען אַ קאָמוניסט און איז אפילו געווען אַ געוויסע צייט אַרעסטירט. דאָס וואָס ער האָט געזען אין די אַטעליעס פון אַ סך פאַריזער מאָלער, האָט אים גישט אַנטציקט. ער האָט זיך צוגעפּגעטראָפן מיט דורכשניטלעכקייט און סטאַנדאַרטקייט, ענלעכע צו די, וואָס ער האָט געזען אין פוילן.

ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פאַריז און אומקערן זיך אהיים. ער האָט ווייטער געלעבט אין לאָדזש, טיילנדיק מיט די אַרבעטער זייערע דאגות און נויטן. פון צייט צו צייט האָבן זיך זיינע בילדער באַוויזן אויף די לאָדזשער אויסשטעלונגען, ווי אויך אויף די אויסשטעלונגען פון דער יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט אין וואַרשע. בעת דעם

טראַגישן גירוש פון די דייטשישע יידן קיין זבאָנשין האָט ער אויך גע־שאַנקען פאַרן הילפס־פאָנד צוויי פון זיינע בילדער.

דער דאָזיקער איידעלער און סובטעלער קינסטלער איז וואַרשיינלעך אומגעקומען אין לאָדזש בעת דער אָקופּאַציע, ווייל זינט יענער צייט איז יעדער שפּור נאָך אים פאַרשוווּנדן.

פישל רובינליכט

פישל רובינליכט האָט געהערט צו די ייִנגסטע יידישע קינסטלער אין ווארשע, וועלכע האָבן זיך גרופּירט ארום י. ל. פּרצן. רובינליכטס לערער איז געווען בער קראַטקאָ, אַ סקולפּטאָר, וועלכער איז, וואָס אַן אמת, נישט געווען קיין סך עלטער פון רובינליכטן, אָבער א קינסטלער מיט א סך פּאַנ־טאַזיע און ענערגיע. פּרץ האָט קראַטקאָן געהאַלטן פאַר א ווערטפולן קינ־סטלער, ווארשע האָט דעמלט נישט פארמאָגט קיין גרויסע סקולפּטאָרן. קסאַווערי דוניקאָווסקי איז געווען דער אייגציקער מעמפּעראַמענטפולער קינסטלער און פעיקער פעדאַגאָג, וועלכער האָט זיך נישט געהאַלטן שטרענג ביי די אקאדעמישע קאַנאָנען. ביי דוניקאָווסקין, אזוי ווי ביי בער קראַטקאָן, האָט זיך שוין דעמלט אָפּגעפּילט א נייגונג ארויסצוברענגען דעם בילדע־רישן אמת אין ליריש ווייכע טענער. ביידנס פּרינציפּ איז געווען צומערשטן באַלעבן די מאַטעריע און ארויסברענגען די געשטאַלט אין איר ריטמישער שיינקייט. פישל רובינליכט האָט א סך גענאָסן פון די דאָזיקע צוויי שטאַרקע קינסטלערישע פערזענלעכקייטן. וואָס זענען געגאַנגען מיט אַן אייגענעם וועג.

די ארבעטן פון פישל רובינליכט באווייזן זיך שוין אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1917 אויף די אויסשטעלונגען אין דער „זאכענטע״. אין די שפּעטערע יאָרן האָט מען אים זעלטן געטראָפן אויף די אויסשטעלונגען. מעגלעך, אז דער קינסטלער איז געצוווּנגען געווען צו פארנעמען זיך מיט זייטיקע ארבעטן און עס האָט אים אויסגעפעלט צייט אויף קינסטלערישער ארבעט. ער איז ערשט באַקאַנט געוואָרן אלס שעפער פון דער מצבה אויפן קבר פון דער גרויסער שוישפּילערין, די מאַמע פון יידישן טעאַטער אסתר־רחל קאַמינסקאַ. רובינליכט האָט אויך אויסגעפירט די טויטן־מאַסקע פון יעקב דינעזאָן. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צוויי־

טער וועלט־מלחמה האָט מען ווייניק געהערט וועגן רובינליכטן. ער איז געווען איינער פון די ערשטע קרבנות פון דער מלחמה. בעת דער מוראדיקער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע אין סעפּטעמבער 1939 איז ער געטראָפן געוואָרן אין א פוס פון א באָמבע־שפּליטער און איז אָפּגעפירט געוואָרן אין עוואַנגעלישן שפּיטאָל אויף קאַרמעליצקע, דאָרט איז ער געלעגן אָן השגחה און אָן מעדיצינישער הילף. אין א קורצער צייט ארום איז ער געשטאָרבן.

אין צווייטן באַנד פון די „דאָקומענטן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער דייטשישער אָקופּאַציע אין פּוילן", באַאַרבעט דורך יוסף קערמישן, אין דער אָפּטיילונג „אַקציעס און אויסזידלונגען" געפינען מיר אויף די זייטן 406—417 א בריוו פון א געוויסער פראַנציסקאַ רובינליכט — א מאָלערין און א דעקאָראַטאָרקע פון די וואַרשעווער טעאַטערס, וועלכע באַשרייבט מיט טראַגישע ווערטער די לעצטע איבערלעבונגען אין וואַרשעווער געטאָ. צווישן אנדערן שרייבט זי: „אַרטורעק (איר זון) איז א קאָפּיע פון פעלעקן, זיין באַנעמונג און כאַראַקטער אויך פון פעלעקן". אין דעם דאָזיקן בריוו, וועלכער טראָגט די דאַטע פון 21־טן מערץ 1943, ווערט וועגן פעלעקן געשריבן אזוי ווי וועגן א מענטשן, וואָס לעבט שוין נישט.

אלעקסאנדער רימער

געווידמעט מאַרגאַריטאַ קרישטשינסקאַ,
וועלכע האָט געהאָלפן מיר איינאָרדענען
די אויסשטעלונג פון א. רימער אין
דרעזדן.

אלעקסאַנדער רימער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1899 אין לעמבערג אין א משפּחה פון ארבעטנדיקער אינטעליגענץ. נאָכן ענדיקן די מיטל=שול איז ער נאָך א געוויסער צייט געבליבן אין זיין געבוירן=שטאָט. זייענדיק נאָך א שילער אין דער גימנאַזיע, האָט ער זיך אינטערעסירט מיט די ארכיטעקטאָנישע אלטערטימלעכקייטן פון לעמבערג. ער האָט שטודירט די פּלאַסטישע מאָנומענטן ווי: קירכעס, דענקמעלער אויף די בית=עולמס. כדי זיך צו באקענען מיט די אַלטערטימלעכקייטן, איז ער אַן אָפטער גאסט אויפן מאַרק=פּלאַץ, אויף דער רוסקע=גאַס, אויף אַרמיאַנסקע, בלאַכאַרסקע און אנדערע גאַסן.

נאָכן ענדיקן די מיטל=שול קאָן ער זיך נישט באַשליסן צי שטודירן געשיכטע און קונסט, אָדער אוועק אויפן וועג פון מאָלערישער שאַפונג. פון די ערשטע יאָרן ווייזט רימער ארויס פעיקייטן זאַכלעך אָפּצושאַצן די פּלאַסטישע שאַפונג. ער האָט געגלייבט אין געזעלשאַפטלעכן פּאָרשריט און איז דעריבער געקומען צום באַשלוס, אז די קונסט דאַרף זיין מאָדערניסטיש, ד. ה. זי דאַרף אַנטשפּרעכן דעם גייסט פון דער צייט. ס'איז ווערט צו באַמערקן, אז נאָך פאָרן ארויספאָרן קיין דרעזדן, אין יאָר 1924, אָרדנט רימער איין אין לעמבערג, צוזאמען מיט זיין פריינד עמיל קאַנקע, אן אויסשטעלונג א. נ. „די יונגע קונסט“. די דאָזיקע אויסשטעלונג האָט ארויסגערופן א גרויסע אויפרודערונג אין די מאָלערישע קרייזן און צווישן די טיילן פון פּובליקום, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט פּראָבלעמען פון קונסט.

נאָך דער דאָזיקער אויסשטעלונג פאָרט רימער אָפּ קיין דרעזדן, ווו ער שטודירט אויף דער דאָרטיקער קונסט=אַקאַדעמיע ביים בארימטן מאָלער ראָבערט סטערל. רימערס לערער איז געווען א פּאָרגעשריטענער קינסטלער. ער האָט געהערט צו די זעלטענע דעמאלט דייטשע מאָלער, וועל=

כע האָבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה באַזוכט די מזרח־לענדער, כדי דאָרט דורכצופירן מאָלערישע שטודיען. ער האָט אונטערגענומען, אַזוי ווי דער דייטשישער סקולפּטאָר ערנסט באַרלאַך, אַ רייזע קיין רוסלאַנד און דורכגערייזט דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט פון נאָווגראָד ביז אַסטראַכאַן. סטערל האָט דעמלט געמאָלט טיפּן פון בורלאַקעס, טרע־גערס, ארבעטער און אינטעליגענטן. סטערל איז געווען אלס קינסטלער נאָענט צו רעפּינען. אַ סך יונגע מאָלער פון רוסלאַנד און פּוילן האָבן זיך ביי אים געלערנט. צו זיינע תלמידים האָט ער זיך באַצויגן מיט אַ סך טאַקט און פריינדשאַפט. ער האָט זיך אָפט געזאָרגט פאַר די פראַגן פון זייער טאָג־טעגלעכן לעבן. אָבער אַלעקסאַנדער רימער האָט נישט אַלעמאָל מסכים געווען מיט זיין לערער. ער האָט אָפטמאָל געמאָלט אנדערש ווי דאָס איז געווען אָנגענומען אין סטערלס אַטעליע. אַ סך פון זיינע אַרבעטן האָט ער נישט פאָרגעשטעלט זיין לערער צו קאָרעגירן, כדי אים נישט צו רייצן.

נישט קוקנדיק דערויף, האָט סטערל אויסגעשטעלט רימערן צווישן זיינע שילער און פּונקט ווי באַרטשינסקין האָט ער אים צוגעטיילט דעם אַזוי גערופענעם „מייסטער־אַטעליע". סטערל האָט זיך טאָלעראַנט באַצויגן צו די עקספּערימענטן פון זיינע שילער. דאָך איז רימערס פאָרם געוואָרן וואָס אַמאָל משונהדיקער. רימער האָט בלויז גענומען די שיין פון דער נאַטור און, באַנוצנדיק זיך מער מיט זיין פאַנטאַזיע, האָט ער געשאַפן אויפן באַזיס פון דער נאַטור פאַנטאַסטישע מעשהלעך. אין דער קאָמפּאָזיציע פון זיינע בילדער איז רימער אָפט דערגאַנגען צו משונהדיקע קאָמפּאָזיציעס. דער־מיט האָט ער געבראָכן די יסודות, וועגן וועלכע סטערל האָט אַזוי שטאַרק געזאָרגט. סטערל איז געווען נישט בלויז אַ גלענצנדיקער קאָלאָריסט, נאָר וועלנדיק דערגרייכן אַ גרעסערע עקספּרעסיע האָט ער זיך נישט איינמאָל באַנוצט מיט אַ געוויסער דעפאָרמאַציע, ווי צ. ב. אין זיין בילד „די שטיינ־האַקער" — דאָך האָט דאָס בילד אין די קאָמפּאָזיציע פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ געשלאָסענע טעמאַטישע גאַנצקייט. רימער דאַקעגן איז ארונטער־געפאַלן גיכער זיינע קאָלאָריסטישע וויזיעס.

אין יאָר 1930 האָב איך דערהאַלטן פון סטערלען אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אין דער אַקאַדעמיע. ער האָט מיר געשריבן, אַז ער וואָלט מיר געוואָלט ווייזן די ארבעטן פון זיין אמאָליקן שילער. און ווירקלעך האָט ער מיר געוויזן 4 פּייזאַזשן־אַקוואַרעלן. אין די דאָזיקע אר־בעטן האָט מען געקאָנט באַמערקן אַ טיילווייזן איינפלוס פון דעם מייס־טער. סטערל האָט מיר געזאָגט, אַז דער שעפער פון די ארבעטן שטאַמט פון

פוילן, און לויט זיין מיינונג, איז ער אן אינטערעסאנטער קינסטלער. (רימער האָט שטודירט ביי סטערלען אין דער צייט, ווען איך בין געווען אין פראנקרייך). שפּעטער האָט זיך סטערל מיר פאַרטרויט, אז רימער וואָלט געוואָלט איך זאָל אים אָרגאַניזירן אן אויסשטעלונג אין דרעזדן פון זיינע בילדער. אין אַ פּאָר חדשים ארום האָב איך רימערן איינגעאָרדנט אין דרעזדן אן אויסשטעלונג. אין דער צווישן־צייט האָט זיך רימער באַזעצט אין פּאריז.

ווען עס זענען אָנגעקומען רימערס בילדער, בין איך געשטאַנען פאַר א דילעמאַט. די צוגעשיקטע בילדער האָבן כמעט מיט גאָרנישט דערמאָנט די ארבעטן, וועלכע איך האָב באַטראַכט ביי זיין פּראָפעסאָר. זיי האָבן געפאָדערט א ספּעציעלן שטודיום — זיי האָבן פאַרמאָגט עפּעס א מאָדנע ראָמאַנטיק אי אין דער קאָמפּאָזיציע, אי קאָלאָריסטיק, אי אין דעם אינהאַלט. אזעלכע בילדער האָבן נישט געהאַט קיין שום ענלעכע אין דער דייטשער קונסט. דאָס זענען געווען ליידנשאַפטלעכע, דינאַמישע ארבעטן, וואָס האָבן פאַרמאָגט סימבאָלישע אַקצענטן. אַלעקסאַנדער רימער האָט צ.ב. צוגעשיקט צייכענונגען אויסגעפירט אין טוש אויף פילפארביק פּאַפּיר, וואָס א טייל האָבן פאָרגעשטעלט א שפּיל פון פאַרשידענע קאָנסטרוקציעס און א טייל האָט פאַרמאָגט אן אויסערגעוויינלעכע ריטמיק און פאָרם. עס האָט אויסגעזען אזוי ווי דער אויטאָר זייערער וואָלט געשאַפן א נייע אינגאַנצן קעגנשטאַנדלעכקייט. די דאָזיקע בילדער האָבן געמאַכט א קאָמישן איינדרוק צוליב די דינינקע, ריטמישע שטריכלעך. טייל בילדער זענען געווען אויסגעפירט אין דער גוואַש־טעכניק. אַלע בילדער רימערס זענען געווען אין קליינעם פאָרמאַט און האָבן פאַרמאָגט א גרויסע קאָלאָריסטישע קראַפט. זיי האָבן ארויסגעבראַכט די סצענאַריע פון פאַרשידענע מענטשלעכע געשטאַלטן אין דער פאַרשידנסטער באַפאַרבונג. אין דער דאָזיקער פאַרביקייט זייערער און באַוועגלעכקייט האָבן זיי פאַרמאָגט עפּעס פון דעם קאָלירטן פילם „דאָס געזאַנג פון דער טאַיגע“. זיי זענען געווען פאָלקסטימלעך, עלעמענטאַר און דינאַמיש. אין די דאָזיקע בילדער האָט רימער ארויסגעבראַכט גאַסנהענדלער, פאריזער בעטלער, פרויען אין לוקסעמבורגער גאָרטן, די איבערלעבע איינריכטונג פון דער ביבליאָטעק פון דער הייליקער גענאָוועפע אין אַנדערע מאָטיוון, וואָס זענען וואָס אַן אמת גענומען געוואָרן פון דער נאַטור, אָבער זיי זענען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דער וועלט פון פאַנטאַסטישע מעשהלעך. יעדעס בילדל זיינס האָט רימער געמאָלט מיט גרויסער שפּאַנונג און פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ער האָט זיך באַנוצט מיט גוואַש, ד. ה. ער האָט די וואסערפאַרבן פאַרבונדן מיט צייכענונג אויף א גומירטן הינטערגרונט און אזוי ארום איז אים געלונגען ארויסצובאקומען זייער שארפע פארבן־קאָנטראסטן. רימער איז געווען אַ מאָלער א וויזיאָנער, אָפּט אַ גראָטעסקארטיקער דראַמאַטורג, וואָס האָט זיך באמיט ארויסצוברענגען דעם כאַאָס פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט — פארשטייט זיך, אזוי ווי ער האָט זי אליין איבערגעלעבט. טראָץ אלעם זענען זיינע בילדער געווען פול מיט פּאָעזיע און מוזיק. אויב מיר זאָלן זוכן אין דער וועלט פון פּלאַסטיק עפּעס ענלעכס צו רימערס בילדער, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז ער שטייט אמנאָענטסטן צו ברוינגלען און אין זיינע קאָשמארפולע וויזיעס דערנענטערט ער זיך צו אַנטאָני ווירצן (1806—1865).

די לעצטע בילדער רימערס האָב איך געזען אויף דער אויסשטעלונג פון די לעמבערגער מאָלער, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער יידישער געזעלשאַפט צו פארשפּרייטן קונסט. דאָס איז געווען אין ווארשע א פּאָר חדשים פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. באַטראַכטנדיק דעמלט רימערס בילדער, בין איך אליין אַריינגעפאַלן אינעם טראַנס פון טראַגישע וויזיעס.

אלעקסאַנדער רימער איז געווען א מאָלער א טרוימער, א פאַנטאַזיאָר, וויזיאָנער און פּאָעט, וועלכער האָט געשריבן זיין טראַגיש־לירישע פּאָעזיע מיט פאַרבן. די קונסט האָט אים אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט. אין פּאַריז איז ער שוין געווען א געשעצטער קינסטלער. זיינע בילדער האָט מען אָפּט געקאָנט טרעפן אויף יערלעכע פּאַריזער אויסשטעלונגען, ווי אויך אין אַנדערע שטעט אין פראַנקרייך. אין טייל מאָדערניסטישע פּאריזער צייטשריפטן, וואָס זענען געווידמעט געווען די פּראָבלעמען פון קונסט, האָבן זיך באוויזן רעפּראָדוקציעס פון רימערס בילדער און אָפּט אָפּהאַנדלונגען וועגן זיין שאַפונג. רימער האָט קיינמאָל נישט איבערגעריסן זיין פארבינדונג מיט פּוילן. ער איז געווען א מיטגליד פון דעם פארבאַנד פון פּוילישע קינסטלער „אַרטעס“ און צוזאמען מיט זיי האָט ער אויסגעשטעלט זיינע בילדער אין וואַרשע, לאָדזש, קראָקע און לעמבערג.

ווען די היטלעריסטן האָבן אין יאָר 1940 פארנומען פּאַריז, האָט רימער זיך נישט אָריענטירט, וואָס פארא געפאַר עס דראָט אים און האָט זיך נישט אויסבאַהאַלטן. דעריבער איז ער אין יאָר 1942 אריינגעפאלן אין די לאַפּעס פון דער געסטאַפּאָ און איז איינגעזעצט געוואָרן אין א פּראָוויזאָרישן לאַגער. פון דאָרט איז ער דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אָשוויענטשים.

משה רינעצקי

משה רינעצקי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1885 אין וואַרשע. עס איז אים שווער אייגצושליסן אין דער ריי פון די שעפער פון דער מאָדערנער קונסט, ד. ה. צו די מאַלער מיט אַן אייראָפּעישער שטעלונג.

אין יאָר 1907 פיגורירט רינעצקי אין דער רשימה פון די שילער פון דער וואַרשעווער קונסט־שול. מעגלעך, אַז ער האָט אויך שטודירט אין די שפּעטערדיקע יאָרן. אַלנפאַלס קיין סך האָט אים די שול נישט געגעבן. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק אויסגעטיילט מיט זיין אייגנאַרטיקער פאָרם פון די איבעריקע אַבסאָלווענטן פון דער שול, אַז ס'איז שווער צו גלייבן צי די שול האָט בכלל איבערגעלאָזט וועלכן ס'איז שפּור ביי אים. רינעצקים בילדער ווירקן אוממיטלבאַר אַזוי ווי פּרימיטיוון און מאַכן אָפט אַן איינדרוק פון ביזאַנטישער קונסט.

משה רינעצקי האָט זיך פולשטענדיק באַגרענעצט אין זיין לעבן און שאַפן צו דער וועלט פון מענטשן, וועלכע האָבן מיט זייער אופן פון לעבן, מיט זייער ספּעציפישן שטייגער זיך אינגאַנצן אָפּגעטיילט פון יעטוועדער ציוויליזאַציע. דאָס זענען געווען יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס און קאַפּלען, יידן, וואָס האָבן געלעבט מיט דער טראַדיציע, וועלכע זיי האָבן קולטיווירט פון דורות. די דומפּיקע אַטמאָספער, אין וועלכער דער קינסטלער האָט געלעבט, די גרויסע מאַסן, וואָס האָבן געלעבט פון לופט־פּרנסות — אָט דאָס איז געווען דער קרייז מענטשן, אין וועלכן ער האָט פאַרקערט און וועלכן ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיינע בילדער. אויף זיין מאָלערישער שפּראַך האָט רינעצקי איבערגעגעבן די גאַנצע אַטמאָספער און די שטימונגען פון דער דאָזיקער אָפּגעשטאַנענער און פאַרגליווערטער סביבה, מיט איר טראַדיציאָנעלן שטייגער. אַלץ, וואָס איז אַרויס פון דער האַנט פון דעם דאָזיקן משונהדיקן מאַלער, האָט גלענצנדיק אָפּגעשפּיגלט די סבי־

בה, אין וועלכער ער האָט געלעבט. עס פלעגט אָפט טרעפן, אַז דער קינסטלער, וועלנדיק לעבעדיק אַרויסברענגען די אַטמאָספער פון נויט און אָפּגעלאָזנקייט, האָט זיך באַנוצט מיט ברודיקע פאַרבן. רינצקי מאָלט מיינסטנס גרופן-סצענעס. פאַרשטענדלעך, יידן אין קלויז, בית-מדרש אָדער אין קליינע שולעכלעך, אין וועלכע ס'האָבן געדאַוונט בלויז שוסטער, טרעגער און אַנדערע באַלמעלאָכעס. די טיפן, וועלכע רינעצקי מאָלט, אונטערשיידן זיך וויניק איינע פון די אַנדערע. דאָס זענען תמיד פשוטע יידן, וואָס מאַכן דעם איינדרוק, אַזוי ווי זיי זאָלן האָבן אַרויפגעשווומען פון עפּעס אַן אָפּגרונט, מענטשן, וואָס שטויסן זיך אָן אויף זייער אַן ענגן שטח. דער קינסטלער באַטראַכט זיי און ברענגט זיי אַרויס אַזוי ווי זיי וואָלטן באַלויכטן געוואָרן מיט אַ רעפלעקטאָר, וואָס רופט אַרויס בלענדנדיקע געלע, גרינע אָדער פיאָלעט-רעפלעקסן ס'טרעפן זיך אויך גרויע טענער פון אַש-קאָליר, מיט וועלכער רינעצקי באַנוצט זיך גערן, כדי אויסצודריקן די אַטמאָספער פון אָרעמקייט און נויט.

רינעצקי איז געווען אַ פאָלקס-מענטש און פונקט אַזוי ווי די יידן, וואָס ער האָט געמאָלט, האָט ער געגלויבט, אַז צרות רבים העלפט צו איבערטראָגן דעם שווערן גורל. דעריבער איז דער קלויז געווען זיין צווייטע היים. דאָ פלעגט ער זיך צוהערן צו די צאָלרייכע דערשיינונגען, וועגן גורל פון דעם אָדער יענעם באַקאַנטן יידן, וועגן די פאַסירונגען, וואָס זענען זיך פאַרלאָפן מיט זיי. דאָ פלעגט ער צוזאמען מיט זיי אנטיילנעמען אין די זעלטענע פריידן, וואָס עס האָבן מיט זיך געבראַכט פון צייט צו צייט פאַרשידענע יום-טובים אָדער אַ געבורט פון אַ קינד, אַ בר-מצווה פון אַ זון אָדער אַ חתונה אין דער משפחה. רינעצקי האָט גלענצנדיק אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע שטימונגען און געמאַכט האָט ער דאָס אויף דער הייסער מינוט, תיכף פאַרפיקסירט אין זיינע פאָסטעלן אָדער אַקוואַרעלן.

רינעצקי האָט געוווינט אין וואַרשע אויף קראָטשע גאַס, וווּ זיין ווייב האָט געפירט אַ קליין שפּייז-קרעמל, וואָס האָט וואַרשייגלעך נישט שלעכט פראָספּערירט. דעם מאַן איר האָט זי געהאַלטן פאַר אַזאַ מין לערנער, וואָס אַנשטאָט צו זיצן איבער די ספרים, פאַרפיקסירט ער אַנדערע לערנער אויף פאַפּיר. זי האָט זיך באַצויגן טאָלעראַנט צו זיין „ליידיקגייעריי".

די מענטשן, וואָס רינעצקי ברענגט אַרויס, דאָס זענען מייסטנס אביונים, וואָס האָבן געטראָגן זייערע מלבושים אַזוי לאַנג ביז זיי זענען זיך נישט צעפאַלן. און די דאָזיקע אָפּגענוצטע, שמוציקע בגדים האָבן

אַ סך געזאָגט וועגן לעבן פֿון זייערע באַלעבאַטים. דעם דאָזיקן אמת האָט רינעצקי גלענצנדיק געקאָנט אַרויסברענגען אין זיינע בילדער. רינעצקי האָט אויך געמאָלט סצענעס פֿונעם לעבן פֿון איינצלנע מענטשן אָדער גאַנצע משפּחות יידישע. אָט צום ביישפּיל מאָלט ער אַ יידן, אַ כאַלופּניק, מיט אַ באָרד, אָנגעטאָן אין טלית=קטן, וואָס זיצט ביי אַ וועב=שטול.

אין אַ צווייט בילד ווייזט ער אַ יידן, אַ שמיד מיט זיין געהילף אין דער קוזשניע. די קוזשניע איז באַלויכטן מיטן העלן ליכט פֿונעם פֿייער. אויך רינעצקיס שמיד איז אָנגעטאָן אין אַ לאַפּסערדאַקל און טראָגט ציצית. ער ווייזט אונדז אויך אַ קליין פֿאַבריקל פֿון קינדער=שפּילצייג, ווו ביי די טישן אַרבעטן יידישע מיידלעך אין דער באַלעבאָס פֿון פֿאַבריקל, אַ ייד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַ קאַפּל אויפֿן קאָפּ, היט צו די מיידלעך, זיי זאָלן נישט באַלעמוטשען. ער מאָלט אויך אַנדערע יידישע באַלמעלאָכעס, סטאָלאַרעס, שוסטער, שניידער ביי זייערע אַרבעטס=וואַרשטאַטן. רינעצקיס בילדער שטעלן אויך פֿאָר פֿאַרשידענע רעליגיעזע מנהגים און שטייגער=סצענעס, ווי דאָס פּראַווען דעם סדר, אָפּהאַלטן שבת, דאָס באַוויינען אַ טויטן, דאָס באַזוכן אַ קימפּעטאָרין און ענלעכע סצענעס. אָט צום ביישפּיל זעען מיר אויף איינעם פֿון דעם מין בילדער אַ שטוב, אין וועלכער עס ליגט אין בעט אַ קימפּעטאָרין און נעבן איר שטייען קינדער, וואָס שלעפּן אַרויס צוקערקעס פֿון דעם ליידיקן וויגל. אויף אַ צווייט בילד זעען מיר אַ מגיד, אָנגעטאָן אין אַ טלית, וואָס האַלט אַ פֿלאַמיקע דרשה, זשעסטיקולירנדיק היים. דאָס בילד „די סדר=נאַכט“ ברענגט גלענצנדיק אַרויס די דאָזיקע פֿייערלעכקייט אין איר גאַנצער פּראַכט.

אַלע בילדער רינעצקיס זענען פּשוטע, אומפּרעטענציעס, נישט געטאָקטע, זענען אַפֿילו קאַנטיק און אַ ביסל פּראָסטאַצקע, אָבער אין אַלגעמיין גענומען ברענגט ער אפֿשר אַמבעסטן אַרויס די ספּעציפֿיק פֿון דער דאָזיקער וועלט פֿון יידישער אָרעמקייט, אין וועלכער דער מאָלער האָט פֿאַרקערט, מיט אַלע אירע קלאָפּאָטן, געוווינהייטן, ליידן און זעלטענע פֿריידן. קראָקע האָט געהאַט איר אַרטור מאַרקאָוויטשן, וועלכער האָט מיט א סך פֿאַסיע און גרויסער קולטור אַרויסגעבראַכט אין זיינע פּאַסטעלן די דאָרטיקע יידישע סביבה. וואַרשע ווידער האָט אין דער פּערזאָן פֿון משה רינעצקין געפֿונען דעם געטרייסטן מאָלער, וואָס האָט פֿאַרפֿיקסירט די יידן פֿון די נאַלעווקעס, גענשע. הגם דער אופֿן פֿון אויסדריקן

זיך פון רינעצקין איז געווען אַ שטאַרק פרימיטיווער און די טאָנאַציע פון זיינע פארבן — אָפט איננאַנצן אַ נישט דיסטילירטע.

רינעצקי האָט געהערט צו דער פאַרוואַלטונג פונעם פאַרבאַנד פון יידישע פלאַסטיקער. אין אייניקע קאַטאַלאָגן פון דער וואַרשעווער זאַכענטאַ ווערן דערמאָנט די ארבעטן פון רינעצקין, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף די אויסשטעלונגען. רינעצקי האָט אויך אָפט אָנטיילגענומען אין די אויסשטעלונגען פון דער יידישער געזעלשאַפט צו פארשפרייטן קונסט. זיינע אקוואַרעלן האָבן זיך אפילו באַוויזן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג פון קונסט אין בריסל. אויף דער יובילײ-אויסשטעלונג פונעם יידישן פאַרבאַנד פון פלאַסטיקער האָבן זיך באַוויזן אייניקע ארבעטן זיינע, וואָס האָבן געמאַכט א גוטן איינדרוק. רינעצקי האָט אויך געהערט צום זשורי פון דער דאָזיקער אויסשטעלונג.

וועגן גורל פון משה רינעצקי בעת דער היטלער-אָקופּאַציע איז מיר כמעט גאָרנישט באַוווסט. אין קיין שום פּובליקאַציע, וואָס באַהאַנדלט דעם וואַרשעווער געטאָ, האָב איך נישט געפונען קיין שום נאָטיץ וועגן דעם קינסטלער. אין ערגעץ ווערט אפילו נישט דערמאָנט זיין נאָמען. רינעצקיס פרוי, וועלכע האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אויף דער אזוי גערופענער אַרישער זייט, גיט איבער, אַז איר מאַן איז אומגעקומען דעם 17-טן סעפּטעמבער 1942. אָט דאָס איז אלץ, וואָס עס איז מיר געלונגען געוואָר צו ווערן וועגן רינעצקין, בעתן טראַגישן פעריאָד פון דער אָקופּאַציע.

מענדל רייף

דער נאָמען רייף איז געווען אַ פּסעוודאָנים, דער אייגנטלעכער נאָמען זיינער איז געווען שמירער. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1910 אין קראַסנע נעבן לעמבערג, וווּ זיין פאָטער איז געווען איינער פון די יונגעלייט, וואָס מ'האָט זעלטן דעמלט געטראָפן, וועלכער האָט זיך באַפרייט פון די פענטעס פון דער ישיבה, כדי זיך אינגאַנצן אָפּצוגעבן דער באַליבטער קונסט. דער דאָזיקער בחור האָט פאַרמאָגט אַ גלענצנדיקן הומאָר, און אַ מענגע אויסערגעוויינלעכע, אָריגינעלע איינפאַלן. מ'פלעגט אָבער טרעפן, אַז זייענדיק אין דער פריילעכסטער שטימונג, פלעגט ער פּלוצים אַריינפאַלן אין אַ טונקעלע מרה-שחורה און זיך טרויעריק פאַרטראַכטן. אין אַזעלכע מינוטן, האָט ער אליין גערעדט מיט זיך. דער רעזולטאַט דערפון פלעגט זיין, אַז ער האָט זיך סוף כל סוף אנידערגעזעצט ביים טיש און פלעגט אויסגיסן אויפן פּאַפּיר זיין גאַנצע מעלאַנכאָלישע שטימונג, זיינע אומעטיקע געדאַנקען און די שאָטנס פונעם ארום. די גראַפישע שאַפונג פון רייפן איז געווען ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון די שרעקלעכע לעבנס-באַדינגונגען, אין וועלכן ס'האָבן דעמלט געלעבט די יידישע מאַסן אין פּוילן. מענדל רייף האָט ארויסגעבראַכט די הילפלאָזיקייט פון דער

ייִדישער אָרעמקייט, דאָס יאָגן זיך נאָך גראָשנדיקע פּאַרדינסטן. כּדי זיך
ווי עס איז אויפצוהאַלטן ביים לעבן, די ייִדישע „לופט=פּרנסות“, וואָס
זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש געווען פאַר דער מערהייט פון דער דאָזיקער
אָרעמקייט.

די אַלע טראַגישע איבערלעבונגען האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין מענדל
רייפּס צייכענונגען. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער וועט פּטור ווערן פון
דעם אַלעמען, וואָס האָט אים געדריקט, אויב ער וועט עס פאַרפיקסירן אויפן
פּאַפּיר. דער דאָזיקער עמפּפינדלעכער בחור איז געווען ווי אַ פילטער, דורך
וועלכן עס זענען דורכגעגאַנגען די אַלע דערשיינונגען פון טאָג=טעגלעכן
לעבן. אין זיינע צייכענונגען זענען אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אי קליינע מינדער=
וויכטיקע ענינים, אי וויכטיקע היינטצייטיקע פּאָליטישע געשעענישן. אין
אָנבליק פון די גרויסע איבעטרייסלונגען, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף
דער אַרענע פון פּאָליטישן לעבן, האָט מענדל רייף אַרויסגעוויזן אַ סך
דרייסטקייט, אַרויסברענגענדיק די דאָזיקע געשעענישן זייער טרעפלעך און
בולט. ביי מענדל רייפן איז געווען עפּעס פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער,
דעם דאָזיקן פילאָזאָפירנדיקן לץ, וועלכער האָט געקאָנט אָנטאַפּן אַלע
קרענקלעכע דערשיינונגען אין לעבן פון ייִדישן קליינבירגער און האָט זיך
געפרייט, ווען ער האָט געהאַט די געלעגנהייט אַ שנעל צו טאָן אין דער
נאָז פון אַ פאַרהאַסטן גראָב=בייכיקן גביר. מענדל רייף האָט דאָס זעלבע
געטאָן מיט דער הילף פון צייכענונגען. אין אַ סך פון די דאָזיקע סקיצן
האָט ער אויסגעלאָדן זיין גאַנצע פאַרביטערונג צוליב דער ברוטאַלקייט
פונעם אַרום. נאָך מער, אויך זיך און די מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומ=
גערינגלט, האָט ער אָפט פאַרגעשטעלט אין בייסיקע, סאַרקאַסטישע קאַרי=
קאַטורן. ליידער האָט זיין גוזלשאַפטלעך=פּאָליטישער באַוווסטזיין נישט
אַנטשפּראָכן זיין שעפערישן טאַלאַנט. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער רע=
פּאָרטער פון די געשעענישן, וואָס האָבן געגורטעוועט דער געזעלשאַפט
אַ פּאָר יאָר פאַר דער צווייטער וועלט=מלחמה.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט מענדל רייף זיך איבערגעצויגן פון לעמ=
בערג קיין וואַרשע. נישט זייענדיק באַלאַסטעט מיט קיין שום שול, וואָס
עס האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע ווירקונג אויף זיין שאַפונג, פאַרנעמט ער זיך
ווייטער מיט זיין גראַפישער אַרבעט. עס פלעגט אָבער טרעפן, אַז ער האָט
זיך אָנגעשטויסן אויף טעכנישע שוועריקייטן און ס'איז כמעט זיכער, אַז
דער קינסטלער האָט אפילו נישט באַקענט זיך מיט די קלאַסיקער פון דער
קונסט. ער האָט וואַרשיינלעך נישט געקענט אפילו די באַרימטע סאַטירי=

קער ווי האָגאַרט, גוא, דאָמיער אָדער זשאָרזש גראָש. נישט קוקנדיק הערויף, הגם ער איז געווען אַן אויטאָדידאַקט, האָט מענדל רייף פאַרמאָגט אַ דעליקאַטע ליניע, זייער אַ דינאַמישע און מיט דער הילף פון זיינע צייכענונגען האָט ער ארויסגעשיקט נישט איין טרעפלעכע פייל אין דער ריכטונג פון דער סאַנאַציע און רעאַקציע. מענדל רייף איז טאַקע געוואָרן איינער פון די זיילן פון דעם סאַטירישן זשורנאַל „שפּילקי“, וואָס איז דערשינען אין ווארשע זייט דעם יאָר 1935.

מענדל רייפס צייכענונגען אינעם זשורנאַל „שפּילקי“ זענען געווען אזוי ווי אַן אילוסטראציע פון דער האָפענונגסלאָזער לאַגע פון די עלעמענטן אין דער געזעלשאַפט, וואָס זענען אראָפּגעשטויסן געוואָרן אויפן דנאָ פון לעבן. ער ווייזט צום ביישפּיל אין זיינע צייכענונגען אזא אָפטע אין יענע יאָרן דערשיינונג, ווי אַן עקסמיסיע פון אַן אָרעמער משפּחה, דעם עלנט פון אַ בייגל־הענדלער, נאָך וועלכן עס יאָגן זיך גראַנעטענע פּאָליציאַנטן. ער צייכנט בעטלערס, פּראָסטיטוטקעס און נאָך אזעלכע קרבנות פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. אזוי צ. ב. שטעלט פּאָר איינע פון זיינע צייכענונגען אינעם זשורנאל „שפּילקי“ פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע סצענע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „גאָרנישט“. צוויי פרויען, שכנטעס פון ערשטן שטאָק, פירן צווישן זיך אַ געשפּרעך דורך די אָפענע פענצטער. איינע פון זיי, אָנשפּאַרנדיק די פולכיקע האַנט אויפן פּאַראַפּעט פון פענצטער, פרעגט איר שכנטע: „וואָס קומט דאָ פאָר?“. די צווייטע ענטפערט איר זאַרגלאָז: „גאָרנישט“, און אונטער די פענצטער פון זייער וווינונג ביים טויער שטייט אַן אָרעמע משפּחה מיט 4 קינדער און קוקט זיך צו פארצווייפלט ווי מ'ווארפט ארויס זייער מעבל. אַ צווייטע אילוסטראציע אין די „שפּילקעס“ טראָגט דעם נאָמען „די נייע אָרטאָגראַפיע“ און אַן אונטערקעפל „וואָס ערגער, אַלץ בעסער“. דאָס זענען צוויי בילדלעך איינס נעבן דעם צווייטן, פון וועלכע איינס שטעלט פאָר אַ משפּחה פון אַן אויסגעצערטן ארבעטסלאָזן, וואָס זיצט ביי אַ ליידיקן טיש, און די צווייטע צייכענונג שטעלט פאָר צוויי עלעגאַנט־געקליידעטע פּאָרלעך, וואָס זיצן ביי אַ רייך געדעקטן טיש. די פרויען זענען אָנגעטאָן אין רייכע, טיף דעקאָלטירטע אָוונט־קליידער און די מענער אין פיין אויפגענייטע פראקן. זיי זענען זיך מכבד מיט שאַמפּאַנער־ווייַן און געשמאַקע זיסווארג.

צו דער דאָזיקער סעריע פון רייפס ארבעטן געהערט אויך די סאַטירישע צייכענונג „פּראַארטע“. דאָ ווייזט ער אַ דיקלעכן פּארשוין, וואָס זיצט ביים פענצטער מיט אַ ציגאַר אין מויל. ער באַטראַכט מיט הנאה און מבי=

גות אַ בילד, וואָס ער האָט נאָר וואָס געקויפט. דאָס בילד שטעלט פאָר אַן אָרעמע פרוי מיט א קינד, אונטערן פענצטער שטייט די זעלבע פאר-צווייפלטע פרוי און דריקט צו צום האַרצן דאָס קינד, וואָס איז געצייכנט אויפן בילד. א צווייטע אילוסטראציע אין זשורנאַל „שפילקי" שטעלט פאָר דעם פאשיסט דאָבאָשינסקי, וועלכער, ווי ס'איז באַוווסט, האָט האַרט פארן אויסברוך פון דער מלחמה דורכגעפירט אין איינעם פון די שטעטלעך, וואָס איז באוווינט געווען הויפטזעכלעך דורך יידן, א גראָטעסקאַרטיקן אָבער אויך גרויזאמען פוטש. רייף צייכנט דעם דאָזיקן אָנעראָוויעץ ווי א רויב-ריטער, וואָס טרייבט פאר זיך מיט א רעוואָלווער אין דער האַנט זיין רויב — איין איינציקן יידן.

געלונגען איז אויך די פּאָליטישע צייכענונג, וואָס שטעלט פאָר היטלערן, וואָס פארזייעט א פעלד מיט קליינטשיקע האַקנקרייצלעך. די שכנות-דיקע צייכענונג ווייזט די פרוכט פון דער דאָזיקער פארזייונג — א פעלד, וואָס איז באדעקט מיט קרייצן אויף קברים. איראָניש טראַקטירט רייף די פוילישע אָנהענגער פון היטלערן. ער צייכנט צ. ב. דעם גלח טזשעטשאַק, געקליידט אין א סוטאַננע, ווי ער פארנייגט זיך טיף פאר היטלערס בילד, וואָס הענגט אויף דער וואנט. דער קינסטלער האָט אויך געקאָנט גלענצנדיק אונטערשטרייכן דעם זין פון א סך געצייכנטע סצענעס, באַנוצנדיק זיך מיט זייער געלונגען צוגעקליבענע פאַרבן.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה איז רייף אַלט געווען נישט קיין גאַנצע 30 יאָר. ער האָט אָבער שוין געהאַט הינטער זיך נישט קיין קליינע קינסטלערישע דערפארונג און א גרויסן שעפערישן באַגאַזש. שיין אלס 22-יאָריקער יונגערמאַן האָט ער אויסגעפירט די אילוסטראַציעס צו סטאַווסקיס בוך „אַראַבישע דערציילונגען" און האַרט פארן אויסברוך פון דער מלחמה האָט ער אילוסטרירט דאָס בוך פון איציק מאַנגער „די ווונדערלעכע לעבנס-באַשרייבונג פון אבע אַבערוואַ".*

נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה אין סעפטעמבער 1939 יאָר האָט זיך מענדל רייף אַריבערגעקריגן קיין לעמבערג. ערשט איצט האָט ער פאַר-

---

* די דאָזיקע אילוסטראַציע און אַנדערע צייכענונגען פון מענדל רייף, האָבן אין יאָר 1939 זיך געפינען אויף דער יובליי-אויסשטעלונג פונעם פאַרבאַנד פון יידישע פלאַסטיקער אין פוילן, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין וואַרשע אויף דלוגע.

שטאַנען ווי ווייניק ער און זיינע חברים פּלאַסטיקער האָבן געטאָן, כדי צו באַקעמפן דעם פאַשיזם אין פּוילן, הגם נישט איין צייכענונג זיינע אין די „שפּילקעס“ איז קאָנפיסקירט געוואָרן. אין לעמבערג נעמט זיך רייף צו אַן אינטענסיווער ארבעט. ער איז געווען דער איניציאַטאָר ארויסצוגעבן אין פאַרבאַנד פון די לעמבערגער פּלאַסטיקער א צייטונג און בילדער און האָט אליין אָפט געגעבן זיינע טרעפלעכע סאַטירישע צייכענונגען. ער האָט ארויסגעוויזן דערביי א סך איינפאַלערישקייט און פאַנטאַזיע. ער האָט ריקזיכטלאָז חוזק געמאַכט פון די פערזענלעכע שוואַכקייטן און חסרונות ביי זיינע חברים ווי סנאָביזם, עגאָיזם און אנד. א גרויסע אויפרודערונג האָט צ. ב. ארויסגערופן זיין צייכענונג, וואָס שטעלט פאָר ווי אזוי גרעבנער האָט צעשלאָגן מענדעלסאָנען. ס'איז ווערט זיך א ביסל צו באַקענען מיטן פערסאָנאַזש פון דער דאָזיקער טראַגעדיע. גרעבנער, א דייטשער מאָלער פון דאַנציג, א כלומרשטער אַנטיפאשיסט, האָט זיך אין יאָר 1939 פלוצים באַוויזן אין לעמבערג און האָט זיך איינגעאָרדנט מיטן זיין חבר מענדעלסאָן אין א קליין צימערל אין פאַרבאַנד פון די לעמבערגער פּלאַסטיקער. וועלנדיק אָבער פּטור ווערן פון דעם נישט-באַקוועמען פאַר אים חבר, האָט ער כסדר פּראָוואָצירט פאַרשידענע קריגערייען, וואָס האָבן דערפירט אפילו צו געשלעגן. ס'איז ווערט צוצוגעבן, אז דער זעלבער גרעבנער איז א פּאָר וואָכן פאַרן אריינמאַרשירן קיין לעמבערג פון דער היטלעריסטישער ארמיי פאַרשוווּנדן פון דער שטאָט און זיך באַוויזן אויפסניי צוזאַמען מיט די היטלעריסטישע אָנפאַלער.

מענדל רייף האָט אין זיין צייכענונג געוויזן אַ סצענקע ווי אַזוי דער אויסגעפּאַשעטער גרעבנער פּייניקט דעם אויסגעדאַרטן און אויסגעמאַטערטן מענדעלסאָנען, וועלכער האָט גרעבנערן פילפאַכיק איבערגעשטיגן מיט זיין טאַלאַנט.

אין יאָר 1940 איז מענדל רייף צוזאַמען מיט אנדערע לעמבערגער פּלאַסטיקער פאַרבעטן געוואָרן קיין מאָסקווע, פון וואַנען ער האָט זיך אומגעקערט אַן אַנטציקטער מיט די גרויסע דערגרייכונגען פונעם ראַטנפאַרבאַנד. אין יוני 1941 יאָר האָט זיך רייף געפונען אין לעמבערג, פון וואַנען עס איז אים נישט געלונגען זיך צו עוואַקואירן אין דער טיף פון לאַנד.

ער לעבט איבער דאָס גאַנצע גיהנום פון לעמבערגער געטאָ. ווייסנדיק, אז יעדע מינוט איז זיין לעבן איינגעשטעלט, האָט ער אַ טייל פון זיינע אמאָליקע סקיצן געגעבן צו באַהאַלטן א באַקאַנטן פּוילישן דאָקטאָר, בעטנדיק אים, אז ער זאָל זיי נאָך דער מלחמה איבערגעבן א געהעריקער אינסטי-

טוציע. אזוי ארום האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביז 108 צייכענונגען. דער דאָ־
זיקער דאָקטאָר, דערוויסנדיק זיך נאָך דער מלחמה, אז אין ווארשע איז
געגרינדעט געוואָרן א יידישע געזעלשאַפט צו פארשפרייטן קונסט, האָט
ער דורך דעם פּראָפעסאָר נאַכט־סאַמבאָרסקי איבערגעשיקט רייפס
קינסטלערישע ירושה קיין ווארשע. ביי דער געלעגנהייט האָט מען אויך
איבערגעשיקט אין דער געזעלשאַפט די גראפישע ארבעטן פון א געניאלן
טאַלאַנטירטן 13־יאָריקן לעמבערגער בחור, וואָס האָט אונטערגעשריבן זיי־
נע צייכענונגען מיטן נאָמען פיין.

מענדל רייף איז אומגעקומען, צוזאמען מיט דער מערהייט לעמבער־
גער יידן אין יאָר 1942.

מיטן טויט פון דעם דאָזיקן קינסטלער האָבן מיר פארלוירן איינעם
פון די פיל צוזאָגנדיקע פלאַסטיקער־סאַטיריקער, וואָס האָבן פארמאָגט אן
אייגענעם טאָן, א סך חן און אוממיטלבאַרקייט.

נאַטאַן און אירענאַ ריינגעווירץ

דאָס פּאָרפּאָלק אירענאַ (פון דער היים מיאָטעלקאַ) און נאַטאַן ריינגעווירץ, זענען געווען אַלזייטיק טאַלאַנטירטע פּלאַסטיקער. אירענאַ ריינגעווירץ האָט נאָכן פאַרענדיקן די מיטל־שול פון פּאָפּראַצקען אין וואַרשע, נאָך די שטודיעס אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע, אָנגענומען די אַרבעט אַלס לערערין אין דער זעלבער שול, וווּ זי האָט זיך אַליין געלערנט. שפּעטער, נאָכדעם ווי זי האָט חתונה געהאַט מיט נאַטאַן ריינגעווירץ האָט זי זיך פאַרנומען צוזאמען מיט איר מאַן מיט אַזא געביט פון קונסט, וואָס איז ביז אהער אין פּוילן פאַרנאַכלעסיקט געווען, נעמלעך, מיט פּראָיעקטירן די אינערלעכע איינאָרדענונג פון וווינונגען.

ביידע האָבן זיי אויסגעאַרבעט פּראָיעקטן אי פון עסטעטיש מעבל — ווי טישן, שטולן, שענק אד״גל. — אי זיי האָבן אויסגעפירט, אָדער פּראָיעקטירט פאַרשידענע קעגנשטאַנדן, וואָס האָבן געדינט צו באַפּוצן און מאַכן געמיטלעך די וווינונגען, אין וועלכע דער מענטש פאַרברענגט דאָך די גרעסטע טייל פון זיין לעבן. עס איז צו באַוווּנדערן די גרויסע קינסטלערישע מעגלעכקייטן, וואָס דאָס דאָזיקע פּאָרפּאָלק האָט פאַרמאָגט. זיי האָבן אויסגעפירט האָלצשניטן, צייכענונגען, מאַקאַטן, גאָבעלינען, פאַרשידענע קילימען, האָלצשניטן אויף זיידנס ווי אויך פאַנטאַסטישע אַבאַזשורן, פאַרשידענע דין געשניצטע שקאַטולקעס, געמאָלטע שאַלן אד״גל.

די אויסשטעלונג פון זייערע אַרבעטן אויפן געביט פון קינסטלערישער אָרנאַמענטיק פון זאַכן פאַרן טאָג־טעגלעכן געברויך, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע אין יאָר 1926 אין די זאַלן פון דער יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג. מ׳האָט דאָ דערזען צום ערשטן מאָל סיי עלעגאַנטע, סיי קינסטלעריש קאָמפּאָנירטע אינערלעכע איינריכטונגען פון וווינונגען, אין וועלכע אַלע זאַכן,

8431 — 9

אָנהייבנדיק פון שיינע בילדער, פּרעכטיקע גאָבעלינען און קילימען, ענדיקנדיק מיט דעם קלענסטן שאַכטעלע, איז געווען זייער עסטעטיש און געשמאַק און האָט האַרמאָניזירט מיט דער גאַנצער איינריכטונג פונעם צימער, וואָס איז פּראָיעקטירט געווען דורך די ביידע ריינגעווירצס. דער דאָזיקער פּיאָנערישער אויפטו פון די ריינגעווירצס איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם ווארשעווער פּובליקום, וואָס האָט מאַסנווייז באַזוכט די אינטערעסאַנטע אויסשטעלונג. דאָס אריינפיר־וואָרט צום קאַטאַלאָג פון דער דאָזיקער אויסשטעלונג האָט אָנגעשריבן דער באַקאַנטער ליטעראַט אַנאַטאָל שטערן. די דאָזיקע אויסשטעלונג האָט באַוויזן, אַז מ׳קאָן און מ׳ דאַרף פאַרבינדן די עסטעטיק פון איינצלנע, אויסגעטיילטע קונסט־קעגנשטאַנדן אין אַן האַרמאָנישן איינקלאַנג מיט דעם גאַנצן ארום, און דאָס אַלץ צוזאמען דאַרף באַווירקן דעם עסטעטישן חוש פון מענטשן.

אזוי ארום האָבן די ריינגעווירצס דערהויבן די אָנגעווענדעטע קונסט און אָרנאַמענטיק צו דער מדרגה, וועלכע ס׳האָבן ביז אהער פארנומען די איבעריקע צווייגן פון דער קונסט. זיי האָבן אויסגעפירט דאָס, וואָס עס האָט געפּרעדיקט ציפּריאַן נאָרוויד: „די אויסשטעלונג דאַרף אזוי איינגעאָרדנט ווערן, אז פון דער פּרעכטיקער סטאַטוע ביז דער אורנע, ביז צו א טעלער, א שיין גלאָז, ביז צו א קויש און... אז די גאַנצע צירקולאַציע פון דער אידעע פון שיינקייט זאָל אין דער געגעבענער צייט ארויסגעבראכט ווערן. אז פון דעם גאָבעלין, אויסגעפירט דורך ראפאעלס פּענדזל, פון די זיידענע און אַנדערע שטאָפן ביזן פּשוטן לייוונט, אַז די דאָזיקע גאַנצע גאַמע פון קונסט זאָל ארויסגעהויבן ווערן. דעמלט וועלן די אויסשטעלונגען זיין נוצלעך און וועלן ערלעך אָפּגעשאַצט ווערן. הייַנט איז דאָס דער אידעאַל פון דער מענטשלעכע נשמה“.

דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט איבערגעריסן דעם פּרייידיקן שאַפונגס־פּראָצעס פון די דאָזיקע צוויי טאַלענטירטע מענטשן. וועגן זייער גורל איז גאָרנישט באַוווּסט. ווארשיינלעך זענען ביידע אומגעבראכט געוואָרן דורכן אָקופּאַנט.

עמיל שינאַגעל

עמיל שינאַגעל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1899 אין דאָרף דראָהאָיוו נעבן יאַראָסלאַוו. זיין פאָטער איז געווען יוזעף שינאַגעל און זיין מוטער מינע האָט געשטאַמט פון די גאָלדמאַנס. עמילס פאָטער האָט געהאַלטן אין אַרענדע אַ פאָלוואַרק אין דראָהאָיאָוויצע און שפּעטער, ווען ער האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין קראָקע, האָט ער דאָרט געאַרבעט אַלס באַאַמטער. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ ברייטן זשעסט. ווען ער האָט געהאַט געלט, האָט ער געלעבט ברייט. עס זענען אָבער געווען צייטן, ווען די משפחה האָט געליטן נויט. די משפחה עמילס איז געווען אַ פאָרגעשריטענע, דאָך האָבן זיי אָפּגעהיט די יידישע טראַדיציע. די גאַנצע פאַמיליע איז אויפגעוואַקסן אין דער פּוילישער קולטור. ס'איז אַפילו פאַראַן אַ ווערסיע, אַז סטאַניסלאַוו ווייספּיאַנסקי האָט אַלס מוסטער פאַר דער געשטאַלט פון ראַכעלאַן פאַר זיין דראַמע „די חתונה" גענומען די שוועסטער פון עמילס פאָטער.

עמיל שינאַגעל איז געווען אַלזייטיק פעיק. עס האָבן אים געצויגן די עקזאַקטע וויסנשאַפטן און די פילאָזאָפיע. חוץ דעם האָט ער אַרויסגעוויזן אַ טאַלאַנט צו פאָעזיע, מוזיק און פלאַסטיק. נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע, איז עמיל אַריינגעטראָטן אויפן קראָקעווער אוניווערסיטעט אויף מעדיצין. די דאָזיקע שטודיען האָט ער באַטראַכט ווי אַ צוגרייטונג צו אַ פאַך, וואָס איז אים געפעלן. חוץ דעם האָט ער באַזוכט די לעקציעס פון פילאָזאָפיע און געשיכטע פון קונסט. נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר מעדיצין, האָט ער אַ סך גערייזט. ער איז געווען אין ווין, פאַריז, אַנטווערפּן און אין די אַלע שטעט האָט ער געמאָלט, איבערלאָזנדיק די בילדער ביי זיינע אויסלענדישע פריינד.

אין יאָר 1927 האָט עמיל שינאַגעל איינגעאָרדנט אין קראָקע, צוזאַ-

מען מיטן דיכטער און קראָקעווער מאָלער קאַספּאַר פּאָכוואַלסקי אַ ליטע־ראַרישן אָוונט. ער איז אויפן אָוונט אַרויסגעטראָטן אונטערן פּסעוודאָנים ראַמאַנדאַ. ער האָט דעמלט רעציטירט זיינע אייגענע לידער און פּאָכוואַל־סקי — זיינע דראַמאַטישע שאַפונגען. זיינע פריינד האָבן געזאָגט, אַז ער איז אויך געווען אַ ווירטואָז אין שפּילן אויפן פידל, און אַז פון צייט צו צייט האָט ער אַליין קאָמפּאָנירט מוזיקאַלישע שאַפונגען. אָבער אַ מיייסטן צייט נאָך דער אַרבעט אין שפּיטאָל, האָט ער אָפּגעגעבן אויף מאָלעריי. צוליב דער דאָזיקער ליידנשאַפט זיינער האָט ער אַפילו רעזיגנירט פונעם פאָרשלאַג איבערצונעמען דעם אַמט פון אַ לייטער פונעם קראָקעווער יידישן שפּיטאָל, מורא האָבנדיק, אַז די פליכטן אין שפּיטאָל וועלן אים צונעמען די מעגלעכקייטן צו מאָלן. אַלס דאָקטאָר איז ער געווען זייער אַן איידע־לער מענטש. דער גרעסטער טייל פון זיינע פּאַציענטן האָבן זיך געהיילט ביים אים אומזיסט, נאָכמער, ער האָט אַפילו טיילמאָל געגעבן טייל פּאַ־ציענטן געלט צו קויפן די רפואות. זיינע מאַטעריעלע באַדינגונגען זענען דעריבער נישט געווען קיין איבעריק גוטע. ער איז געווען שטאַרק באַפריינ־דעט מיטן סקולפּטאָר פּיגעט, מיטן גראַפיקער פערסטער, מיט דעם שוין דערמאָנטן קאַספּאַר פּאָכוואַלסקין, מיטן מאָלער נאַכט ווי אויך מיט די חברים פונעם קראָקעווער „זוואָרניק", צו וועלכן אויך ער האָט געהערט.

די קינסטלערישע פּלאַסטישע פאָרם פון עמיל שינאַגעל איז געווען פּאָסט־אימפּרעסיאָניסטיש. דער קינסטלער האָט פּשוט נישט געהאַט קיין צייט אַנדערש אויסצודריקן זיינע שעפערישע קאָנצעפּציעס. די קונסט, פלעגט ער זאָגן, דאַרף נישט שטערן די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט. נאָך אַן אָנגעשטרענגטער אַרבעט פלעגט ער געוויינלעך זיך נעמען אָדער צום פידל אָדער צום פּענדזל.

אין יאָר 1929 האָט מען שינאַגעלס אייגנעלאַדן אָנטיילצונעמען אין דער אַלגעמיינער אויסשטעלונג אין פּויזן. איינע פון די ערנסטסטע פּוילישע אויסשטעלונגען אינעם צווישנמלחמה־פּעריאָד. אין אַ קורצער צייט אַרום איז שינאַגעל אַריינגעטראָטן אינעם פאַרבאַנד פון די קראָקעווער קינסטלער „זוואָרניק". מיט דער דאָזיקער גרופּע שטעלט ער אויס זיינע בילדער אין אַ סך שטעט אין לאַנד.

שינאַגעל האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקע באַציִונג צו דער אַרומיקער ווירקלעכקייט. ווען די פּוילישע רעאַקציע האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט דעם אַזוי־גערופענעם יידישע סטראַגאַן, האָט שינאַגעל אויף איינעם פון

זיינע בילדער פֿאַרגעשטעלט דעם דאָזיקן סטראַגאַן, וועמענס איינקונפֿט האָט קוים געקלעקט אויף אַ נעבעכדיקער אויסהאַלטונג פֿון זיין באַלעבאָס.

ביי שיינאַגעלן טרעפֿן מיר אויך בילדער, וואָס ווייזן די צווייטע זייט פֿונעם מעדאַל. מיר זעען צ. ב. אויפֿן בילד, וואָס טראָגט דעם נאָמען „דאָס אומקערן זיך פֿון אַ פֿאַרהווייַלונג", אַ גרופּע שיכורע גאָלדענע יוגנט, וואָס קערט זיך אום שפּעט ביינאַכט מיט דעם באַרימטן קראָקעווער פֿיאַקר פֿון אַ פֿריילעכער פֿאַרווייַלונג. אַ צווייט בילד א. נ. „דער האַנדלס-פּלאַץ" שטרייכט אויך אונטער דעם געזעלשאַפֿטלעכן מאָמענט.

שינאַגעל, וועלכער האָט אַזוי ליב געהאַט מוזיק און קונסט, האָט אין זיינע ווערק געלאָזט פֿריי זיין פֿאַנטאַזיע. זיין בילד „אַ ווינטער-פֿרימאָרגן אין דער שטאָט" שטעלט פֿאָר אַ גאַס, וואָס שלאָפֿט נאָך און בלויז די לאַמטערן, וואָס לעשן זיך ווי-נישט-ווו, וואַרפֿן אַ פֿאַרשלאָפֿענעם ליכט אויף די הייזער, וואָס טיילן זיך אָפּ אין שאָטן. אין דער מיט פֿון דער גאַס שלעפּט זיך פֿויל אַ פֿיאַקר, אין וועלכן עס איז איינגעשפּאַנט אַ ווייסע דאַרע שקאַפּע. דער שניי צעגייט, בילדנדיק ברודיקע קאַלוזשעס. אינעם פֿיאַקר שאָקלען זיך צוויי יונגעלייט אין האַרטע קאַפּעליושן. נאָך אין אַן אַנדער שטימונג איז דער אָנטרייבער, וואָס זיצט אויף דער קאָזלע. אַן אָנגעכמורעטער, טראַכט ער געוויס וועגן דער נויט, וואָס האָט אים אַזוי פֿרי אַרויסגעטריבן פֿון שטוב.

אין יאָר 1934 שטעלט שינאַגעל אויס אינעם וואַרשעווער איפּס 20 זיינע בילדער אויף פֿאַרשיידענע טעמעס. ס'זענען דאָרט געווען שטאָטישע מאָטיוון און פּייזאַזשן, פּאָרטרעטן, אַקטן, בלומען. צווישן די בילדער האָט זיך אויך געפֿונען אַן אַרבעט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „די קוזשניע". אַלע זיינע בילדער האָט ער געמאָלט מיט אַ באַזונדער געפֿיל פֿון ליבע, אַזוי ווי ער וואָלט זיי געשאַפֿן פֿאַר קראַנקע, וואָס דאַרפֿן האָבן. כדי זיך גוט צו פֿילן, אויך קינסטלערישע איבערלעבונגען.

טיילמאָל האָט די אייַלעניש, אין וועלכער ער האָט געשאַפֿן, נישט דערלויבט אים פֿולשטענדיק צו אַנטוויקלען די קאָנצעפּציע, אָבער דער כאַראַקטעריסטישער פֿאַר זיינע בילדער שטריך פֿון האַרמאָניע פֿלעגט אַפֿילו דעמולט בולט קומען צום אויסדרוק. נישט קוקנדיק אויף דער עפּיזאָדישקייט פֿון דער טעמאַטיק, שטעלן מיט זיך פֿאָר שינאַגעלס בילדער דאָקומענטן פֿון דער צייט.

עמיל שינאַגעל האָט פֿילאָזאָפֿירט נישט בלויז אין זיינע בילדער, נאָר ער האָט נישט איינמאָל אויסגעדריקט זיינע פֿילאָזאָפֿישע קאָנצעפּציעס אין

אַרטיקלען, וואָס זענען געדרוקט געווען אין ליטעראַריש־קינסטלערישע צייטשריפטן. צוו. אַנדערע האָט ער פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1939 אינעם זשורנאַל „גלאָס פלאַסטיקוו" אַ גרעסערן שטודיום איבער סטאַניסלאַוו וויספיאַנסקין. אין דעם זעלבן יאָר גיט איבער דער זשורנאַל „שטוקי פיענקנע", אַז שינאַגעל האָט אָנטיילגענומען צוזאַמען מיטן קראָקעווער פאַרבאַנד פון יידישע קינסטלער פלאַסטיקער אין דער אויסשטעלונג אין קאַטאָוויץ. ס'איז ווערט אויך אונטערצושטרייכן, אַז ער האָט אויך דעקאָרירט אין קראָקע אַ שול, וואָס איז אייגעאָרדנט געווען אין אַ פריוואַטער וווינונג אויף דער שפיטאַלנע גאַס. די סטעלע, אויף וועלכער ער האָט געמאָלט אַ פרעסק־בילד, האָט פאָרגעשטעלט אַ הימל מיט שטערן, וואָס זענען געמאָלט געווען אין אַן אַלעגאָרישער פאָרם.

מיט עמיל שינאַגעלן האָב איך זיך אָפגעטראָפן אין יאָר 1940 אין לעמבערג אין פלאַסטיקער־פאַריין. די שווערע באַדינגונגען, אין וועלכע שינאַגעל האָט געלעבט אין אָנהייב, האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרבעסערן. ער האָט אַפילו אָנגעהויבן צו מאָלן. ווען די היטלעריסטן האָבן אין יאָר 1941 פאַרנומען לעמבערג און ווען עס איז שפעטער געשאַפן געוואָרן דער געטאָ, האָט שינאַגעל באַשלאָסן צו בלייבן מיט דער פאַמיליע אויסערן געטאָ. אויסבאַהאַלטנדיק זיך פאַר דער געסטאַפאָ, האָט שינאַגעל צוזאַמען מיט זיין פרוי און זיין 17־יאָריקן זון וולאַדימיר אַרומגעבלאָנקעט זיך אין משך פון אַ לענגערער צייט אין די הינטערשטאָטישע געגנטן, געפונענדיק דאָ און דאָרט אַ צייטווייליקע באַהעלטעניש. געפונענדיק אַ זיכערע וווינונג, איז דער קינסטלער מייסטנס געזעסן אין דער היים. נישט קאָנענדיק שפילן, האָט ער פאַרפיקסירט זיינע דעמלטיקע איבערלעבונגען אין די צייכענונגען. דאָס זענען געווען משונהדיקע שאַפונגען, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער גרענעץ פון פלאַסטיק און מוזיק: שטימונגספול און כמעט וויזיאָנעריש. זיי האָבן פאָרגעשטעלט די גסיסה פונעם לעבן אויסגעדריקט אין סובטעלע נישט באַשטימטע טאָנאַציעס פון ליניעס, וואָס זענען צעשווומען אין דער אומענדלעכקייט. ווען מען באַטראַכט די צייכענונגען, האָט מען דעם איינדרוק, אַז דער קינסטלער האָט אַזוי ווי מורא געהאַט זיך אויסצודריקן מיט אַ העכערן קלאַנג, עס האָט אויסגעזען ווי דער ריטם פון זיין האַרץ וואָלט כסדר דערשטיקט געוואָרן דורכן שאָטן פון טויט. די דאָזיקע סקיצן האָט שינאַגעל געשאַפן אויסשליסלעך פונדערווייטנס. אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער פון זיין באַהעלטעניש, האָט ער פאַרפיקסירט עפעס אַ סאָסנע, וואָס האָט שימערירט פונדערווייטנס, אָדער אַ הייזל, וואָס

האָט פונדערווייטנס אויסגעזען ווי פאַרנעפּלט, אָדער אַ וועג, וואָס הערט זיך צו צום גערויש פון די בלעטער, צום פייפן פון ווינט. דאָס אַלץ פאַרפּיקסירט ער אין אַן אויסערגעוויינלעך לייכטער, אַזוי ווי שוין נישט רעאַלער, פאָרם.

ווען מען האָט אַנטדעקט שינאַגעלס לעצטע באַהעלטעניש, האָט מען זיי אַרויסגעשלעפּט פון שטוב און אַוועקגעטריבן אין דער ריכטונג צו דער שטאָט. שינאַגעל האָט באַשלאָסן נישט צו לאָזן זיך דערפירן קיין לעמבערג און אפילו אונטער דער דראָונג פון דערשיסן האָבן אים נישט געקאָנט די אוקראַינישע סטראַזשניקעס צווינגען צו גיין ווייטער. דאָרטן טאַקע אויפן וועג איז די גאַנצע משפחה דערשאָסן געוואָרן.

דער זון שינאַגעלס וולאַדעק איז געווען אַזוי ווי דער פאָטער זייער טאַלענטירט סיי אין דער מוזיק, סיי אין דער פּלאַסטישער קונסט.

ער האָט שטענדיק געטראָגן מיט זיך אַ נאָטנהעפט, כדי אויף דער הייסער מינוט צו קאָנען פאַרנאָטירן אַן אינטערעסאַנטע מעלאָדיע. ווען די שינאַגעלס האָבן פאַרלאָזט קראָקע, האָט דאָס ייִנגל מיט זייער אַ גענויקייט ... דיכטן שריפט און קליינטשיקע אותיעלעך באַשריבן די פאַרשידענע איינדרוקן און איבערלעבונגען פון יענער צייט. ווערנדיק אָפּראַטעווען דעם זון, האָט שינאַגעל אים אַריינגעגעבן אין יוני 1941 אין אַ קלויסטער. וולאַדעק האָט אָבער דאָרט נישט לאַנג אויסגעהאַלטן. ער האָט זיך אומגעקערט צו די עלטערן, דערקלערנדיק, אַז ער וויל טיילן זייער גורל און ווען עס וועט נייטיק זיין — שטאַרבן מיט זיי צוזאַמען.

די ידיעות וועגן לעבן פון שינאַגעלן און וועגן זיינע איבערלעבונגען בעת דער אָקופּאַציע האָב איך צו פאַרדאַנקען די דערציילונגען פון זיין ברודער דעם אינזשיניער שינאַגעל, וואָס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אַ דאַנק דער הילף פון אַ געוויסער איידעלער פּוילישער משפחה. דער זעלבער ברודער האָט מיך אינפאָרמירט, אַז עמיל שינאַגעל האָט האַרט פאַר דער מלחמה אַרויסגעגעבן אַ ביכל, וואָס האָט באַהאַנדלט די פראַגן פון פלעגן זייגנדיקע. באַלד נאָך דער מלחמה (אין יאָר 1946) איז דאָס ביכל אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פאָלקס-פוילן, אונטער דער רעדאַקציע פון גאָלאָמב. חוץ דעם זאָל שינאַגעל האָבן געשאַפן אַ ציקל האָלצשניטן אויף דער טעמע „מוטערשאַפט“.

שינאַגעלס בילדער האָבן זיך נאָך פאַר דער מלחמה געפונען אין פאַרשידענע קונסט-גאַלעריען אין לאַנד און אויסלאַנד.

אין אַפּריל 1945, ד. ה. באַלד נאָך דער באַפרייונג פון קראָקע, האָבן

די דאָרטיקע קינסטלער אײַנגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פֿון די בילדער פֿון פּוילישע מאָלער, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע אָקופּאַנטן. צווישן די אַרויסגעשטעלטע עקספּאָנאַטן האָבן זיך אויך געפֿונען דריי בילדער פֿון עמיל שינאַגעל: די אײלבילדער „פּייזאַזש I" און „פּייזאַזש II" און די אַקוואַרעל „אַ פּאָרטרעטן־סקיץ". שינאַגעלס בילדער זענען אויך אויסגעשטעלט געוואָרן אויף דער אויסשטעלונג פֿון די ווערק פֿון ייִדישע קינסטלער־פּלאַסטיקער, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. די אויסשטעלונג איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין יאָר 1948 דורך דער ייִדישער געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרייטן קונסט, וואָס האָט זיך געפֿונען אין וואַרשע אויף שענגנע 60. עס האָבן זיך דאָרט געפֿונען זײַנע בילדער: „די פֿרויען אויף דער פּלאַזשע", „אַ קראָקעווער פּיאַקר". דאָס ערשטע בילד איז געמאָלט אין גרויסן פֿאָרמאַט און איז זייער דעקאָראַטיוו. עס שטייט נאָענט צו די ווערק פֿון פֿראַנצויזישן מאָלער פּווי דע שאַוואַן.

ברונאָ שולץ

ברונאָ שולץ האָט אין זיך פאַראייניקט דעם טאַלאַנט פון אַ פּלאַסטיקער און שרייבער. אַלס שרייבער האָט ער, נאָך מער ווי אין דער קונסט, אַרויסגעוויזן אַ סך פאַנטאַזיע. באַשרייבנדיק אויסטערלישע געשעענישן פון זיין פאַרזשעגלעד לעבן און פון זיין סביבה, האָט ער זיך באַנוצט מיט פאַרפּלאָנטערטע מעטאַפאָרן, פאַרשידענע סימבאָלן און האָט אַרויסגעבראַכט אַ וועלט פון אויסערגעוויינלעכע וויזיעס און וואונדער.

ברונאָ שולץ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1892 אין דראָהאָביטש. זיין פאָטער איז געווען אַ בוכהאַלטער, דערנאָך האָט ער פאַרלייגט אַן אייגן טעקסטיל=געשעפט. אַלס יונגטלעכן האָט ברונאָ שולצן געצויגן מער צו דער קונסט ווי צו זיין טאַטנס געשעפטן. כדי צו קאָנען שטודירן איז ער נאָך פאַר דער ערשטער וועלט=מלחמה אָפּגעפאָרן קיין ווין, וווּ ער איז אין משך פון אַ קורצער צייט געווען אַ סטודענט פון דער ווינער קונסט=אַקאַדעמיע. דער עלטערער ברודער ברונאָס האָט געהאַלטן, אַז דאָס פאָרען זיך מיט דער קונסט וועט ברונאָן נישט פאַרזיכערן קיין עקזיסטענץ און האָט אים געראַטן אַוועקוואַרפן זיינע קונסט שטודיען און זיך פאַרנעמען מיט שטודירן אַרכיטעקטור.

ברונאָ פאַרלאָזט ווין, פאָרט אָפּ קיין לעמבערג און טרעט אַריין אין דאָרטיקן פּאָליטעכניקום. ער איז אָבער געווען אַ קרענקלעכער בחור און אינקורצן רעזיגנירט ער אויך פון די דאָזיקע שטודיען. עס איז אויסגעבראָכן די וועלט=מלחמה. די גאַנצע וועלט איז געשטאַנען אין פלאַמען. אויך ברונאָ שולץ האָט אַ סך איבערגעלעבט. דער שטורעם, וואָס האָט זיך דערטראָגן, האָט געמוזט אַרויסרופן אַ שטאַרקע אויפטרייסלונג ביי אים, ווייל פון דעמלט אָן ווייזט זיך אים אויס, אַז די וועלט איז נישט נאָרמאַל, קראַנק און אַז זי איז אַראָפּ פון גלייכן וועג. ער קוקט זיך צו

צום אומצוטרוי, וואָס הערשט צווישן די מענטשן און פון דער צווייטער זייט פילט ער, אַז עפּעס, וואָס איז שטאַרקער פון זיי, ציט איינעם צום צווייטן. אַלץ, ווייזט זיך אים אויס, קומט פאָר אַזוי ווי אויף דער שאַרף

פֿון מעסער. פֿאַר זיינע אויגן גייען אויף בילדער, באַלויכטענע מיט בליצן פֿון סאַרקאַזם, און אַזעלכע, וואָס זענען גראָטעסקאַרטיק אין זייער ערנסטקייט. צוליב דער דאָזיקער היפּער־עמפּינדלעכקייט זיינער פֿאַלט ברונאָ שולץ אַריין אין אַ צושטאַנד פֿון עקסצענטרישקייט. עס טרעטן ביי אים אַרויס צוויי שטריכן, וואָס לאָזן זיך נישט פֿאַראייניקן: פֿון איין זייט ברוטאַלקייט, פֿון דער צווייטער זייט עפּעס אַ בלוטלאָזע אַפּאַטיע צו אַלץ און צו אַלעמען.

די גראַפֿישע מאָטיוון ביי שולצן זענען אַמייסטן זייער קאָמפּליצירט, די אַרויסגעבראַכטע געשטאַלטן זענען גרענעצלאָזע שקלאַפֿן פֿון זייערע אַפֿעקטן, וואָס דערפֿירן זיי צו די דראַסטישסטע עקסטרעמען. די פּראָבלעמען, וואָס שולץ באַהאַנדלט, דאָס זענען הויפּטזעכלעך עפּעס קרענקלעכע שטימונגען און צושטאַנדן, פֿון וועלכע ס'איז נישטאָ קיין אויסוועג. דאָך פֿילט זיך אין די גראַפֿישע אַרבעטן זיינע עפּעס אַן אומרואיקייט און מיטגעפֿיל פֿאַר די מענטשלעכע ליידן און וועלכער פֿאָרם זיי זאָלן זיך נישט אויסדרוקן. דער קינסטלער אָבסעווירט אויפֿמערקזאַם זיינע אָביעקטן, יעדן ציטער זייערן און זייער כסדרדיק ראַנגלען זיך אינעם לאַבירינט פֿון די פֿאַרשידנסטע לעבנס־באַדינגונגען. לויט זיין אופֿן פֿון שאַפֿן שטייט שולץ נאָענט צו טעאָדאָר אַמאַדעוש האָפֿמאַן (1776—1822).

האָפֿמאַן איז געווען אַ דיכטער און אַ צייכענער, וועלכער האָט אילוסטרירט זיינע אייגענע פֿאַנטאַסמאַגאָריעס און איינפֿאַלן. להיפּוך אָבער צו די נאַיוו־פּאָעטישע דערציילונגען פֿון האָפֿמאַנען — זענען די קאָשמאַרפֿולע וויזיעס פֿון שולצן פֿאַראָדיעס פֿון דער ווירקלעכקייט.

אַ פּאָר יאָר פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ברונאָ שולץ געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט אַדאַנק זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן: „די צימערינג־געוועלבער“ און „די סאַנאַטאָריע אונטער דער קלאַפּסידרע“. ביידע ביכער האָט ער אַליין אילוסטרירט, שאַפֿנדיק אַ ציקל פֿון פֿאַנטאַסטיש־גראָטעסקאַרטיקע צייכענונגען. דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון שולצס שאַפֿן איז דער געמיש פֿון ווירקלעכקייט מיט פֿאַנטאַזיע, דערביי זענען די דאָזיקע צוויי עלעמענטן אַזוי ענג צונויפֿגעפֿלאָכטן, אַז ס'איז שווער אָפּצושאַצן די שאַפֿונג פֿונעם קינסטלער לויט די אַלגעמיין אָנגענומענע קריטעריעס.

אַלץ וואָס דער דאָזיקער שרייבער און קינסטלער שאַפֿט שפּאַרט

זיך פונדעסטוועגן אָן אויף דערווירקלעכקייט. אַ סך פון זיינע שאַפונגען זענען ענג פאַרבונדן מיט זיינע ריין פּערזענלעכע איבערלעבונגען. ער ווייזט אונדז אָפט די מיטגלידער פון זיין משפחה, ובאַזונדערס דעם פאָטער זיינעם, וועמענס געשטאַלט ער פאַרקאָמפּאָנירט אין עפּעס אויסטערלישע, פאַנטאַסטישע געשעענישן. אין איינער פון זיינע נאָוועלן דערציילט שולץ, ווי אַזוי איינמאָל האָט די מוטער אריינגעבראַכט אַ שיסל מיט אַן אָפּגעקאָכטן ראַק און ווען זי האָט די שיסל אַוועקגעשטעלט אויפן טיש, האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז... זיין פאָטער. אַזעלכע אויסטערלישע, גראָטעסקאַרטיקע געשיכטעס, וואָס טרעפן זיך אָפט אין זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען, דערמאָנען די פאַנטאַסטישע דערציילונגען פון עדגאַר פּאָ, אַלפרעד קובין און ט. א. האָפמאַן.

אין יאָר 1937 האָט די פוילישע אַקאַדעמיע פאַר ליטעראַטור אויסגעצייכנט ברונאָ שולצן אַלס איינעם פון די אָנגעזעענסטע פוילישע שרייבער. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז זיין ליטעראַרישע שאַפונג געווען ענג פאַרבונדן מיט דער גראַפישער. שולץ האָט געשאַפן זייער אַ סך גראַפישע אַרבעטן. אין יאָר 1930 האָט שולץ באַקומען פון דער קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע אַ צייגעניש, אַז אים איז דערלויבט צו לערנען צייכענען אין די מיטלשולן. שולץ האָט טאַקע זיך פאַרנומען אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה מיט לערנען צייכענען די שילער פון דראָהאָביטשער גימנאַזיע. זיין באַציונג צו זיינע תלמידים איז געווען זייער אַ האַרציקע און חבֿרישע. די לעקציעס פון צייכענען זענען געוואָרן די אָנגענעמסטע פאַר די שילער פון דער גימנאַזיע. נישט איינמאָל פלעגט ער מסתמא דערציילן זיינע שילער, טייל פון זיינע פאַנטאַסטישע איינפאַלן, חוץ דעם האָט ער זיך באַצויגן זייער טאָלעראַנט צו די תלמידים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין ספּעציעלע נייגונג צו צייכענען — ער האָט זיי פשוט באַפרייט פון די לעקציעס. דערפאַר אויב ער האָט באַמערקט ביי עמעצן אַ באַזונדערן חשק צום צייכענען, האָט ער זיך וואַרעם פאַרנומען מיט אים און אים געבילדעט.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה, האָבן זיך געדרוקט אינעם זשורנאַל „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע“ אין דער אָפּטיילונג פאַר פעליעטאָנען זיינע אייגנהענטיק אילוסטרירטע דערציילונגען. אַזעלכע נאָוועלן האָבן זיך אויך באַוויזן אין אַנדערע צייטשריפטן. די גראַפישע אַרבעטן שולצס זענען אויסגעשטעלט געווען אויף די אויסשטעלונגען פון גראַפיק אין לעמבערג, קראָקע און אַנדערע שטעט פון פוילן. שולץ האָט אויך

אילוסטרירט ווערק פון אַנדערע שרייבער, צווישן אַנדערע "פּערעדידורקאַ" פון גומבראָוויטש.

אין יאָר 1930 האָט שולץ אָנטיילגענומען אין דער אויסשטעלונג פון אַ גרופּע קראָקעווער יידישע קינסטלער אין דעם האָרטיקן אַקאַדעמישן הויז.

דער סעפּטעמבער 1939 האָט ב. שולצן געטראָפן אין זיין געבוירן־שטאָט, וווּ ער האָט דעמולט פאַרנומען דעם אַמט פונעם הויפּט־ביבליאָטעקאַר אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק. אין יאָר 1940 האָט שולץ אָנטיילגענומען אין דער לעמבערגער אַלגעמיינער אויסשטעלונג פון פּלאַסטיקער. זיינע גראַפישע אַרבעטן האָבן זיך אויך באַוויזן אין כאַרקאָוו און אין קיעוו צוזאַמען מיט די אַרבעטן פון די אַנדערע לעמבערגער קינסטלער.

נאָך יוני 1941 האָט שולץ צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע יידן געמוזט טראָגן אַן אָרעמבאַנד און אַריבערטראָגן אַלע דערנידערונגען און מאַטערנישן, וואָס די היטלעריסטן האָבן נישט געקאַרגט דער יידישער באַפעלקערונג. סוף כל סוף איז שולץ געפאַלן אַ קרבן פון אַ קריגערייַ צווישן צוויי דייטשן. איינער פון זיי אַ ווינער מיטן נאָמען לאַנדאַו האָט באַשעפטיקט שולצן ביים אויספירן פאַרשידענע גראַפישע אַרבעטן. אַ פּערזענלעכער שונא פון לאַנדאַו — דער געסטאַפּאָוויעץ גינטער, טרעפנדיק דעם 19 נאָוועמבער 1942 אויף דער גאַס שולצן און וועלנדיק זיך נוקם זיין אין לאַנדאַוען, האָט ער אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און שולצן דערשאָסן אויפן אָרט.

משה שוואַנענפעלד

משה שוואַנענפעלד איז געבוירן געוואָרן דעם 22 מאַי 1907 אין פשעמישל. לויט די אַקטן פון דער קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע איז ער געווען אַ געוויינלעכער סטודענט פון דער דאָזיקער אַקאַדעמיע אין די יאָרן 1928—1933. אין אָנהייב האָט ער באַזוכט די אַלגעמיינע קורסן פון צייכענען, אָבער שוין ביים סוף פון ערשטן האַלבן יאָר איז ער איבערגעגאַנגען אין דער אָפּטיילונג פאַר סקולפּטור, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט דער פּראָפּ. קסאַווערי דוניקאָווסקי. שוין אין ערשטן האַלבן יאָר האָט ער באַקומען אַן אויסצייכענונג פאַר אַ קאָנקורס־אַקט און צום סוף פון צווייטן האַלבן יאָר האָט ער באַקומען אַ געלט־פּרעמיע פאַר דער גאַנצער אַרבעט אין משך פון יאָר אין דער אַקאַדעמיע, ווי אויך אַ פּרעמיע פאַר אַ צייכענונג. אויך אין שול־יאָר 1931—32 האָט ער אין ערשטן האַלבן יאָר באַקומען אַ געלט־פּרעמיע און אין צווייטן אַן אויסצייכענונג פאַר דער אַרבעט אין משך פון גאַנצן יאָר.

משה שוואַנענפעלד האָט געשטאַמט פון אַ פּשוטער אָרעמער יידישער היים. זיי האָבן געוווינט אין דער פאָרשטאָט פון פשעמישל. פון די יינגסטע יאָרן האָט דאָס יינגל געפילט דעם טעם פון אַ שווער לעבן. כדי מיט עפּעס אַרויסצוהעלפן די עלטערן, איז משה געצווונגען געווען זיך צו נעמען צו יעדער אַרבעט, וואָס איז נאָר אונטערגעקומען. ס'איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס דער יונגער בחור האָט מיטן גאַנצן האַרצן געשטרעבט זיך אַרויסצורייסן פונעם ענגן קרייז פון די הילצערנע הייזלעך אין דער פאָרשטאָט, וואָס זענען פול געווען מיט ליארעם און געקריגערייען. עס האָט אים געצויגן צו דער נאַטור, אין וואַלד אַריין ביים סאַן. ער פלעגט טיילמאָל מקנא זיין די קינדער, וואָס האָבן צייט זיך צו שפּילן אויף דער פּלאַזשע, האָבן אַ רואיק לעבן, מען זאָרגט זיך פאַר זיי. ווען ער

פלעגט האָבן אַ פרייע מינוט זיך אַרייַנצוכאַפּן אין שטאָט, האָט ער זיך אינטערעסירט מיט אירע אַלטערטימלעכקייטן, מיט די קירכעס און שולן. אַלץ, וואָס איז אים געפעלן, פלעגט ער פאַרפיקסירן אין זיין סקיצ־ביכל. אינטעלעקטועל איז ער געווען גוט אַנטוויקלט. ער האָט געהערט צו דער קאָמוניסטישער יוגנט.

ווען מיר באַטראַכטן דאָס לעבן פון טייל גרעסערע קינסטלער, איז נישט שווער פעסטצושטעלן, אַז דער שווערער קאַמף, וועלכן זיי האָבן דורכגעמאַכט אין זייערע יונגע יאָרן, האָט אויסגעפאָרמירט זייערע כאַראַקטערן, זיי זענען געוואָרן מענטשן טיפערע, ערנסטערע, מער פאַרהאַרטעוועטע, זיי האָבן געדענקט קאָנקרעטער, ווי זייערע חברים פון די בורזשואַזע קרייזן. אַזוי איז אויך געשען מיט שוואַנענפעלדן. אין די יאָרן ווען שוואַנענפעלד האָט זיך געלערנט אין דער קראָקעווער אַקאַדעמיע, האָט דער נאַציסטישער כּח שוין אָנגעהויבן אַרייַנצודרינגען אין די פוילישע הויכשולן. ער האָט אויך נישט געשוינט די קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע. טייל פראָפעסאָרן זענען אויך אַרונטערגעפאַלן די דאָזיקע שטימונגען, און צוליב דעם האָבן זיי זיך נישט גערעכט באַצויגן צו די יידישע סטודענטן. שוואַנענפעלד, וועלכער האָט געפירט אַ לעבהאַפטע אַגיטאַציע פאַר די פּראָגרעסיווע אידעען, איז אַרעסטירט געוואָרן. ער האָט געהאַט דעם מוט צו קומען אויף אַן ענדעקישער פאַרזאַמלונג און אפילו פאָדערן אַ וואָרט. מען האָט אים געוואָלט באַזייטיקן פון זאַל און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אויסגעבראָכן א געשלעג, בעת וועלכן די לינק־געשטימטע קינסטלער זענען צעשלאָגן און פאַרוווּנדעט געוואָרן.

נאָך די דאָזיקע געשעענישן האָט זיך שוואַנענפעלד איבערגעטראָגן אויף דער אָפּטיילונג פון סקולפּטור, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט דער פּראָפעסאָר דוניקאָווסקי. אונטער דער אויפזיכט פון דעם דאָזיקן באַרימטן פוילישן סקולפּטאָר האָט שוואַנענפעלדס טאַלאַנט זיך צעבליט. ער פאַרפולקאָמט זיך נישט נאָר טעכניש, נאָר די ארבעטן פון דעם יונגן סקולפּטאָר באַקומען אַלץ מער אייגנאַרטיקע שטריכן. ער מאָדעלירט אין ליים און אין האָלץ. דוניקאָווסקי איז אַזוי צופרידן פון זיין שילער, אַז ער סטאַרעט זיך אויס פאַר אים אַ פאָר־חדשימדיקע סטיפּענדיע. דאָס דערמעגלעכט אים אַרויסצופאָרן אויף ווייטערדיקע סטודיעס קיין פּאַריז, אָבער דאָס סטייעט אים נישט צו לעבן אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי עס איז פּאַריז. כּדי צו קאָנען ווי ס'איז זיך אויסהאַלטן, גיט ער אָפּ אַ סך צייט אויף אויספירן באַפוצונגען צו פאַסקעס, וועלכע עס האָט

פּראָדוצירט אַ געוויסע פֿאַריזער פירמע. אין דער פריִער צייט פֿאַרנעמט ער זיך פליישיק מיט סקולפּטור.

אין יאָר 1936 קערט זיך דער קינסטלער אום קיין קראָקע, ווו ער געניסט ווייטער פון דער גוטער באַציִונג צו אים פון זיין פּראָפעסאָר, דעם מייסטער דוניקאָווסקי. אויך זיינע חברים האָבן אויפגענומען מיט פרייד די ידיעה וועגן זיין צוריקקומען קיין קראָקע.

שוואַנענפעלד איז געווען זייער אַן אַרבעטזאַמער און יעדע באַאַר־בעטע פּראָבלעם האָט ער לאַנג און טיף דורכגעטראַכט. אין יעדער סקולפּ־טור האָט ער געשטרעבט אויסצודריקן וועלכן ס'איז געזעלשאַפטלעכן מאָמענט. ער איז געווען אַן אָפּטימיסט און געגלויבט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס וועט סוף כל סוף אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם דרוק פון די עקספּלואַ־טאַטאָרן און דעמלט וועט אויך פאַר דער קונסט קומען אַ צייט פון פרייען פאַנאַנדערבליִ. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין יעדן פּעריאָד פון קלאַסן־קאַמף דאַרף מען שאַפן רעאַליסטישע ווערק, וועלכע זאָלן וועקן ביים אַרבעטער־קלאַס דעם מוט צו טאַט, די האָפענונג אויף אַ בעסערע צוקונפט. שוואַנענפעלד האָט טאַקע געהערט צו די קינסטלער, וועמענס אַרבעטן עס האָבן פאַרמאַגט הומאַניטאַרע טענדענצן. חוץ דעם האָט ער גרויס אַכט געלייגט, אַז זיינע סקולפּטורן זאָלן אויסגעפירט ווערן פּינקטלעך, זיי זאָלן נישט האָבן קיין פעלערן אָדער סימנים פון וועלכער ס'איז קרענקלעכקייט. ער האָט דעריבער געזאָרגט פאַר דער ריטמישער און רעגלמעסיקער ליניע פון דער צייכענונג. דערביי האָט ער געהעריק אָפּגעשאַצט די טעכניש־באַלמעלאָכישע באַהערשונג פון דעם באַאַרבעטן קעגנשטאַנד.

ער האָט זייער הויך געשעצט די פראַנצויזישע קונסט, ער האָט גע־אַכטעט אַזעלכע סקולפּטאָרן ווי זשאַן א. הידאָן (1741—1828) דעם גע־ניאַלן שעפער פון ביוסטן פון וואָלטערן און רוסאָ, דאַוויד דע אַנזשערס (1789—1856), דעם פריינד פון געטען און מיצקעוויטשן און פון די היינטצייטיקע סקולפּטאָרן דעספּיאָ און מאַיאָל.

אָבער שוואַנענפעלד האָט אין זיינע וויזיעס געזען אַנדערע געשטאַלטן ווי די פראַנצויזן, אַנדערע כאַראַקטערן, סיטואַציעס. דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט שאַפן, האָט באַדאַרפט אָפּשפּיגלען דאָס פּוילישע לעבן מיט זיינע עמאָציאָנעלע אויסלאָדונגען און אייגנאַרטיקייט, מיט זיין ערד און פּיי־זאַזש. אין דעם פּרט איז פאַר אים געווען אַ וועגווייזער און אַ מוסטער דער פּוילישער מייסטער קסאַווערי דוניקאָווסקי. און דעריבער האָט שוואַ־

געפֿעלד, פּונקט ווי ער, לאַנג און מיזאַם מאָדעלירט זײַנע סקולפּטורן אײדער ער האָט זיך דעצידירט זיי צו ווײַזן עפֿנטלעך. אין יאָר 1938 באַווײַזן זיך צום ערשטן מאָל שוואַנענפֿעלדס אַרבעטן אויף דער אויסשטעלונג פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרייטן קונסט אין וואַרשע. זומער 1939 שטעלט ער אויס אין קראָקע אין פּאַלאַץ פֿון קונסט אַ גרויסע סקולפּטור, וואָס שטעלט פֿאָר אַ פֿרויען־געשטאַלט. די דאָזיקע אַרבעט האָט זיך דערוואָרבן גרויס אָנערקענונג סיי אין די קינסטלערישע קרײַזן, סיי בײַם פּובליקום.

אין אָקטאָבער 1939 איז שוואַנענפֿעלדן געלונגען זיך אַריבערצוכאַפּן קיין לעמבערג. דאָ האָט ער זיך תּיכף גענומען צו קינסטלערישער און געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. ער איז געוואָרן אַן אינספּעקטאָר פֿון דער מאָלער־ און סקולפּטור־שול פֿון ראַיאָן און האָט אויך אָנגעפֿירט מיט דעם סקולפּטור־קלאַס בײַ דער וואָיעוואָדישער אָפּטיילונג פֿון קונסט. ער האָט שטאַרק אויפֿגעהויבן דעם קינסטלערישן ניוואָ פֿון דער דאָזיקער אָפּטיילונג. עס האָבן דאָרט געאַרבעט איבער 20 סקולפּטאָרן, צווישן זיי טייל חברים זײַנע פֿון דער קראָקעווער אַקאַדעמיע. נאָך יוני 1941 האָט שוואַנענפֿעלד זיך אײַנגעאָרדנט אויף אַ דירה נאָענט פֿון די באָיאַרסקיס, די עלטערן פֿון זײַנס אַ געוועזענער חברטע, מיט וועלכער ער האָט צוזאַמען שטודירט אין קראָקע, די פֿרוי באָיאַרסקאַ־פּליסאַקאָוואַ. די דאָזיקע משפּחה האָט זיך זייער האַרציק פֿאַרנומען מיט דעם קינסטלער, העלפֿנדיק אים מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. שוואַנענפֿעלד האָט אַזוי ווי טויזנטער אַנדערע מענטשן באַמיט זיך אַריבערצוקריגן אין ראַטנפֿאַרבאַנד. עס איז אים געלונגען זיך צו דערשלעפּן בלויז ביז טאַרנאָפּאָל, ווײַל ער האָט געהאַט אַזעלכע שטאַרק פֿאַרוווּנדעטע פֿיס, אַז ער האָט נישט געקאָנט גיין ווײַטער. ער האָט זיך דעריבער אומגעקערט קיין לעמבערג. ווי עס דערמאָנט די סקולפּטאָרן באָיאַרסקאַ־פּליסאַקאָוואַ, האָט איר מוטער אים לאַנג געהיילט די דאָזיקע וווּנדן. מ'האָט זיך אויך ווײַטער געזאָרגט פֿאַר אים, ווען ער איז געווען געצוווּנגען זיך אויסצובאַהאַלטן.

אין יולי פֿון דעם יאָר, איז ער אַרײַנגעקומען צו די באָיאַרסקיס צום לעצטן מאָל. ווײַזט אויס, אַז קורץ נאָכדעם איז ער אַרויסגעשלעפּט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און דערמאָרדעט געוואָרן.

אין דער פּערזאָן פֿון משה שוואַנענפֿעלדן איז אומגעקומען אַ הויך טאַלאַנטירטער סקולפּטאָר פֿון פּוילן.

8431 — 10

נאָרבערט שטראַסבערג

נאָרבערט שטראַסבערג האָט געשטאַמט פון לעמבערג פון אַן אָרעמע־יידישער היים. שוין פון די יונגסטע יאָרן אָן האָט ער אויף זיך געפילט די פאָלגן פון זיין אָפּשטאַם אַלס ייד און פון זיין געזעלשאַפטלעכער אָנגעהעריקייט. זיין שטוב און די מאַטעריעלע באַדינגונגען האָבן אים אוממעגלעך געמאַכט צו לעבן אין הסכם מיט זיין באַרוף. פאַר זיין שטענדיקער שטרעבונג צו שיינקייט האָט ער געמוזט תמיד צאָלן מיט בימערניש. ער האָט זיך באַרואיקט נאָר דעמלט, ווען ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַטראַכטן שיינע בילדער. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון זיין היים האָט פון דער דאָזיקער שוואַכקייט זיינע נישט געוואָרט וויסן. פון די יינגסטע יאָרן אָן האָט ער פאַרמאָגט וווּנדערבאַרע פעיקייט צום צייכענען. זיינע גראַפישע אַרבעטן האָבן געהאַט אַן איידעלע ליניע און אַ דינאַמישן שניט. דער באַקאַנטער לעמבערגער מאָלער סיכולסקי, זייענדיק פאַרכאַפּט מיט שטראַסבערגס טאַלאַנט, האָט זיך פאַרנומען מיט אים. די שאַפונג פון נאָרבערט שטראַסבערג איז געווען גאָר פון אַן אַנדערן מין ווי סיכולסקיס. אין דער צייט, ווען ביי שטראַסבערגן האָט דאָמינירט אַ שווערער, מאָנומענטאַלער שטריך און דערביי אַ מיסטיש־סימבאָלישער, איז סיכולסקיס שטריך געווען גיכער אַ לירישער, לייכטער און מייסטנס אַן אימפּראָוויזירטער. שטראַסבערגס צייכענונגען, וואָס זענען אויסגעפירט געווען אָדער אין טוש אָדער מיט אַ שוואַרצער קרעדקע האָבן באַאומרואיקט מיט זייער דעמאָנישער פּאַסיע, וואָס האָט געווירקט, אַז דער מאָטיוו האָט צעזעצט די ראַם פונעם בילד.

די הויפּט־טעמאַטיק פון שטראַסבערגס גראַפיק זענען געווען קליינשטעטלדיקע יידן, ישיבה־בחורים, יידן לערנער, מיט איין וואָרט, יידן, וואָס זענען פאַרגליווערט געוואָרן אין זייער פאַנאַטיזם. שטראַסבערג

ברענגט זיי אַרויס אין אַ דיאַמענט־שוואַרצער קאָליר, וואָס שניידט זיך מוראדיק אָפּ פונעם ווייסן קאַרטאָן. אַזוי צ. ב. איז זיין בילד, וואָס שטעלט פאָר צוויי יונגע ישיבה־בחורים, וואָס זענען דורכגענומען מיטן עקסטאַז פון דער תפילה, זייער סוגעסטיוו. באַטראַכטנדיק דאָס בילד, האָט מען דעם איינדרוק, אַז ביידע געשטאַלטן הייבן זיך אויף אין דער הויך אויף די פליגל פון זייער עקזאַלטאַציע. ס'האָט אויסגעזען אַזוי ווי דער קינסטלער וואָלט געשאַפן זיין קאָמפּאָזיציע אין צושטאַנד פון עפּעס אַ טראַנס, זייענדיק אונטער דעם שטאַרקן איינדרוק פון דער באַגייסטערנדיקער מוזיק פון באַכן, אָדער די פוגעס פון הענדלער און מאהלער. א געוויסע צייט, ווען שטראַסבערג האָט שוין שטודירט אויף דער קראָקעווער קונסטאַקאַדעמיע, איז ער אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פונעם סקולפּטאָר שוקאַלסקי, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון אַמעריקע און האָט געשאַפן פאַנטאַסטישע, אינהאַלטסלאָזע סקולפּטורן, אַזוי ווי פוסטע באַנקעס. ער האָט מיט זיין קונסט אויסגעאיבט אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויף אַ סך פוילישע קינסטלער, שוקאַלסקי האָט געפּרעדיקט אַבסורדאַלע טעאָריעס וועגן נייע פאָרמען אין דער פּלאַסטיק, אַליין האָט ער דאַקעגן געשאַפן עקלעקטיש. שוקאַלסקיס ווירקונג אויף שטראַסבערגן איז נישט געווען קיין דויערהאַפטע און האָט נישט איבערגעלאָזט קיין טיפע שפּורן אויף זיין שאַפונג. שטראַסבערג איז געווען אַ צו שטאַרקע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט דיספּאָנירט מיט אַן אייגענער פאָרם אינעם אויסדרוק פון זיינע מאָטיוון, אַז ער זאָל אויף אַ לענגערע צייט אַרונטערפאַלן אונטער אַ צווייטנס ווירקונג.

בעת דער מלחמה האָט זיך שטראַסבערג אומגעקערט פון קראָקע קיין לעמבערג און האָט דאָ גענומען אַ לעבהאַפטן אָנטייל אינעם קינסטלערישן לעבן פון דער שטאָט. שפּעטער איז ער אַריינגעטראָטן אין דער רויטער אַרמיי און האָט געקעמפט קעגן די היטלעריסטן. וואַרשיינלעך איז ער געפאַלן אין קאַמף.

יוזעף שליוואָניאַק

יוזעף שליוואָניאַק איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1899 אין קיעוו. נאָך אַלס קינד איז ער צוזאַמען מיט זייַנע עלטערן אָנגעקומען קיין וואַרשע. מיט זייַן הויכער, שלאַנקער פיגור, שטענדיקן שמייכל און גוטן הומאָר האָט ער אויסגעזען אויף אַ מענטשן, וואָס דאַרף זייַן גליקלעך אין לעבן. שליוואָניאַק איז געווען אי אַ מאָלער, אי אַ צייכענער, אָבער הויפּטזעכלעך האָט ער זיך פאַרנומען מיט מעטאַלאָ־פּלאַסטיק. אַלע אַרבעטן, וואָס זענען אַרויס פון אונטער זייַנע הענט, זענען געווען האַרמאָנישע, מילדע, האָבן פאַרמאָגט די געהעריקע מאָס און עפּעס אַ פייערלעכע ערנסטקייט.

די שאַפונג פון שליוואָניאַקן איז געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: פון איין זייט האָט ער זיך פאַרנומען מיט פּאָרטרעטן און קאָמפּאָזיציעס, פון דער צווייטער זייט האָבן אים אינטערעסירט ייִדישע מאָטיוון, און אויף דער דאָזיקער טעמע פונעם לעבן פון די פּוילישע ייִדן האָט ער אימפּראָוואָזירט אַ סך סצענעס. צו די אַרבעטן פונעם ערשטן מין געהערן אַקטן, פּאָרטרעטן, ווי אויך פאַרשידענע פיגוראַלע קאָמפּאָזיציעס. דאַקעגן צו די בילדער, אין וועלכע ער ברענגט אַרויס דאָס לעבן פון ייִדן, געהערן די אַרבעטן ווי: די ייִדישע חתונה, שמחת־תורה, פּורים און אַנד. חוץ דעם האָט ער אַרויסגעבראַכט ייִדן ביי דער אַרבעט, בעטלער און דגל.

שליוואָניאַק האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרקן געפיל פאַר דער שיינקייט פון פאַרשידענע דערשייַנונגען פון פאָלקס־שטייגער. צוליב דעם טאַקע האָט ער אויסגעפירט אַ סך אַרבעטן מיט אַ פאָלקלאָריסטישער טעמאַטיק. ער האָט אויך געאַרבעט פאַר ייִדישן טעאַטער, שאַפנדיק דעקאָראַציעס פאַרן טעאַטער „אַזאַזעל“, „ווילנער טרופּע“ און „וויקט“. פאַר דעם לעצטן טעאַטער האָט ער געשאַפן (אין פאַרשטענדיקונג מיט אידאַ קאַמינסקאַ און ראָטבוים) דעקאָראַציעס און פּראָיעקטן פון קאָסטיומען



אַ גרופּע ייִדישע קינסטלער בײַם ברונעם אויפֿן קוזמירער מאַרק.
פֿון לינקס אויף רעכטס: שליוויניאַק, באַרטשינסקי, בראַונער, שפּיגעל
נאַטאַן קאָזשען, טראַכטער.

פאַר גאָלדפאַדענס פיעסע „לא תחמוד“ (רעזשיסירט דורך זיגמונט טורקאָוו), ווי אויך פאַר דער פיעסע פון אָ׳נעילן, רעזשיסירט דורך א. טייטעלבוימען.

ביז יאָר 1939 האָט יוזעף שליווניאַק אויסגעשטעלט זיינע אַרבעטן אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט אין פוילן. צווישן אַנדערע האָט ער איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון זיינע אַרבעטן אינעם קונסט-סאַלאָן פון גאַרלינסקי אויף דער מאַזאָוויעצקאַ-גאַס. ער האָט געהערט צום אָרגאַניזיר-קאָמיטעט אין זשורי פון דער יוביליי-אויסשטעלונג פון פאַרבאַנד פון יידישע פלאַסטיקער, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין וואַרשע פרילינג פון יאָר 1939.

אין געטאָ האָט שליווניאַק אין אָנהייב געהערט צום יידישן קולטור-ראַט, שפּעטער איז ער אויך געווען אַ מיטגליד פון דעם קינסטלער-קאָאָפּעראַטיוו אויף מילע 9. אינעם טראַגישן אויגוסט פון יאָר 1942 איז יאָנאַס טורקאָוו געווען אַן עדות, ווי אַזוי מ׳האָט שליווניאַקן, צוזאַמען מיט אַנדערע וואַרשעווער קינסטלער, געטריבן אויפן אומשלאַגפּלאַץ און פון דאָרט אין די וואַגאָנען, וואָס האָבן די פאַרמשפּטע צוגעפירט אין די טויט-לאַגערן.

נאָך יוזעף שליווניאַקן זענען געבליבן זייער ווייניק אַרבעטן, צווישן זיי איין בילד, אויף וועלכער עס זענען מאָדעלירט צוויי נאַקעטע פרויען-געשטאַלטן אין זייער איידעלע ליניעס, פּראַכטפולע אין זייער אויסדרוק און ריינער מאָדעלאַציע. דאָס דאָזיקע ווערק איז אין אַ סך ערטער דורכגעלעכערט דורך קוילן — סימנים פון די אָקופּאַציע-יאָרן.

נאַטאַן שפּיגל

נאַטאַן שפּיגל האָט געשטאַמט פֿון לאָדזש, פֿון דער לאָדזשער פֿאַבריק־שטאָט פֿון ראַשיקע קאָנגזאַצן: פֿון שרעקלעכער נויט פֿונעם פּראָלעטאַריאַט און פֿון רייַכער עשירות פֿון די פֿאַבריקאַנטן. נאַטאַן שפּיגל איז געוואָרן דער, וואָס האָט אין זיין קונסט אויסגעדריקט די לייַדן פֿון די אָרעמע מאַסן אין שטאָט און אין דאָרף. אין זייַנע בילדער ברענגט ער אַרויס הויפּטזעכלעך דראַמעס פֿון די אָרעמסטע, וואָס זענען ביז אין־ער טיף דורכגעפּרעסן געוועזן מיט זאָרג און אומעט. קוקנדיק אויף זייַנע בילדער פֿילט מען, אַז דער קינסטלער איז נישט איינמאָל געווען אַן עדות פֿון דערדריקנדיקע פּאַסירונגען אין לעבן פֿון די גראָע מענטשן, וואָס ראַנגלען זיך הילפֿלאָז אין די שווערע באַדינגונגען פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן. שפּיגל האָט געהאַט אַ זייער אינטימע, פּערזענלעכע באַציִונג צו דעם פּשוטן מענטשן פֿון דער מאַסע. די טיפּן, וועלכע ער ברענגט אַרויס, זענען שטאַרק דיפֿערענצירט, פֿאַרמאָגן אַ גרויסן ווירקונגס־כּוח, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ גלענצנדיק קאָלאָריסטישער גאַמע. נאַטאַן שפּיגל איז, וואָס אַן אמת, אַרויסגעוואַקסן פֿון אימפּרעסיאָניזם. אָבער ער באַמיט זיך צו געפֿינען דעם פּאַסיקסטן אויסדרוק פֿאַר יעדן פֿון די אַרויסגעבראַכטע מאָטיוון. אַט צום בייַשפּיל ווייַזט ער אַ קליין אָרעם פּויעריש שטיבל, וואָס איז באַדעקט מיט אַ שטרויענעם דאַך און לעבן שטיבל האַלב־נאַקעטע אָרעמע פּויערישע קינדער. אין זייַנע בילדער טרעפֿן מיר אויך אַזעלכע מאָטיוון, ווי אַלטע ייִדישע פֿרויען, אַ טרעגער אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גראָבן שטריק אַרום זייַנע קליידער, וואָס זענען אַזוי דורכגעזאַפּט מיט שווייס און שטויב, אַז זיי זעען אויס האַרט ווי בלעך.

שוין אין יאָר 1921 האָט נאַטאַן שפּיגל אַרויסגעשטעלט אין לאָדזש זייַנע בילדער, וואָס האָבן געטראָגן אַזעלכע נעמען ווי: „גויט“, „דער טרע־

גער“, „נאָך די זעכציקער יאָרן“, „די נקמה“, „יונתנס וואָרט“, „אין דער גאָלדענער שטייג“, „אַ מיידל מיט אַ ליכט“. יעדעס בילד האָט פאַרמאָגט זיין דייטלעכע אויסשפּראַך און די טעמאַטיק פון זיינע בילדער. דאָס זענען הויפּטזעכלעך געווען די פּראָבלעמען פון קלאַסן־קעגנזאַצן, וואָס האָבן גע־גורטעוועט די געזעלשאַפט.

נאַטאַן שפּיגעל איז געווען אַ מיטגליד פון דער לאָדזשער קינסט־לער־גרופּע „סטאַרט“ און צוזאַמען מיט איר האָט ער אויסגעשטעלט אין וואַרשע, אין קראָקע און אין אַנדערע שטעט.



נאַטאַן שפּיגעל צווישן זיינע בילדער.

אין יאָר 1930 האָט דער קינסטלער איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון זיינע בילדער אין לאָנדאָן. בעת דער דערעפענונג האָט נחום סאָקאָ־לאָוו דורכגעפירט אַ טיפן אַנאַליז פון נאַטאַן שפּיגעלס שאַפונג.

נאַטאַן שפּיגעל האָט אויך געשאַפן אָפּטימיסטישע בילדער, איבער־הויפּט דעמאָלט, ווען ער האָט געמאָלט קוזמיר ביי דער ווייסל אין זיין גאַנצן זומערדיקן רייץ. אין די דאָזיקע בילדער האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם מאַרק מיטן אַלטן ראָטהויז און מיט די אַלטערטימלעכע צווילינגס־הייזער, די צעלעיאָווער קאַמיעניצע, דאָס ווינקעלע ביים קלויסטער, די

רואינען פֿון שלאָס, די שפּײַכלערס בײַם ברעג פֿון דער ווײַסל און אַנד. שפּיגעלס בילדער זענען זײַער רירנדיק, ווײַל עס ווײַזט זיך אויס, אַז דער מאָלער האָט אין זײַ אַנטפּלעקט דאָס האַרץ פֿון דער נאַטור און פֿון די אַרויסגעבראַכטע מענטשן. שפּיגעל האָט פֿאַרמאָגט אַ רײַכע פֿאַנטאַזיע, אָבער אָפֿט באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז ער האַמעוועט זי, נישט וועלנ־דיק זיך צופֿיל דערווײַטערן פֿון דעם לעבנס־אמת.

נאַטאַן שפּיגעל איז געווען אײַפֿן בעסטן וועג צו ווערן אַ גרויסער מאָלער אַ רעאַליסט. ער איז וואַרשײַנלעך אומגעקומען אין לאָדזש בעת דער אַקציע.

הענריק שערער

הענריעק שערער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1903 אין זאַמאָשטש. שוין פון די פריסטע יאָרן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו זאַכלעכקייט און זעלבשטענדיקייט. נאָכן ענדיקן פינף קלאַסן איז ער אָפּגעפאָרן קיין לעמבערג, כדי אַריינצוטרעטן אין דער שול פאר קונסט־האנטווערקעריי. ער האלט אָבער דאָרט לאנג נישט אויס און קערט זיך אום קיין זאמאָשטש. ער טרעט אַריין אין דער אָרטיקער גימנאַזיע, וועלכע ער ענדיקט. נאָכן באקומען די רייפקייט־צייגעניש פאָרט ער קיין ווארשע, כדי דאָרט צו שטודירן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. אין וואַרשע האָט ער געלעבט אין גרויס דחקות אין אַ קליין, פינצטער צימערל אויף פאַוויע 48. אין דער אַקאַדעמיע האָט ער שטודירט ביים פּראָפ. קאָטאַרבינסקי. נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייטן צו צאָלן דעם הויכן שכר־לימוד, האָט ער דערלאַנגט אַ ביטע וועגן באַפרייען אים פון דעם אָפּצאָל. אין די אַקטן פון דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע געפינט זיך איינע פון זיינע לעצטע ביטעס אין דער פראַגע. אויף דער ביטע געפינט זיך אַ צושריפט פון פּראָפ. טאַדעוש פּרושקאָווסקי (אגב אַ מענטש אַ זייער פאַרמעגלעכער) וועגן דערליידיקן די ביטע נעגאַטיוו. שערער האָט אפילו צוזאַמען מיט נאָך אומפאַרמעגלעכע דורכגעפירט אַ שטרייק פאַר באַפרייען פון שכר־לימוד. אַזוי ווי שערער האָט געהערט צו דער קאָמוניסטישער יוגנט, איז ער באַזייטיקט געוואָרן פון דער אַקאַדעמיע.

לעבנדיק אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען איז שערער נישט אימשטאַנד געווען האַרמאָניש צו שאַפן. דאָס וואָס ער האָט געמאָלט, איז מייסטנס געווען דערדריקנדיק און כאַאָטיש. ס'איז קיין וווּנדער נישט — ער האָט געלעבט אין דער סביבה פון גויט. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשפּילט אומעטיקע, שוועררע געשעענישן, וואָס זענען געווען אַזוי להיפּוכדיק צו זיינע קינסטלערישע שיינע וויזיעס. טראָץ זיינע אָנשטרענגונגען און בעסטן ווילן, זענען זיינע קינסטלערישע פּרוּוון נישט איבערגעשטיגן די ראַמען פון דורכשניטלעכן אימפּרעסיאָניזם. זיין טאַלאַנט האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען בעת דער סם פון פאַשיזם האָט זיך אויך אַריינגעקריגן אין די רייען פון דער יוגנט, וועלכע האָט שטודירט אויף דער אַקאַדעמיע. שערער האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט דער גרופּע פּוילישע רעוואָלוציאָנערע מאָלער, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטן אונטערן נאָמען „דאָס פריגיאישע היטל". זיי האָבן דעמלט איינגעאָרדנט צוויי אויסשטעלונגען: איינע אין וואַרשע און איינע אין קראָקע.

טייל אַרבעטן שערערס פון יענעם פּעריאָד קאָן מען באַטראַכטן ווי אַן אָנזאָג פון אַ גוטן קינסטלער. אין יאָר 1937 האָט שערער איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון אייגענע אַרבעטן אין לאָקאַל פון דער ערשטער קאָרפּאָראַציע פון דער גראַפישער פּראָדוקציע אין וואַרשע. צווישן אַנדערע האָט ער אויסגעשטעלט אַ בילד, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ יונגע אַרבעטערין, וועלכע זיצט ביי אַ פּשוטן, נישט געהובלטן טיש. דאָס דאָזיקע בילד פאַרמאָגט דעם גרונט־עלעמענט, וואָס ווירקט אַזוי רירנדיק אויפן צושויער. די אַרויסגעבראַכטע אין דעם בילד לירישקייט איז ביז אַהער דערשטיקט געוואָרן דורך דער גויט און פּריזעגלעכע זאָרגן. דערביי האָט שערער באַמיט זיך צו זיין זאַכלעך און לאָגיש, מורא האָבנדיק מען זאָל אים נישט חושד זיין אין סענטימענטאַלישקייט. און גראָד זיינע סענטימענטאַלע בילדער פאַרמאָגן דעם קערן פון שיינע איבערלעבע טענדענצן. צו די דאָזיקע בילדער געהערן „דער קאַיאָר" און „די ווייסרוסין". שפּעטער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט לערנען צייכענען אין דעם פאַרבאַנד פון יידישע פּלאַסטיקער אויף לעשנע 10.

צום לעצטן מאָל האָב איך באַגעגנט שערערן אין אָקטאָבער 1939 אין ווילנע אין לאָקאַל פון די דאָרטיקע יידישע פּלאַסטיקער. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז פּלוצעם אָפּגעפאָרן קיין פּינסק, וווּ ער איז אין יאָר 1941 אומגעקומען.

יידישע פּלאַסטיקער
פון פאַרשיידענע שטעט אין פּוילן

יידישע פּלאַסטיקער פון פאַרשידענע שטעט אין פּוילן

אין דעם איצטיקן קאַפּיטל וועלן מיר באַהאַנדלען יידישע פּלאַסטיקער, וועלכע האָבן געלעבט אין די גרעסערע שטעט אין פּוילן און וועמענס לעבן און שאַפונג מיר קאָנען נישט אַרומנעמען אין ברייטערע ביאָגראַפישע ראַמען, צוליבן מאַנגל פון געהעריקן מאַטעריאַל פאַר אַזעלכע אָפּהאַנדלונגען. עס וועלן דעריבער אַנטשטיין געוויסע בלויז, וואָס וועלן זיך, ווי מיר האָפן, מיט דער צייט פאַרפולן. נישט איינער פון די לייענער פון דער איצטיקער אַרבעט האָט פאַר דער מלחמה געקענט עמעצן פון די דאָזיקע פלאַסטיקער, וועמענס נאָמען עס ווערט אין דעם בוך דערמאָנט.

מיר האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו טאָן אַלץ, וואָס איז אין אונדזערע כוחות, כדי נישט אויסצומיידן קיין איינעם פון די אונדז באַקאַנטע קינסטלער, וועלכע זענען קרבנות פון דעם היטלעריסטישן באַרבאַריזם (אין דער איצטיקער אַרבעט באַמי איך זיך צו זיין נישט אַזויפיל אַ קריטיקער, נאָר צונויפנעמען די פאַראַנענע ידיעות וועגן יעדן פון די דאָזיקע פלאַסטיקער. ס'איז מיר נישט געגאַנגען אַרויסצוהייבן די ריכטונגען און סטילן צו וועלכע די פאַרשידענע פלאַסטיקער האָבן געהערט, נאָר כדי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון יעדן פון זיי). אין דער אַרבעט דערמאָן איך פאַרהעלטענישמעסיק נישט קיין סך פלאַסטיקער, איבערהויפּט וואַרשעווער, ווייל די כמעט פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון דער הויפּטשטאָט, האָט אָפּגעווישט יעדן שפּור פון דער רייכער שעפערישער טעטיקייט פון די וואַרשעווער פלאַסטיקער.

אין כמעט יעדער גרעסערער אָדער קלענערער שטאָט אין פּוילן האָט זיך געפונען אַ געוויסע גרופּע קינסטלער פון יידישער אָפּשטאַמונג. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געלעבט אין נויט און דחקות און בלויז גע-

צײלטע פֿון זײ האָבן זיך געקאָנט אײנגאַנצן װידמענען דער קונסט. דער גרעסטער טײל האָט געלעבט אױפֿן ראַנד פֿון דעם קונסט־לעבן, האָט ניט געהאַט די קלענסטע מעגלעכקײטן צו װײזן דער עפֿנטלעכקײט זײערע אַרבעטן. דעריבער זענען בלױז אַ קלײנע צאָל דערמאָנט אין דער פּרעסע, אָדער האָבן זיך דערװאָרבן אָנערקענונג אַלס קינסטלער־פּלאַסטיקער. די איבעריקע האָבן געמוזט, כּדי צו פֿאַרדינען אױף אַ שטיקל ברױט, זיך נעמען צו פֿאַרשידענע זײטיקע באַשעפֿטיקונגען: טײל האָבן געאַרבעט אין קלײנע פֿאַבריקלעך פֿון ליאַלקעס, אָדער אַלס רעטושערן אין פֿאָטאָ־גראַפֿישע אַנשטאַלטן, אַנדערע האָבן זיך פֿאַרנומען מיט פּלאַקאַטן אָדער מוסטערן פֿאַר טעקסטיל־פֿאַבריקן, אָדער װאַרשטאַטן פֿון צעראַמישע אױסאַרבעטונגען, מעבל־װאַרשטאַטן און אַז. װ. די מוסטערן, װעלכע די



אַ גרופּע ייִדישע קינסטלער אױף אַ בילדער־אױסשטעלונג:
פֿון לינקס אױף רעכטס: ראָזענטאַל, טיקאָטשינסקי, פּױערינג, װײנטרױב, צײטנערשװער, שליװניאַק, ראַבינאָװיטש.

דאָזיקע אַנאָנימע קינסטלער פּלעגן אויספירן, האָבן די אונטערנעמער אָפּגעקויפט פאַר גראָשנס.

אין וואַרשע זענען פאַר דער מלחמה געווען אַ סך אַזעלכע, כמעט טראַגישע געשטאַלטן, וועלכע פּלעגן מיט די לעצטע כּוחות זיך יאָגן נאָך אַ וועלכן ס'איז פאַרדינסט. די קאָנקורענץ אויף דעם געביט איז געווען זייער אַ גרויסע סיי אין וואַרשע און סיי אין די קלענערע שטעט. הויפּט־זעכלעך דאָרט, וווּ ס'איז געווען אַ גרעסערע יידישע באַפעלקערונג. צווישן זיי זענען אויך געווען פאַלקס־קינסטלער, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט זייער שיינע, קינסטלעריש אויסגעפירטע זאַכן פון טאָג־טעגלעכן געברויך. אָבער די דאָזיקע גרופּע האָט געלעבט מייסטנס אין גרויס דחקות, ווייל דער יידישער אַרבעטער איז געווען צו אָרעם אייַנצוקויפן זיך קונסט־חפצים, דאַקעגן דער פאַרמעגלעכער קלייַנבירגער האָט גיכער געקויפט טאַנדעט־אויסאַרבעטונגען אַבי אין שרייַאיקע קאָלירן, איידער קינסטלע־ריש אויסגעפירטע אויסאַרבעטונגען.

איך וויל דאָ דערמאָנען אַ גאַנצע רייִ יידישע קינסטלער, וועלכע האָבן פאַר דער מלחמה געשאַפן אין וואַרשע. פון זיי האָט נישט איינער זיך דערוואָרבן אַ שם אַלס באַדייטנדיקער קינסטלער. אַלע זענען זיי אומ־געקומען בעת דער אָקופּאַציע.

לוציאַ וועלטשער־שווייגער

לוציאַ וועלטשער־שווייגער איז געווען אויסערגעוויינלעך אַרבעטזאַם. זי האָט דעריבער געשאַפן אַ סך אַרבעטן. זי איז באַקאַנט געווען מיט דער טעכניק פון פאַרשידענע געביטן פון דער קונסט. זי האָט געמאָלט אי פּייזאַזשן, אי שטיללעבנס, אָבער אַממייסטן האָט איר אינטערעסירט דער מענטש. זי האָט זיך דעריבער באַמיט אים אַרויס־צוברענגען עכט, אמתדיק, אַרויסהייבנדיק הויפּטזעכלעך דעם פּסיכאָלאָ־גישן מאָמענט. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה איז פרוי שווייגער געווען אין וואַרשע אַן אָנגעזעענע פּאָרטרעטיסטין. בעת אירע זומער־דיקע וואַנדערונגען איבערן לאַנד האָט זי געמאָלט אַ סך בילדער פון פּוילישן דאָרף, אַרוסברענגענדיק פּויערים ביי דער אַרבעט. צווישן די פּאָרטרעטן, וועלכע זי האָט געמאָלט פאַר דער מלחמה צייכענען זיך אויס די פּאָרטרעטן פון „אורקע נאַכאַלניק", א. גראַנאַד און מתתיהו שהם.

אין יאָר 1942 איז לוציאַ שווייגער אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

פ ר אַ נ צ י ש ק אַ ש ע נ ק ע ר האָט געצייכנט און געמאָלט. אָבער אירע קענטעניש וועגן דער קולטור פון דער קונסט זענען געשטאַנען העכער ווי אירע שעפערישע אַספּיראַציעס. זי האָט זייער אַ סך געריייזט און ממילא האָט זי געהאַט די מעגלעכקייט אַ סך צו זען און דערקענען. דער מאַן אירער, אַ הויכער מיליטערישער דאָקטאָר, האָט איר דערמעגלעכט צו זען די שענסטע ווערק פון דער וועלט־קונסט. אירע בילדער אָבער, וועלכע זי האָט געשאַפן, זענען געווען דורכשניטלעכע. זי האָט אויסגעשטעלט אין דער „זאַכענטע" און אויף דער I־טער אויסשטעלונג אין „איפּס" אין וואַרשע. אין יאָר 1932 האָט פרוי שענקער געגרינדעט אַ פונדאַציע אויף אַ פּרעמיע פאַר אַ קינסטלער אין דער הויך פון 300 זל. די דאָזיקע פּרעמיע האָט באַקומען דער באַדייטנדיקער מאַלער קרוכא פאַר זיין בילד „אַסטענגדא".

אין די יאָרן 1939—1941 האָט פרוי שענקער געאַרבעט אין דער אוקראַינישער קונסט־גאַלעריע אין לעמבערג אַלס אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר פון דער קונסט.

גיכט לאַנג נאָכן פאַרנעמען לעמבערג דורך די היטלעריסטן איז זי דערמאָרדעט געוואָרן.

ראָזע צימערמאַן

ר אָ ז ע צ י מ ע ר מ אַ ן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1906 אין וואַרשע. אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע האָט זי שטודירט כמעט אַ האַלב יאָר, דאַך האָבן אירע אַרבעטן באַוויזן, אַז זי איז געווען אַ גלענצנדיקע צייכנערין און האָט פאַרמאָגט אַ חוש פאַר פאַרב.

אירע בילדער האָבן זיך זעלטן באַוויזן אויף אויסשטעלונגען, אָבער די אַרבעטן, וואָס זי האָט אויסגעשטעלט, זענען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס סימפּאַטיע סיי דורך פאַך־קריטיק, סיי דורכן פּובליקום.

צום לעצטן מאָל האָט זי אויסגעשטעלט אויף דער יוביליי־אויסשטעלונג פון די יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקער אין וואַרשע אין יאָר 1939. איינער פון צימערמאַנס פּאָרטרעטן פון יענער אויסשטעלונג איז רעפּראָדוצירט געוואָרן אין אַן אילוסטרירטן זשורנאַל.

רענאַ שענברון

ר ע נ אַ ש ע נ ב ר ו ן איז באַקאַנט געווען אַלס מאָלערין אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אַדאַנק אירע סטיליסטישע, דורכזיכטיקע און זייער פאָרם בילדער. אירע שעפערישע קאָנצעפּציעס זענען געווען אויסערגעוויינלעך סובלימירט סיי אין זייער עמאָציאָנעלן אינהאַלט, סיי לויט זייער מאָדעלירונג. דער אויטאָפּאָרטרעט פון דער קינסטלערין, וואָס האָט זיך באַוויזן אין יאָר 1939 אויף דער אויסשטעלונג צו פאַרשפרייטן קונסט א. נ. „אַ פּאָרטרעט פון אַ פרוי", איז אויסגעצייכנט געוואָרן דורך די באַזוכער פון דער אויסשטעלונג. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה זענען די אַרבעטן פון דער קינסטלערין אָפט רעפּראָדוצירט געוואָרן אין פאַרשידענע אילוסטרירטע זשורנאַלן.

אַדעלינע פּערלמוטער

אַ ד ע ל י נ ע פּ ע ר ל מ ו ט ע ר, אַ סקולפּטאָרין, געבוירן אין יאָר 1888 אין וואַרשע, האָט אין אָנהייב שטודירט ביי מאַוריצי טרעמבאַטש, שפּעטער אין מינכען ביים רוסישן מאָלער יאַוולענסקי. זי האָט אויך שטודירט אין פּאַריז, וווּ זי האָט אויסגעשטעלט אירע אַרבעטן. נאָך אַ געוויסער צייט גייט זי איבער צו סקולפּטור. זי האָט געלעבט אין דער שווייץ, אין מעראַן, עסטרייך. זי האָט אויך געשאַפן אויף יידישע טעמעס. בעת דער היטלער־אָקופּאַציע האָט זיך די קינסטלערין געפונען אין וואַרשעווער געטאָ, וווּ זי איז אומגעקומען.

מיכאל גאָנסקי

מ י כ אַ ל ג אָ נ ס ק י איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1910 אין וואַרשע. ער האָט שטודירט אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע ביים

פּראָפעסאָר טאַדעוש ברעיער. אין די סקולפּטאָרישע אַרבעטן פון דעם קינסטלער האָט זיך אויפן ערשטן אָרט אַרויסגערוקט די לאָגישקייט זיי־ערע. גאַנסקי איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און האָט געשטרעבט מיט זיין שאַפונג צו ברענגען נוצן דעם אַרבעטער־קלאַס.

די קונסט־קריטיקער, — דער מאָלער ליכטענשטיין, לעאָן סטראַ־קון און מיכאַל וויינציער האָבן זיך אויסגעדריקט וועגן גאַנסקין ווי וועגן אַ יונגן סקולפּטאָר מיט אַ ערנסטן טאַלאַנט. די אויסגעשטעלטע עקספּאָ־נאַטן זיינע האָבן זיך אָפּט באַוויזן אין פאַרשידענע אילוסטרירטע זשור־נאַלן, צווישן אַנדערע איז רעפּראָדוצירט געוואָרן אַ אינטערעסאַנטע אַר־בעט פון גאַנסקין, וועלכע שטעלט פאָר וולאַדיסלאַוו ליגען. די דאָזיקע סקולפּטור איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1938 אין דער ייִדישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט.

זיגמונט מעסער

זיגמונט מעסער, אַ סקולפּטאָר. זיין אַטעליע האָט זיך געפונען אין דעם זעלבן הויף אויף מילנע 9א, וו ס'האָבן זיך געפונען די סקולפּטור־וואַרשטאַטן פון אברהם אָסטזשעגאַ און וולאַדיסלאַוו וויינ־טראַוב.

מעסער פלעגט ווידמענען אַ סך צייט און מי יעדער אַרבעט זיינער. ער האָט אַקצענטירט אי די פאָרם, אי די עכטקייט פונעם אינהאַלט פון זיין סקולפּטור. איך האָב אַ פּאָר מאָל באַזוכט מעסערן אין זיין אַטעליע אין משך פון לאַנגע צייט־אָפּשניטן, און יעדעס מאָל האָב איך געטראָפן די זעלבע סקולפּטורן אין דער אַרבעט. וועגן די שאַפונגען פון זיגמונט מעסער האָט געשריבן פעליקס פרידמאַן (ליטעראַרישע בלעטער נר.1, זייט 11) פאָלגנדיקעס: „זיגמונט מעסער פאַרמאָגט פאַרשטענדעניש פאַר דער פאָרם. דער מאָנגאָלישער קאָפּ איז גוט אין זיין אויסדרוק". אויך י. ליכטענשטיין האָט געשריבן: (ליטער. בלעטער נר. 5 פון 23 יאַ־נואַר 1938): „אין וואַרשעווער סאַלאָן האָבן מיר עטלעכע אַרבעטן פון צוויי יונגע סקולפּטאָרן. דאָס זענען: גאַנסקי און מעסער, זיי האָבן אויס־געשטעלט אייניקע גוטע פּאָרטרעטן". צום לעצטן מאָל האָט מעסער אויס־געשטעלט אין פעברואַר—מערץ 1939. זיגמונט מעסערן האָט מען געזען אין ביאַליסטאָק זומער 1939—1941. (אין „גאַש פשעגלאָנד אילוסטר."

פון 1939.2.19 האָט זיך געפונען אַ רעפּראָדוקציע פון מעסערס אַ סקולפּ־טור „אַן אַקט“).

העלענא גלאָגאָווסקא

העלענא גלאָגאָווסקאַ איז געווען אַ יונגע סקולפּטאָרין, זייער אַ געבילדעטע, אַ קולטורעלע מיט אַן אייגענעם שעפערישן פּנים. די חברים האָבן וועגן איר געזאָגט, אַז זי פאַרמאָגט פיל צוזאָגנדיקע סקולפּ־טאָרישע פעיקייטן. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט גלאָגאָווסקאַ אָנגעהויבן אויסשטעלן אירע אַרבעטן. זי האָט אויך אָנטיילגענומען אין דער יוביליי־אויסשטעלונג פון די יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקער און די רעפּראָדוקציעס פון אירע אַרבעטן האָבן זיך באַוויזן אין אילוסטרירטע צייטשריפטן („נאַש פּשעגלאָנד אילוסטראָוואַני“ נר. 26 פון 1937.6.26 י. „דער קאָפּ פון ה׳ ג.“ און נ. פּשעגל. אילוסטר. נר. 8 פון 1939.2.19 „אַ היטל“).

אלעקסאנדרא מאָניקאָוו־סקורעצקא

אלעקסאנדרא מאני־קאָוו־סקורעצקא, א מאָלע־רין, איז געבוירן געוואָרן אין 1907 י. אין ווארשע. זי האָט שטודירט אין דער ווארשעווער קונסט־אַקאַדעמיע, שפּעטער האָט זי געארבעט אלס לע־רערין פון צייכענען אין א יידישער שול. זי האָט געמאָלט פּייזאַזשן, בלו־מען און קינדער־פּאָרטרעטן. אירע אר־בעטן אָטעמען מיט א באזונדערער רואיקער שיינקייט. סקורעצקא איז געווען א מענטש א דענקנדיקער, וואָס האָט רעאגירט אויף יעדע דערשיינונג פון נישט יושרדיקייט אינעם ארומיקן לעבן. איר פּראָפּעסיאָנעלע ארבעט האָט איר נישט איבערגעלאָזט קיין סך

צייט אויף צו מאָלן. די ארבעטן, וואָס זי האָט אויסגעשטעלט אין דער יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט, האָט זי געצייכנט פּשוט מיטן נאָמען אַלעקסאַנדראַ. אין יאָר 1938 האָבן די היטלעריסטן אַרויסגעטריבן פון דייטשלאַנד דורך דער פוילישער גרענעץ טויזנטער יידישע בירגער פון פוילן, וואָס האָבן זיך געשטיקט אין זבאָנשין. אָן א וועלכער ס׳איז הילף מצד דער רעגירונג, איז די גאַנצע לאַסט פון הילף געפאַלן אויף די פּלייצעס פון די פאָרגעשריטענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. אויך די קינסטלער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער אקציע צו העלפן די אומגליקלעכע. צווישן די דאָזיקע קינסטלער האָט זיך אויך געפונען מאַניקאָוו־סקורעצקאַ, שענקענדיק פאַר דעם צוועק איר בילד „דער מענטש וואָס קלויבט צונויף צווייגלעך״ (נאַש פּשעגלאָנד אילוסטר. נר. 23 פון 5. 6. 1938).

בועז דולמאַן

בועז דולמאַן, אַ מאָלער, געווען זייער אַן אַקטיווער מיטגליד פון פאַרבאַנד פון יידישע פּלאַסטיקער אין פוילן. ער האָט גערן געשאַפן דראַמאַטישע קאָמפּאָזיציעס. זייענדיק אין פאַריז, האָט ער אין יאָר 1927, אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּראָצעס פון שוואַרצבאַרדן, געשאַפן אַ קאָמפּאָזיציע, וואָס שטעלט פאָר פּעטליורען, וועלכער ווערט פאַרפאָלגט דורך סקעלעטן פון די מענטשן, וועלכע ער האָט אַמאָל דערמאָרדעט („ליטעראַרישע בלעטער״ נר. 27, זייט 728, 1927). דולמאַן האָט אויך געמאָלט בילדער, וואָס שטעלן פאָר דעם טראַגישן און גלייכצייטיק גראָטעסקאַרטיקן קאַמף, וואָס איז אין סאַנאַציע־פוילן געפירט געוואָרן אַרום דעם יידישן סטראַגאַן. דולמאַנס צייכענונגען פאַרמאָגן אַ געפּרעסטע קאָנסטרוקציע, דער קאָלאָריט פון זיינע פאַרבן איז אַ הייסער, אַ ליידנשאַפטלעכער.

בן־גים

בן־גים, אַ מאָלער. אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן הייבן זיך אָן צו באַווייזן די אַרבעטן פון דעם קינסטלער אויף די יידישע אויסשטעלונגען פון פּלאַסטיק. בן־גים האָט געהאַט אַ נייגונג צו מאָלן מאַסנסצענעס ווי: מיטינגען, באַריקאַדן, שטרייקן. דאָך זענען די ערשטע פּרוון

זיינע אין דער ריכטונג נישט געווען קיין איבעריק געלונגענע — עס האָט געפעלט אין זיי די סטיכישע קראַפט, וואָס מוז קומען צום אויסדרוק אין מאַסנסצענעס. מער געלונגען זענען די בילדער זיינע, וואָס דריקן אויס אינדיווידועלע קאָנפליקטן. אַזוי, צ. ב., פאַרמאָגט זיין בילד „דער בלינדער מוזיקאַנט" אַ גוט אונטערגעשטראָכענעם הומאַניסטישן מאָמענט, ווי אויך אַ בולטן אַקטועלן אַקצענט.

אויך זיין בילד „דער סוד" פאַרמאָגט אַ סך סאַטירישע שאַרפקייט. בן־ציס האָט אָנטיילגענומען אין דער יובליי־אויסשטעלונג פון די יידישע פלאַסטיקער אין וואַרשע (אויף דלוגע־גאַס) אין יאָר 1939.

בנימין מילער

ב נ י מ י ן מ י ל ע ר, אַ מאָלער. וועגן דעם דאָזיקן יונגן קינסטלער האָט געשריבן דער קונסט־קריטיקער לעאָן סטראַקון אין די „סיגנאַלן":

„אינגאַנצן אַ באַזונדערע דערשיינונג איז די קונסט פון בנימין מילער, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט מאָלעריי אינגאַנצן אַ יאָר צייט אויפן ראַנד פון זיין פּראָפעסיאָנעלער באַשעפטיקונג. דער דעביוט פון דעם דאָזיקן מאָלער־ליבהאָבער איז אַ ספּאָנטאַנישער אויסדרוק פון אַ גרויסן טאַלאַנט. מילערס מאָלעריי שטאַמט אינגאַנצן אינסטינקטיוו פון דער אונטערבאַוווסטזיניקער נויטווענדיקייט צו שאַפן". מיט דער שאַפונג פון דעם דאָזיקן יונגן קינסטלער האָט זיך אַנטציקט אויך מיכאַל וויינציער און אַנדערע. („סיגנאַלן" פון 1. 8. 1938. וועגן דער אויסשטעלונג פון דער יידישער געז. צו פאַרשפּרייטן קונסט).

שלמה ניסענבוים

ש ל מ ה נ י ס ע נ ב ו י ם, אַ מאָלער. פון זיין וואַרשעווער אַטעליע זענען אַרויס בילדער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער גרויסער סובטעלקייט און רירנדיקער פּאָעזיע. ניסענבוים האָט ליב געהאַט דעם מענטשן און די נאַטור. די מאָטיוון פאַר זיינע בילדער האָט ער געשעפּט הויפּטזעכלעך פון דער וואַרשעווער סביבה. די געשטאַלטן, וועלכע ער האָט אַרויסגעבראַכט, דאָס זענען שניידער, שוסטער, וועשערס, קינדער, מיידלעך געקליידעטע אין שמאַטעס, וואָס שפּילן זיך אין ענגע, שמוציקע הויפן. דערביי איז ניסענבוים געווען אַ שטאַרקער קאָלאָריסט און זיינע

קאָמפּאָזיציעס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער סטיכישקייט און פלאַמיקייט פון דער פאַרבן־טאָנאַציע. גיסענבוים איז געווען אַ מאָדערניסט, וואָס האָט געזוכט פרישע עמאָציעס, אָבער ער האָט פאַרמאָגט די פעאיקייט צו רירן מיט זיינע אַרבעטן דעם צושויער.

גיסענבוים האָט אויסגעשטעלט אַ היפּשע צאָל בילדער אויף דער אויסשטעלונג, וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט יאָאַכים קאָרנבליטן אין וואַרשע אויף אָרלע 4 אין אַפּריל—מאַי 1939. וועגן דער דאָזיקער אויסשטעלונג האָבן געשריבן פעליקס פרידמאַן, מיכאַל וויינציער און אַנד. אַלע האָבן איינשטימיק פעסטגעשטעלט דעם טאַלאַנט פונעם קינסטלער, זיין חוש פאַר פאַרבן, גוטע פערספעקטיוו, ווי אויך די פעיקייט אַרויסצוברענגען די אַטמאָספער. גיסענבוים האָט אויך אילוסטרירט אַ קינדער־ביכל פון י. ל. קאַן „היטמעלע שוואַרץ און קעצעלע ווייס“, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער פאַרלאַג „קינדער־פריינד“. גיסענבוים האָט אויך אָנטייל־גענומען אין דער יובליי־אויסשטעלונג פון די יידישע פלאַסטיקער אין פוילן אין פעברואַר—מערץ 1939.

מען מוז אויך דערמאָנען די יונגימשקע פרידע גאָלדפּעדער, וועלכע האָט אירע מיידלשע חלומות אַרויסגעבראַכט אין ווייכער מאָלערישער סענטימענטאַלישקייט, אברהם מיכאַלאָוויטש פון טורקי, וועלכער איז זייער יונג אָנגעקומען קיין וואַרשע און וועמען יוזעף שליוויאַק האָט גענומען אונטער זיין אַפּיטרופּסות. מיכאַלאָוויטש האָט געהונגערט און געמאָלט. עס איז אויך אומגעקומען בעת דער אָקופּאַציע סטאַניסלאַוו אוזדאַנסקי, וועלכער האָט פאַר דער מלחמה אויסגעשטעלט זיינע אַרבעטן סיי אין דער זאַכענטע, סיי אין דער יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט.

אברהם מיכאַלאָוויטש

אַנטאָני ראַפּאַפּאָרט

אַנטאָני ראַפּאַפּאָרט איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע אין יאָר 1918. דאָרט האָט ער געענדיקט אַ ליציי און שפּעטער די קונסט־אַקאַדעמיע. פאַר דער מלחמה האָבן זיך באַוויזן זיינע אַרבעטן אויף די אויסשטעלונגען אין וואַרשע און אין פּויזן. ער איז אומגעקומען אין יאָר 1943 אין אַרבעטס־לאַגער טראַווניק.

אויף דער פראַנצויזיש־שפּאַנישער גרענעץ איז אומגעקומען די וואַרשעווער קינסטלערין עלאַ טשערווינסקאַ.

נתן עדעלמאַן, וועלכער האָט בעת דער אָקופּאַציע געאַרבעט אין דעם שאַפּ פון סטעפּנסן אין ביאַליסטאָק, ווי אויך דער גראַפיקער מרדכי אָקאָן. פון די סקולפּטאָרן זענען חוץ די אויסגערעכנטע באַקאַנט געווען אין וואַרשע: מענדל לאַכאָווער, דוד שעכטער און פון די מאָלער: הענריק מערמלשטיין, איזאַק קליינזינגער, זכריה הערשמאַן און נאָך אַ סך אַנדערע.

גיזעלאַ וואַזשיק

פון וואַרשע שטאַמט אויך די מאָלערין גיזעלאַ וואַזשיק, די פרוי פון באַקאַנטן פּוילישן פּאָעט אַדאַם וואַזשיק. זי האָט מייסטעריש געמאָלט פּאָרטרעטן, זייער גוטע אין דער פאָרם און זייער פיין טראַקטירטע. ג. וואַזשיק האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן מאָלערישן טאַלאַנט.

אויף דער אויסשטעלונג אין קראָקע, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין יאָר 1945 צום אָנדענק פון די פּלאַסטיקער, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין פּוילן, האָבן זיך אויך געפונען 2 פּאָרטרעטן פון גיזעלאַ וואַזשיק: דער פּאָרטרעט פון דער מאָלערין זאָפיאַ סטריענסקאַ, ווי אויך דער פּאָרטרעט פון טאַנסקאַ.

דוד ריכטער

אויף דעם אָרט ווילן מיר אויך דערמאָנען ד ו ד ר י כ ט ע ר ן, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1900 אין טשענסטאָכאָוו.

דער דאָזיקער קאָמוניסטישער טוער, וועלכער איז אָפט אַרעסטירט געוואָרן פאַר זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען, איז געווען דער שעפער פון מאַקעטן, וועלכע זענען קאָמפּאָנירט געוואָרן אַזוי ווי ביי זאָפיאַ סטרי־ענסקאַ לויט פאָלקס־מאָטיוון. ריכטער איז געווען אַ גוטער צייכענער, חוץ דעם איז ער אויך געווען אַ זשורנאַליסט און אַ דיכטער. ס'פלעגט טרעפן, אַז ער האָט פון דער תפיסה אַרויסגעשיקט זיינע פּאָעטישע בריוולעך, ווי אויך פּאָעמעס, וועלכע ער האָט קאָמפּאָנירט און אייגנהענטיק אילוס־טרירט אונטער די דיקע תפיסה־מויערן. ווען ער איז געווען אויף דער פריי, פלעגט ער זיך אויך פאַרנעמען מיט אויספאַרטיקן קינסטלעריש באַפוצטע פאָלקס־סערדאַקן, קאַפּעליושן און אַנדערע זאַכן.

לאָדזש — די דאָזיקע גרויסע פאַבריק־שטאָט מיט אירע געוואַלדיקע געזעלשאַפטלעכע קאָנטראַסטן: מיטן רייכטום פון יחידים, גרויסע פאַב־ריקאַנטן, באַנקירן, בערזע־שפּעקולאַנטן און דעם דלות פון אַרבעטער־קלאַס — האָט אַרויסגעגעבן די ערשטע קינסטלער־פּלאַסטיקער, וועלכע האָבן מיט זייערע ווערק באַוויזן אויפצוטרייסלען דאָס געוויסן פון דער וועלט. פון לאָדזש שטאַמט שמואל הירשענבערג, אין דער דאָזיקער שטאָט האָט געווינט און אַ סך יאָרן געאַרבעט לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי, העגריק גליצענשטיין. פון דעם ייִנגערן דור שטאַמען פון לאָדזש: יאַנקל אַדלער, הענעך באַרטשינסקי, ווינצענטי בראַונער. אין לאָדזש האָט אויך געלעבט אין שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען אַ פּלעיאַדע אַנאָנימע קינסטלער, וועלכע זענען געצוווּנגען געווען צו נעמען זיך צו יעדער אַרבעט, כדי צו פאַרדינען אויף ברויט. אַרייננגעטאָן אין דאגות פרנסה, האָבן זיי שנעל געמוזט אַראָפּ פון דער קינסטלערישער אַרענע. אַזוי איז, צ. ב., אין וואַר־שעווער געטאָ אומגעקומען דער מאָלער ט אַ ד ע ו ש ט ר ע מ ב אַ ט ש (אַ ברודערן זון פון מאַוריצי טרעמבאַטש), וועלכער שטאַמט פון לאָדזש, נישט קוקנדיק אויף זיין טאַלאַנט, איז ער געצווונגען געווען זיך צו פאַר־נעמען מיט האַנטווערקעריי. ט. טרעמבאַטשס אַקוואַרעלן זענען פול מיט



אַ גרופּע ייִדישע קינסטלער:
פון לינקס אויף רעכטס: טראַכטער, שליוויאַק, גאָלדהובער („טשיי"), נוימאַן, קאַזישען, באַרטשינסקי, נאַטאַן שפּיגעל

ליכט און שטימונג. מ'קאָן זיי באַטראַכטן פאַר רייפע אַרבעטן. ט. טרעמ־באַטשס בילדער האָבן זיך פאַר דער מלחמה באַוויזן נישט נאָר אינעם לאָדזשער „איפּס", נאָר אויך אויף די אויסשטעלונגען אין וואַרשע, קראָקע, פּויזן און אַנד. שטעט. אַן אינטערעסאַנטער קינסטלער, וואָס שטאַמט אויך פון לאָדזש, איז געווען מ. ד. גאָטליב. די טעמאַטיק פון זיינע צייכענונגען איז מייסטנס געווען די לאָדזשער אָרעמקייט. אין דער צייטשריפט „פאָרמאַ" האָט זיך באַוויזן אַ רעפּראָדוקציע פון גאָט־ליבס אַ בילד א. נ. „היימלאָזע". אַ לאָדזשער איז אויך לאַסקער, דער שעפער פון אינטערעסאַנטע באַרעליעפן.

צו די מייסטער אין דער מאָלעריי דאַרף מען אויך פאַררעכענען העגריק עפּשטיינען, וועלכער שטאַמט פון לאָדזש, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1891. אין פּוילן איז עפּשטיין כמעט נישט באַ־קאַנט, אין דער צייט ווען פאַריז פאַררעכנט אים צו די אָנגעזעענע מאָלער. זיינע מאָלערישע שטודיען האָט עפּשטיין אָנגעהויבן אויף פּיאָטרקאָווסקע 51, וווּ אייניקע אָנפאַנגער האָבן געמאָלט אַן אַקט. נישט איינער פון דער

דאָזיקער גרופּע האָט אַרויסגעוויזן טאַלאַנט. פון דער דאָזיקער אַטעליע שטאַמט אויך דער באַרימטער מיניאַטוריסט אַרטור שיק, דער חסידישער פילאָזאָף און מיסטיקער נתן שפּיגל, ווי אויך דער מאָלער יצחק בראַונער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין סובטעלן געשמאַק. אָבער די שטאַרקסטע קאָלאָריסטישע פאַנטאַזיע האָט צווישן דער דאָזיקער גרופּע אַרויסגעוויזן חיים עפּשטיין.

שוין אַלס יונגער מאָלער פּרוווט עפּשטיין זיינע כוחות אין זייער דרייסטע פאַרבן טאָנאַציעס. די פאַרב איז פאַר אים געווען די באַזע פאַר יעדער קאָנסטרוקציע אַפילו נאָך פאַר דעם, ווי ער האָט באַהערשט די געזעצן פונעם בוי פון מענטשלעכן קערפּער. ער איז דעריבער אויסגעוואַקסן אַלס מאָלער, וואָס האָט גלענצנדיק אָפּערירט מיט די קאָלאָריסטישע וואַלאָרן. ער באַמיט זיך אַרויסצובאַקומען דאָס וועזנטלעכע פון די קעגנשטאַנדן און דערביי נישט אַריינפאַלן אין מאַניערירטקייט אָדער עפּיגאָניזם. עפּשטיינס שאַפונג קאָן מען אַוועקשטעלן אויף דער גרענעץ צווישן דער מאָלעריי פון סעזאַנען און רענואַרן. ער האָט אַ סך געלערנט ביי די דאָזיקע גרויסע מייסטער, אָבער אין אים גופא האָבן זיך געפונען אַ סך שפּרודלדיקע כוחות, וואָס זענען געקומען צום אויסדרוק אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן.

די זון-ליכט איז ביי עפּשטיינען געווען אַ קאָלאָריסטישע פונקציע אַזוי, אַז שאַפנדיק אַפילו אַ פיגוראַלע קאָמפּאָזיציע האָט ער זי אַרויסגעבראַכט ווי עפּעס אַ סובסטאַנץ. אין רעזולטאַט פונעם שטענדיקן זוכן העכערע וואַלאָרן פון קאָלירן, האָט עפּשטיין געשאַפן אייריעלע, רעאַליסטישע מאָלערישע ווערק. די דאָזיקע שטרעבונג צו דערגרייכן אַן אַלץ העכערן שטאַפּל פון מאָלערישער פייקייט, איז נישט געווען קיין אויסדרוק פון וועלן איבערראַשן מיט ווירטואָזישקייט, נאָר דאָס איז געווען מיט מי דערגרייכטע קענטעניש.

דער קינסטלער באַמיט זיך האַרמאָניש צונויפצושמעלצן די צייכענונג מיט דער פאָרם און דעם אינהאַלט פון זיינע אַרבעטן. פונדאַנען שטאַמט די קאָנקרעטקייט און לעבעדיקייט פון זיינע מאָטיוון. זיינע בילדער — דאָס זענען שאַפונגען פון אַ מענטשן, וועלכער איז פאַרליבט אין דער שיינקייט פון דער נאַטור און פאַרמאָגט די פעיקייט צו דערזען אין דעם מענטש זיין טיפסטן אינהאַלט. עפּשטיין האָט זיך נישט געיאָגט נאָך דערפאָלג. בויים זעניט פון זיין שעפערישקייט, אַלט זייענדיק 40 יאָר, האָט זיך עפּשטיין באַזעצט אין דאָרף און דאָ זיך פאַרנומען מיט פלעגן בלומען, פלאַנצן ביימער און כאַפּן פיש.

הגם ער האָט דאָ געלעבט אין דער סביבה פון פויערים, האָט ער זיך גלענצנדיק אָריענטירט אין די ענדערונגען וואָס קומען פאָר אַרום אים אלס רעזולטאַט פון אריינדרינגען פון דער נאַציסטישער דאָקטרין אין די ברייטערע קרייזן פון דער אינטעליגענץ.

אין עפּשטיינען האָבן זיך פאַראייניקט עלעמענטן פון דריי קולטורן: פון דער יידישער, פוילישער און פּראָווינציעלער. ער האָט התונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ פּראָווינציאַלן קינסטלער, ער איז געווען באַפריינדעט מיט אוטרילאָ, מאָדיליאַני, סוטינען און אַ סך אַנדערע פּראָווינציעלע קינסטלער. דאָך האָט ער נישט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט דער פוילישער קולטור; די ווערק פון די פוילישע קלאַסיקער פון דער ליטעראַטור האָט ער געלייענט אין אָריגינאַל. ער איז געווען באַפריינדעט מיט די באַקאַנטע יידישע שרייבער אין לאַנד, האָט אילוסטרירט דאָס בוך פון עוזר וואַרשאַווסקי „שמוגלער“, ער איז אויך געווען אַן אָנגעזעענער אילוסטראַטאָר פון פּראָווינציעלע ביכער.

הענריק (כאַסקל) שפּיגעל

הענריק (כאַסקל) שפּיגעל איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש אין יאָר 1899. ער איז געווען אַ סקולפּטאָר. ער האָט געקריצט אין מעש און אין קופּער יידישע מאָטיוון. ער האָט אויסגעפירט רייך אָרנאַמענטירטע טאַצן מיט מאָטיוון פון שאַגאַלן, קינקעטן באַפּוצטע מיט חיות, פאַרשידענע הענגלייכטער, מנורות. ער האָט אויך אין קופּער-בלעך געשאַפן קאָמפּאָזיציאָנעלע מאָטיוון: אַ ייד פירט אַ ציג, אַ יידענע, וואָס בענטשט ליכט און אַנד. אָט איז די אָפּשאַצונג וועגן שפּיגעלס אַרבעטן, וואָס זענען געווען געוואָרן אויך אַן אויסשטעלונג פון דער יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט, פון דעם באַקאַנטן קינסטלער און קריטיקער קאָנראַד ווינקלער (געדרוקט אין 1930 אינעם זשורנאַל „דראָגי“): „דאָס כאַראַקטעריסטיש יידישע אין די שאַפונגען פון יידישע קינסטלער געפינט דאָך איר אויסדרוק אין די דעקאָראַטיווע אַרבעטן און ספּעציעל אין דער יידישער קונסט פון אויספּרעסן אין מעשבלעך. אָנבינדנדיק אין דער אַלטער טראַדיציע פון אָרנאַמענטיק און דעקאָרירן שולן און זייערע איינריכטונגען, פאַראייניקן די קינסטלער ה. שפּיגעל, י. קאַהאַנע און מערזער די אוראַלטע פּלאַנצ-מאָטיוון מיט די נייע, וואָס איז זייער עפעקטפול קאָמפּאָזיציאָנעל, אָפּהיטנדיק דערביי אין אַלגעמיין די מאָדערנע קאָנסטרוקציע-יסודות“. און

ווירקלעך — שפּיגל איז געווען פֿאַרליבט אין דעם יידישן פֿאָלקלאָר. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט הויפּטזעכלעך אין די ביבלישע מאָטיוון, צו וועלכע עס האָבן שפּיגלען געדינט אַלס מאָדעלן די חסידישע טיפּן פֿון זיין צייט.

יאַקוב מוטשניק

יאַקוב מוטשניק איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש. זיין פֿאָטער האָט זיך פֿאַרנומען מיט פּאָליטורירן מעבל. פֿון די פֿריסטע יאָרן האָט יאַקוב אַרויסגעוויזן קינסטלערישע פֿעיקייטן און האָט זיך אינטערעסירט מיט דער פֿאָלקס־קונסט. ער האָט זיך באַמיט מיט דער הילף פֿון פֿאַרבן אַרויסצוברענגען די שיינקייט פֿון די קונסט־אַלטערטימלעכקייטן. אין דעם פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן האָבן ווייניק קינסטלער פֿאַרמאָגט פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די דענקמעלער פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. מוטשניק האָט זיך ממש געריסן פֿון פֿאַריז קיין פּוילן, וועלנדיק פֿאַרווירקלעכן זיין חלום פֿון אַרויסברענגען אויפֿן לייוונט די אַלטערטימלעכע שולן און זייער אייגנאַרטיקע רייכע אָרנאַמענטיק, וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זיין זכרון. ער האָט זיך באמיט צו געפֿינען די געהעריקע קאָלאָריסטיק פֿאר די אלטע, מיט שימל באַדעקטע חפֿצים, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין די שולן, געבן אין זיינע בילדער דעם מאַקסימום פֿון אויטענטישקייט, פֿון דראַמאַטישן אויסדרוק, אַרויסבאַקומען דעם פּאַטאָס, מיט וועלכן די דאָזיקע דענקמעלער זענען געווען באַהויכט, פֿאַראייביקן די צייכנס, וואָס די פֿאַרגאַנגענהייט האָט אויסגעקריצט אויף די מויערן פֿון די דאָזיקע אלטע געביידעס. יאַקוב מוטשניק האָט געקעמפֿט פֿאַר די זאַכן מיט עקשנות און ברען. די אַלטע, פֿאַרשימלטע חפֿצים האָבן אים אינספּירירט צו זיינע מאָלערישע אַרבעטן. ער האָט אַרויסגעבראַכט אויף דער ליכטיקער שיין אָפּגעבליאַקעוועטע אָרנאַמענטן, וועלכע דורות מתפּללים האָבן אין די דאָזיקע שולן איינגאַנצן נישט באַמערקט. אַ באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט האָט מוטשניק געווידמעט דער זשעשאָווער שול מיט איר ספּעציפֿישן כאַראַקטער און סטיל. טייל שטריכן פֿון דער דאָזיקער אַלטערטימלעכער געביידע האָט ער שטאַרקער אַקצענטירט אויפֿן בילד גלייך ווי ער וואָלט געמאָלט אַ לעבעדיקע געשטאַלט. דערביי איז יאַקוב מוטשניק געווען אַ גוטער פּאָרטרעטיסט און סובטילער קענער פֿון דער מענטשלעכער נשמה. ער האָט זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען אַלץ, וואָס איז געווען דאָס איידלסטע אין איר און גלייכצייטיק דאָס כאַראַקטעריסטישע און אייגנטימלעכע.

צו די געלונגענע פּאָרטרעטן זיינע געהערן די בילדער פֿונעם יידישן

פּאָעט לייב מלאך און וואָלף וויעוויורקע. אויך דער אויטאָפּאָרטרעט פונעם קינסטלער איז געמאָלט עקספּרעסיוו. דער דאָזיקער מאָלער האָט פאַרמאָגט עפּעס באַראָקאַרטיקס. די פאָרם זייגע האָט ער געשעפּט פונעם רייכן אוצר פון דער מאָלעריי פון 19־טן און 20־טן יאָרהונדערט. גייסטיק האָט ער געוואָרצלט אין די שטימונגען פונעם פּוילישן חסידיזם.

אין יאָר 1943 איז מוטשניק דעפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקרייך קיין אָשוויענטשים. ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו דעם דאָזיקן לאַגער, האָט מען די רעשט אַרעסטירטע, וואָס האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, געטריבן אין לאַגער אין מאַטהאַוזען. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען מוטשניק. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם דאָזיקן שרעקלעכן מאַרש און איז געפאַלן אויפן וועג אין יאַנואַר 1945.

פון לאָדזש האָט אויך געשטאַמט די מאָלערין ד י נ ה מ אַ ט ו ם. איר טאַלאַנט האָט זיך אַנטוויקלט דירעקט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דינה האָט געהערט צו דער גרופּע „יונג־יידיש", און צוזאַמען מיט דער דאָזיקער גרופּע, צו וועלכער ס'האָט אויך געהערט יאַנקל אַדלער, הענעך בארטשינסקי, מארק שווארץ און יצחק בראונער האָט זי אויסגעשטעלט אין יאָר 1919 אין ביאַליסטאָק. שפּעטער איז דינה מאַטום איבערגעגאַנגען פון סטאַלוגע־מאָלעריי צו טעאטראלע דעקאָראַציעס. מ'האָט זי געשעצט פאַר אירע גלענצנדיקע פּראָיעקטן פון קאָסטיומען און דעקאָראַציעס צו די פּיעסן „טאַנגענצאַפּ" און „די גאָלדפאַדען־שפּיל אין אַ גאַליציאַנער שטעטל". די אַרבעטן האָבן אַנטשפּראָכן דער ראָמאַנטיק פון דעם ערשטן יידישן טעאַטער אין קליינפּוילן.

זייער געלונגען זענען אויך געווען אירע דעקאָראַציעס צו דער פּיעסע פון יעקב פּרעגער „שמחה פּלאַכטע", וואָס איז אויסגעשטעלט געוואָרן דורכן „יונג־טעאַטער". אין דער דאָזיקער דעקאָראַציע האָט די קינסטלערין זייער טרעפלעך אונטערגעשטראָכן די ספּעציפיק פון דער יידישער פאָלקסטימלעכקייט. דינה מאַטום האָט געהאַט אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר די פאָדערונגען פון אַ גוטער טעאַטער־דעקאָראַציע, נאָר די שטענדיקע מאַטעריעלע דאגות פון די יידישע טעאַטערס האָבן זי געצוווּנגען צו באגרענעצן זיך צו די פּשוטסטע און סאמע ביליקסטע מיטלען, זי פלעגט נישט איינמאָל מקנא זיין דאָס פּוילישע טעאַטער, וואָס האָט דיספּאָנירט מיט אומפאַרגלייכלעך גרעסערע געלט־מיטלען. ד. מאַטום האָט אויך פּראָיעקטירט דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פאַר דער טעאַטער־סטודיע, וואָס עס האָט געשאַפן מ. בראָדערזאָן — דעם „אַררט" און

שפּעטער אויך פּאַרן „אַזאַזעל“. אין דער פריערער צייט האָט זיך די קינסטלערין פאַרנומען מיט סטאַלוגע־מאָלעריי, מאָלנדיק פּייזאַזשן, בלומען, פּאָרטרעטן, צווישן אַנדערע האָט זי אויך געשאַפן אַ פּאָרטרעט פון מ. בראָדערזאָן.

אין לאָדזש האָט אויך געשאַפן דער זייער אינטערעסאַנטער סקולפּטאָר העניך חיימאָוויטש.

דאָס פאַרמלחמהדיקע קליינפּוילן האָט געהאַט זיין אייגנאַרטיקע קינסטלערישע טראַדיציע, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די איינפלוסן, וואָס עס האָבן געהאַט אויפן יונגען דור קינסטלער אין דעם טייל פון לאַנד, די שאַפונגען פון מאַוריצי גאָטליב (1856 — 1879) און אפרים ליליען (1874 — 1925). דיביידע קינסטלער האָבן געשטאַמט פון דראָהאָביטש. אין דעם זעלבן גייסט האָבן אויך געשאַפן שמואל הירשענבערג (1866—1908), וועלכער האָט געשטאַמט פון סאַנאָק, אַדאָלף מעסער (1886—1931), ווי אויך דער קראָקעווער קינסטלער אַרטור מאַרקאָוויטש (1872 — 1934). די דאָזיקע פּיאָנערן, וועלכע האָבן זיך באַנוצט אין זייער קונסט מיט דער יידישער טעמאַטיק, האָבן אינספּירירט אַ גאַנצן דור יונגע קינסטלער אין דער ריכטונג פון שטייגער־מאָלעריי אויף יידישער טעמאַטיק.

פאַרשטייט זיך, אַז אין לויף פון דער צייט האָבן זיך געענדערט די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון קליינפּוילן. ס'האָט זיך אויך געענדערט דאָס לעבן פון די קליינע שטעטלעך מיט אַן איבערוויגנדיקער יידישער באַפעלקערונג. זיי זענען באַאיינפלוסט געוואָרן פונעם קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט אויך געבראַכט ענדערונגען אין דער עקאָנאָמיק פונעם לעבן און פונעם לעבנס־שטייגער.

אין קראָקע האָבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געלעבט אייניקע אָנגעזעענע קינסטלער, וועלכע האָבן קאָנטינואירט דאָס שאַפן אויף יידישע טעמעס. דאָס זענען געווען: לעאָן לעווקאָוויטש, יאַקוב פּפעפערבערג, ראַלף אימערגליק, פּרעניקעל, אנטאָני סאָלדינגער, מ. בירענבאַום און אנד. אלע זע ען זיי אומגעקומען בעת דער היטלער־אָקופּאַציע.

צו די עלטסטע קראָקעווער קינסטלער, וועלכע זענען אומגעקומען האָט געהערט אַ נ ט אָ נ י ס אָ ל ד י נ ג ע ר. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1885 אין פּאָדגוזשע היינטער קראָקע, אַ זון פון עלעאָנאָרע און איגנאַצי סאָלדינגער, אַ לאַנגיאָריקן ראַטמאַן פון דער דאָזיקער געגנט (איצט — אַ טייל פון קראָקע). אַנטאָני סאָלדינגער האָט שטודירט אַלס

אויף אַן אויסשטעלונג אין קראָקע אין יאָר 1938.
1. פּפעפערבערג, 2. סאָלדינגער, 3. האָכמאַן, 4. נוימאַן, 5. קערנער, 6. מרדכי געבירטיג, 7. הירשפּרונג, 8. איגנאַץ. טאַובמאַן, 12. פישער, 13. בלעכער, 15. מאָלקנער, 16. הערש וועבער.

געוויינלעכער סטודענט אויף דער קונסט־אַקאַדעמיע אין קראָקע אין די יאָרן 1903 — 1907. זיין פּראָפעסאָר איז געווען אין אָנהייב אוניעזשיסקי און שפּעטער אַקסענטאָוויטש. בעת זיינע שטודיען איז סאָלדינגער אויסגעצייכנט געוואָרן פאַר זיינע אַרבעטן מיט אַ לויב־נאָטיץ און מיט אַ בראָנזענעם מעדאַל. אין זיינע פּאַסטעל־אַרבעטן האָט סאָלדינגער נאָכגעמאַכט טיילווייז אַקסענטאָוויטשן, אין זיינע אייל־אַרבעטן דאַקעגן האָט זיך געמערקט אַן איינפלוס פון די אימפּרעסיאָניסטן. סאָלדינגער איז געווען הארציק באפריינדעט מיט אברהם נוימאנען, ארטור מארקאָוויטשן און הענריק האָכמאַנען. ער פלעגט אויך אַריינקומען צו שמואל הירשענבערגן ווען ער האָט פאַרבראַכט אין קראָקע. אַלס סטיפּענדיסט איז סאָלדינגער געפאָרן קיין פּאַריז און שפּעטער קיין האָלאַנד, פאַרברענגענדיק אין אויסלאַנד ביזן יאָר 1923. אין פּאַריז האָט ער געלעבט אין זייער שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען, זייענדיק געצוווּנגען צו מאָלן חתונה־פּאָרטרעטן לויט פאָטאָגראַפיעס. ער האָט נישט איינמאָל אויך קאָפּירט בילדער פון לוווּר, סאָלדינגער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער פּייזאַזשיסט און נישט קיין שלעכטער פּאָרטרעטיסט. נאָכן אומקערן זיך קיין פּוילן

3431 — 12

האָט סאָלדינגער אויסגעשטעלט זיינע בילדער אין דער קונסט־געזעלשאַפֿט און אין יאָר 1930 — אין אַקאַדעמישן הויז אין קראָקע צוזאַמען מיט די אַרטיקע יידישע פּלאַסטיקער. ער איז אומגעקומען אין טאַרנאָוו אין יאָר 1942.

ראַלף אימערגליק

ר אַ ל ף א י מ ע ר ג ל י ק איז געבוירן געוואָרן דעם 1892.4.10 אין קראָקע. ער האָט שטודירט מיט איבעררייסן אין דער קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע אין די יאָרן 1915 — 1929. ער האָט שטודירט ביים פּראָפעסאָר אַקסענטאָוויטש. אין דער מאָלעריי האָט ער הויפּטזעכלעך אַקצענטירט דאָס אַרויסברענגען דעם מענטשן אין דער נאַטירלעכער פּאָזע, דערביי האָט ער געהאַט אַ באַזונדערן חוש אויסצוגעפינען אינטערעסאַנטע מאָדעלן. אימערגליקס פּאַסטעלן (אין וועלכע עס פילט זיך דער איינפלוס פון אַקסענטאָוויטשן) זענען באַהויכט מיט עפּעס אַן אומעט און פאַרטראַכטקייט.

אימערגליק באַנוצט זיך גערן מיט בלוי־גרינע טענער פון די פאַרבן. אין זיינע בילדער האָט ער ליב געהאַט צו פּסיכאָלאָגירן און זייער אינהאַלט איז דורכגעזאַפּט געווען מיט אַ סך געפיל.

יאַקוב פפעפערבערג

י אַ ק ו ב פ פ ע פ ע ר ב ע ר ג איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1900 אין קראָקע. ער האָט שטודירט אין דער דאָרטיקער קונסט־אַקאַדעמיע אין די יאָרן 1922 — 1924. די טעמאַטיק פון זיינע אַרבעטן איז געווען די יידישע אָרעמקייט פון די ענגע הויפן פונעם קראָקעווער קאַזשימיעזש. ער מאָלט יידן, וואָס זיצן יום ולילה אין די ענגע, דומפּיקע שולן. מיר טרעפן אויך אין זיינע בילדער אַזעלכע מאָטיוון ווי: „דער אַפּאַש", „פּויערים", „סטראַגאַנעס" און ענלעכע.

פפעפערבערג האָט אויך געמאָלט נאַטור־בילדער. זיינע בילדער האָבן זיך שוין פאַר דער מלחמה אָנגעהויבן צו באַווייזן אויף אַלגעמיינע אויסשטעלונגען. בעת דער מלחמה איז פפעפערבערג אַוועק קיין לעמבערג. דאָ האָט ער אין יאָר 1940 אָנטיילגענומען אין דער אַלגעמיינער אויסשטעלונג פון פּלאַסטיק. אין יענעם פּעריאָד האָבן זיך זיינע בילדער אויך באַוויזן אין מאָסקווע און אין כאַרקאָוו.

פפעפערבערג איז אומגעקומען בעת דער אָקופּאַציע אין לעמבערג.

יוזעף באַדאָווער

אַן אינטערעסאַנטער קינסטלער איז געווען י ו ז ע ף ב אַ ד אָ ו ו ע ר, געבוירן אין יאָר 1900. ער האָט געשטאַמט פון טאָמאַשאָוו־מאַזאָוו., אָבער געוווינט שטענדיק אין סאָסנאָוויץ. דער דאָזיקער קינסטלער איז געווע־ ענג פאַרבונדן מיטן קונסט־לעבן פון קראָקע. ער פלעגט מאָלן ברייט און רחבותדיק, אַריינפירנדיק אין זיינע בילדער אַן עסטעטישן טאָן. ער איז געניייגט געווען צו דער בלאָק־פאָרם אַזוי ווי די קוביסטן, דערביי איז ער געווען אין זיין קאָלאָריסטישער טאָנאַציע דינאַמיש. באַדאָווער האָט גע־ שאַפן אַ סך בילדער מיט יידישע מאָטיוון. ער האָט אַ סך געאַרבעט ביים באַפוצן די שול אין סאָסנאָוויץ מיט פאַרשידענע מאָלערייען.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה האָבן זיך באַדאָווערס ביל־ דער אָנגעהויבן צו באַווייזן אויף די אַלגעמיינע לאַנד־אויסשטעלונגען. ער איז געווען אייגער פון די, וועלכע האָבן איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג אין סאָסנאָוויץ, די הכנסה פון דער אויסשטעלונג האָט ער באַשטימט לטובת די אַרבעטסלאָזע קינסטלער.

באַדאָווער איז אומגעקומען בעת דער אָקופּאַציע.

לעאָן לעווקאָוויטש

דער אָריגינעלסטער פון דער דאָזיקער גרופּע איז געווען ל ע אָ ן ל ע ו ו ק אָ ו ו י ט ש. ער האָט געשטאַמט פון ראַוווע. אין יאָר 1913 איז לעווקאָוויטש געקומען קיין קראָקע, וווּ ער איז אויפגענומען געוואָרן אויף דער דאָרטיקער קונסט־אַקאַדעמיע. ער האָט דאָ שטודירט אונטער דער ליטונג פון דעם אָנגעזעענעם מאָלער לעאָן וויטשולקאָווסקי. שוין אין ערשטן יאָר פון זיינע שטודיען האָט לעווקאָוויטש באַקומען אַן אויסציי־ כענונג און אַ געלט־פּרעמיע פאַר זיינע אַרבעטן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער זיך געלערנט אונטער דער ליטונג פון פּראָפ. אַקסענטאָ־ וויטש. אויך דאָ האָט ער באַקומען אויסצייכענונגען און געלט־פּרעמיעס. די שאַפונג פון לעווקאָוויטשן איז געווען אַזוי ווי אַ דערגענצונג, אין גוטן זין פון וואָרט, צו דער קונסט פון אַרטור מאַרקאָוויטשן, וועמען ער האָט שטאַרק געשעצט. אין קעגנזאַץ אָבער צו דעם סובטעלן און דינעם מאַר־ קאָוויטשן איז לעווקאָוויטשעס שאַפונג געווען צו אויסדריקלעך. די דאָמי־ נירנדיקע טעמאַטיק פון לעווקאָוויטשעס בילדער איז דער מענטש אין זיין גאַטירלעכער אומגעבונג. מאָלנדיק מענטשן אין זייער טאָג־טעגלעך,

גרוי לעבן, האָט ער דאָס נישט געטאָן טרוקן. צווישן דעם אמת, וועלכן ער האָט געוואָלט ווייזן דעם צושויער און די מאָלערישע וואַלאָרן פון זיינע בילדער איז נישט געווען קיין אָפּגרונט, וואָס מען קאָן אָפּט באַמערקן אין דער שאַפונג פון אַ סך מאָלער.

ביי לעווקאָוויטשן האָט עקזיסטירט אַ זייער אינטימע באַציונג צווישן דעם שעפער פון בילד און זיין מאָדעל. אין לעווקאָוויטשעס שאַפונג טרעפן מיר אָפּט דעם מאָטיוו פונעם יידישן קינד, יונגע מיידלעך און בחורים. דערביי זענען די אַלע פּנימער דורכגעלויכטן מיט אַן אינערלעכע שיינקייט, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מען דערקענט, אַז די מאָדעלן, דאָס איז געווען די יוגנט, וואָס האָט געהערט צו די אָרעמסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט געוווינט אין די פּאָרשטעט. לעווקאָוויטש באַמיט זיך צו זיין אין זיין שאַפונג קאָנקרעט, די ליניע פון זיין צייכענונג איז וואָס אַן אמת זייער סובלימירט, אָבער דער עלעמענט, וועלכן ער אַקצענטירט אַמשטאַרקסטן, איז דער קינסטלערישער אמת.

לעווקאָוויטש האָט פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן סטיל. זיינע בילדער ווירקן אויפן צושויער ווי מאָלערישע פּאָעמעס, זיי ווירקן אַזוי ווי די פאָלקס־לידער פונעם דיכטער מרדכי געבירטיג. די און יענע וואַקסן אַרויס פון איין און דעם זעלבן שטאַם.

לעווקאָוויטשן האָב איך באַזוכט צום ערשטן מאָל אין אַ געפּלדיקן יאַנואַר־טאָג פון יאָר 1935. זיין אַטעליע, וואָס האָט זיך דעמלט געפונען אין דעם יידישן קוואַרטאַל פון קראָקע, איז געווען זייער אַ באַשיידענע. ס'איז געווען דאָרט קאַלט און דורך די מוטנע שויבן האָט מען נישט געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך אויף דער טומלדיקער גאַס. בעת זיין געשפּרעך מיט מיר האָט זיך לעווקאָוויטש נישט באַקלאָגט אויף זיין שווערן גורל. ווייזט אויס, אַז ער האָט שוין לאַנג שלום געמאַכט דערמיט, האַלטנדיק, אַז אַזוי מוז זיין. ווען ער האָט אָבער מיר געוויזן זיינע בילדער, אָנשפּאַרנדיק זיי יעדעס מאָל אין דער הוילער וואַנט, איז אין צימער געוואָרן היימלעכער, ליכטיקער און עס האָט זיך אפילו געדאַכט, אַז ס'איז געוואָרן וואַרעמער, פריילעכער.

לעאָן לעווקאָוויטש האָט געהאַט עפּעס געמיינזאַמס מיט מאַוריצי גאָטליבן, אויך זיינע בילדער האָבן געאָטעמט מיט דעם פלאַם פון הייסע פאַרבן, וואָס האָבן קאָנטראַסטירט מיט דער אַרומיקערווירקלעכקייט. לעווקאָוויטש איז געווען אַ ראָמאַנטיקער פון אַ ספּעציעלן מין. דערביי האָט ער אַלס שטיינגער־מאָלער, וועלכער האָט זיך באַנוצט כמעט אויס־

שליסלעך מיט דער יידישער טעמאַטיק, אַרויסגעוויזן אין דער פאָרם פון זיין שאַפונג עטוואָס פון בידערמייערן אַ לאַ אָטטאָ רונגע אָדער ברידער פייט (אייניקלעך פון משה מענדעלסאָן).

לעווקאָוויטש האָט אויך פּראָיעקטירט דעקאָראַציעס פאַרן קראָקעווער יידישן טעאַטער. אין יאָר 1923 אָדער 1924 האָט ער געמאָלט דעקאָראַציעס צו טאָלערס פּיעסע „הינקעמאַן“.

עד היום איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן ביי וועלכע אומשטענדן דער קינסטלער איז אומגעקומען.

צום קרייז פון די קראָקעווער מאָלער האָט אויך געהערט גאָלדהובער, וועלכער האָט געצייכנט זיינע בילדער מיט דעם פּסעוודאָנים „טשיי“. גאָלדהובער האָט געשטאַמט פון קאָוולער געגנט, ער האָט שטאַרק ליב געהאַט אַראָמאַטישע גוטע טיי, פאַרבריט לויטן רוסישן שטייגער. פון דאַנען שטאַמט זיין פּסעוודאָנים „טשיי“. זיינע בילדער זענען געווען אַן אויסדרוק פון זיין שפּרודלדיקן טאַלאַנט, הייסע פול מיט פּאַטאָס. צווישן די קראָקעווער קינסטלער, ווי אויך אין זאַקאָפּאַנע, וו ער פלעגט אָפט זיין, איז גאָלדהובער געווען זייער פּאָפּולער.

(אסתר) עדיטאַ רימפעל

(אסתר) עדיטאַ רימפעל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1898 אין קלאַי (נעבן קראָקע). זי האָט געענדיקט די פרייע מאָלער-שול אין קראָקע, שטודירנדיק אונטער דער לייטונג פון די פּראָפעסאָרן פּראָנאַשקאַ, פּעדקאָוויטש און האָמאָלאַטש.

אסתר רימפעל האָט אייניקע מאָל אויסגעשטעלט אירע בילדער אין קראָקע און שפּעטער אויך אין לעמבערג. זי איז געווען אַ גוטע פּאָרטרעטיסטין און אירע נאַטור-בילדער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שטימונגספולקייט און פּאָעטישער קאָנטעמפּלאַציע.

וועגן אסתר רימפּעלס שאַפונג שרייבט דבורה פאָגעל אין איר רע־צענזיע פון 1. 11. 1938 אין די „סיגנאַלן“ פאָלגנדיקס: „אין אירע צוויי פּרויען־געשטאַלטן, אין דער קאַלטער גרין־בלוילעכער טאָנאַציע פון דער פאַרב דערמאָנט זי די פּאַראַיינפאַכונג פון דעם מין סטיליזאַציעס פון גאָ־גען“ (רעצענזיע וועגן דער אויסשטעלונג פונעם לעמבערגער פּראָפעריין פון קינסטלער־פּלאַסטיקער).

די קינסטלערין איז אומגעקומען בעת דער אָקופּאַציע.

משה וואַלדמאַן

פון קליינפּוילן האָט אויך געשטאַמט משה וואַלדמאַן. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט זייער אַ קאָמפּליצירטער פּסיכישער סטרוקטור. דאָס ביסל ידיעות פון זיין לעבן קאָן דעריבער נישט אויסשעפּן די כאַ־ראַקטעריסטיק פון דער דאָזיקער געשטאַלט.

וואַלדמאַן האָט געשטאַמט פון סטאַניסלאַוואָו. ער האָט שטודירט אויפן אוניווערסיטעט און שפּעטער האָט ער אָנגענומען די שטעל פון אַ גימנאַזיע־לערער. די דאָזיקע באַשעפטיקונג האָט אים נישט באַפרי־דיקט. ער האָט זיך אויסגעלעבט אין דער סביבה פון קינסטלער. ער האָט זיך אינטערעסירט מיטן לעבן פון טעאַטער און ליטעראַטור. ער איז געווען אַ מין עקספּערט פאַר קונסט־ענינים ביים קראָקעווער „באָווי דזשעגניק“. וואַלדמאַן איז געווען אַן אייגנייער אין פאַרשידענע אַטעליעס פון די מאָ־לער און פלעגט זיך אַנטציקן מיט די נייע ריכטונגען אין דער מאָלעריי, ווען ער פלעגט אָבער אומקערן זיך אַהיים פון די דאָזיקע וויזיטן, פלעגט ער זיך זעצן צו זיין רייסברעט און פלעגט שאַפן פאַרשידענע קאָמפּאָזי־ציעס. ער האָט זעלטן ווען אָנטיילגענומען אין אויסשטעלונגען, מער באַ־קאַנט זענען זיינע אַרבעטן פאַרן יידישן טעאַטער.

ער איז אויך דער מחבר פון א מאנאגראפיע וועגן מאוריצי גאָטליב. ער איז אומגעקומען אין סטאַניסלאַוואָו אין יאָר 1941.

לעמבערג איז אין דעם צווישנמלחמה־פּעריאָד געווען עקאָ־נאָמיש זייער געפאַלן און אין דער דאָזיקער שטאָט האָבן וועגעטירט אַ סך קינסטלער, פאַרשטייט זיך אויך יידישע. אין דער דאָזיקער שטאָט מיט דער אַלטער טראַדיציע פון גוטע גאָלדשמידן און גראַווירער ווי אויך שע־פער פון אינטערעסאַנטע מצבות, האָט געלעבט אין ניינצנטן יאָרהונדערט

די משפחה דאָרנהעלם, וועלכע האָט זיך פֿאַרנומען מיט גראַווירעריי און אָרנאַמענטיק. די אָפּנעמער פֿון זייערע אויסאַרבעטונגען, דאָס זענען געווען גבירים פֿון פֿאַרשידענע אייראָפּעישע שטעט, וואָס האָבן געקענט דעם ווערט פֿון אַזעלכע חפצים. די אויסאַרבעטונגען פֿון דער משפחה דאָרנהעלם האָבן דערגרייכט אי קיין ווין, אי קיין לאָנדאָן, פּעטערבורג און פּאַריז. ברוך, שמחה און יאַקוב דאָרנהעלם, ווי אויך דאָס ווייב פֿונעם לעצטן האָבן זיך פֿאַרנומען מיט אויספֿירן פֿאַנטאַסטישע באַפּוצונגען צו מנורות, טאַצן, בעכערס, מזוזות, בשמים־ביקסן, ווי אויך פֿאַרשידענע וועלטלעכע חפצים פֿון האָלץ און מעטאַל.

בנוגע לעמבערגער קינסטלער פֿון פֿאַר דער מלחמה איז באַקאַנט געווען דער אַרכיטעקט א ו י ן, דער אַרכיטעקט ז י ג מ ו נ ט ש פּ ע ר ב ע ר, געבוירן אין יאָר 1872 אין סטאַניסלאַוואָוו. דער לעצטער האָט אויסער זיין פּראָפֿעסיאָנעלער אַרבעט זיך אויך אינטערעסירט מיט אַלטערטימלעכע יידישע געביידעס פֿון לעמבערג, ער האָט געמאַכט גראַפֿישע סקיצן פֿון דער באַרימטער שול „די גאָלדענע רויז“ (אי פֿון דער אויסערלעכער אַרכיטעקטור, אי פֿון דער אינערלעכער), ווי אויך פֿון פֿאַרשידענע אַלטערטימלעכע הייזער אויף דער גאַס פֿון די בוימס, פֿון פֿאַרשידענע מצבות אויפֿן יידישן בית־עולם און אַנד.

אויף אַן אַנדערן געביט האָט געשאַפֿן ז י ג מ ו נ ט ב א ל ק, דער לאַנגיאָריקער דעקאָראַטאָר פֿון דעם לעמבערגער גרויסן טעאַטער און דער קאָסטיומען־פּראָיעקטאַנט פֿון דעם דאָזיקן טעאַטער. באַלק האָט אויף דעם געביט אויך מיטגעאַרבעט מיטן רעזשיסער פֿון יידישן טעאַטער אין לעמבערג דוד הערמאַן. פֿאַר דעם טעאַטער האָט באַלק געשאַפֿן דעקאָראַציעס צו דער פּיעסע „יתומים“ פֿון פּרעגערן און צום „פּאָטער“ פֿון פּינסקין. זיגמונט באַלק האָט אויך אָנטיילגענומען פֿון צייט צו צייט אין די לעמבערגער אויסשטעלונגען. אין די לעצטע יאָרן פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אויך מיט אים מיטגעאַרבעט זיין זון העגריק באַלק, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן א באַדייטנדיקן מאָלערישן טאַלאַנט.

צו די אַזוי גערופֿענע מאָלער־אויטאָדידאַקטן, וועלכע האָבן פֿאַרוואונדערט די וועלט מיט זייער קונסט, האָט געהערט די לעמבערגער משפּחה ז אַ ק מיט ש ב ת י ז אַ ק אין דער שפּיץ. ער האָט געלעבט ביז צו דער היטלער־אָקופּאַציע, ווען ער איז אַלט געווען 80 יאָר. אין דער יוגנט איז ער אָנגעקומען פֿון סאַלאָניקי, וואָס איז דעמלט געווען נאָך אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די טערקן. שבתי זאַק איז געווען אַ מאָלער,

סקולפּטאָר, גראַפיקער און אין דער ערשטער ריי אַן ערנסטער מייסטער פון פאַרשידענע רעליגיעזע חפצים. ער האָט געשאַפן קליינע קונסטווערק פאַר שולן ווי: מנורות, שקאַטולן באַפּוצטע מיט האַנטשניצערייען און אַנד. חפצים. חוץ דעם פלעגט ער מאָלן פאַרשידענע באַפּוצונגען נישט נאָר אין שולן, נאָר אויך אין קירכעס. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט אים צוגעהאָלפן זיין ברודער, וועמען ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון טערקיי. שפּעטער האָבן אויך מיט אים מיטגעאַרבעט זיינע זין און אפילו טעכטער. אַלץ, וואָס דער דאָזיקער משפחה־אַנסאַמבל האָט געשאַפן, איז געווען ריטמיש און האַרמאָניש. צו זיין אָרנאַמענטיק האָט שבתי געשעפּט מאָטיוון פון תנ״ך, אָבער מיט דעם אויסנאַם, וואָס ער האָט זיינע אָרנאַמענטן דורכגעפלאָכטן מיט מענטשלעכע פיגורן.

הענריק זעלצער

אומקערנדיק זיך צו די מאָלער, מוז מען אויך דערמאָנען הענריק זעלצער, וועלכער האָט פאַר דער מלחמה געלעבט אין לעמבערג. דער קינסטלער האָט זיך געהאַלטן פונדערוייטנס פון דעם רעקלאַמע־טומל. זיינע בילדער האָבן געאָטעמט מיט פאַנטאַזיע, זיינע פּייזאַזשן זענען געווען רירנדיק.

קלאַראַ הערצמאַן

קלאַראַ הערצמאַן האָט געשטאַמט פון לעמבערג. זי איז געווען פון פאַר אַ פּאַלעאָנטאָלאָג. ביזן יאָר 1939 האָט זי געאַרבעט אינעם וואַרשעווער אַרכעאָלאָגישן מוזיי. נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה האָט זי זיך דערשלאָגן קיין לעמבערג און דאָ האָט זי אין משך פון אַ יאָר צייט געאַרבעט אַלס לייטערין פון דער ביבליאָטעק ביי דער אוקראַאינישער קונסט־גאַלעריע. שפּעטער האָט זי מיטגעאַרבעט ביים אָרגאַניזירן אַן אַרכעאָלאָגישן מוזיי אין לעמבערג. קלאַראַ הערצמאַן האָט געהאַט דעם טיטל מאַגיסטער און אין יאָר 1941 האָט זי געשריבן איר דאָקטאָר־אַרבעט. זי איז דעמלט אַלט געווען אַן ערך 30 יאָר. זי איז וואַרשיינלעך אומגעקומען אין לעמבערג.

מארעק מענדריטש

אין לעמבערג האָט אויך געשאַפן מאַרעק מענדריטש. אויך ער איז פאַר דער מלחמה געווען ווייניק באַקאַנט, ווייל מ'האָט זיך

נישט פֿאַראינטערעסירט מיט זײַן קינסטלערישער שאַפֿונג. דאָס זעלבע קאָן מען אויף זאָגן װעגן י. ר יי ט מ אַ נ ע ז, װעלכער האָט אימפּראָװיזירט זײַנע שטימונגספֿולע בילדער. זײַנע מאָלערישע שאַפֿונגען קאָן מען דרייסט פֿאַרגלײַכן צו די אַרבעטן פֿון די באַקאַנטע מאָלער־אימפּרעסיאָניסטן.

בראָניסלאַװ שנײַדער

ב ר אָ נ י ס ל אַ װ ש נ ײַ ד ע ר איז געװען אַן ערנסטער יונגער קינסטלער, װעלכער האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט דער טראַגעדיע פֿון זײַן גענעראַציע (ער איז געװען אַ סטודענט פֿון לעמבערגער פּאָליטעכניקום, בעת די ענדעקישע יוגנט איז טאָג־טעגלעך אָנגעפֿאַלן אויף סטודענטן ייִדן). שװאַרץ איז געװען אַ מיטאַרבעטער פֿון די לעמבערגער הומאָריסטיש־סאַטירישע צײַטשריפֿטן װי: „שטשוטעק“, „װרובלע נאַ דאַכו“ און אין די לעצטע יאָרן פֿאַר דער מלחמה האָט ער אויך מיטגעאַרבעט מיט די װאַרשעװער „שפּילקעס“.

סאַמועל גאָלדפֿאַרב

צו די לעמבערגער קינסטלער, װעלכע זענען פֿאַר דער מלחמה געשטאַנען אויף דער שװעל פֿון זייער קינסטלערישער קאַריערע, האָט געהערט ס אַ מ ו ע ל ג אָ ל ד פֿ אַ ר ב. די מאָטיװן פֿון זײַנע גראַפֿישע אַרבעטן האָבן אַרויסגעבראַכט די נויט פֿון די אָרעמע און זייער שװער לעבן. אין יאָר 1940 זענען זײַנע גראַפֿישע אַרבעטן אײַנגעשלאָסן געװאָרן אין די אויסשטעלונגען פֿון די לעמבערגער קינסטלער אין קיעװ און אין כאַרקאָװ.

אָטטאָ האַבינגער

אָ ט ט אָ ה אַ ב י נ ג ע ר — אַ לערער פֿון צײכענען אין דער לעמבערגער ייִדישער גימנאַזיע, האָט געשאַפֿן גװאַשן און אַקװאַרעלן אין גייסט פֿון לעזשערן. האַבינגערס אַרבעטן זענען געװען מער פֿאַרשטענדלעך װי די אַרבעטן פֿון די פֿראַנצױזישע מאָלער און זענען אויך פֿול געװען מיט לעבעדיקער עקספּרעסיע. האַבינגער האָט מייסטנס זיך באַנוצט מיט לעמבערגער מאָטיװן.

סאַמועל זיידמאַן

דער מאָלער פון די רחבותדיקע פּאָדאָליער פעלדער איז געווען ס אַ מ ו ע ל ז יי ד מ אַ ן. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 20. 11. 1898 אינעם דאָרף מילנאָ ביי טאַרנאָפּאָל, וווּ זיין פאָטער האָט געאַרבעט אַלס פּאַרוואַלטער פון גיטער. שוין אַלס קליין ייִנגל איז ער געקומען אין באַריִרונג מיט פּויערים און זייער אַרבעט אויפן פעלד און אַזוי־אַרום זיך צוגעבונדן צו דער היימישער לאַנדשאַפט. ער האָט זייער ליב געהאַט פערד און שפּעטער פאַרנעמט דאָס פערד גישט קיין קליין אָרט אין זיין מאָלערישער שאַפונג. שוין אַלס 5־יאָריק ייִנגל האָט ער אין דעצידירטע קאָנטורן אָנגעצייכנט די פעסטונג פּאָרט־אַרטור. ווען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס דאָרף, וווּ עס האָבן געלעבט די זיידמאַנס, פאַרברענט געוואָרן, האָט זיך די משפּחה איבערגעצויגן קיין לעמבערג. דאָ באַזוכט סאַמועל די גימנאַזיע. די לערער זייַנען פעסטשטעלנדיק, אַז דאָס ייִנגל פאַרמאָגט אַ מאָלערישן טאַלאַנט, באַקענען אים מיט דער צייכןטעכניק און מיטן אופן פון געשטאַלטיקן די פאָרם. נאָכן ענדיקן די מיטלשול שטודירט זיידעמאַן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע אונטער דער ליייטונג פון פּראָפ. טאַדעוש פּרושינסקי, אָבער די קרענק און שפּעטער דער טויט פון זיין פאָטער צווינגט אים זיך אומצוקערן קיין לעמבערג. אין די שווערע צווישנמלחמה־יאָרן איז זיידמאַן געצוווּנגען צו פאַרדינען מיט לעקציעס, אָבער ער האָט זיך ווייטער געבילדעט אונטער דער ליייטונג פון די מאָלער אַבערדאַם און נאָוואַקאָווסקי. די יאָרן 1925 — 1935, דאָס איז דער פּעריאָד פון דער אינטענסיווסטער שעפערישער אַרבעט פון זיידעמאַנען. ער מאָלט דעמלט נאַטור־בילדער פון פּוילישן דאָרף און פון די בערג ווי „ווינטער אין פּאָדאָליע“, „דער שפּאַציר מיטן שליטן“, „דער אָנזיכט אויף ווישניץ“, „טראַטוועס“, „יאַוואָרניק“, „ביים פּרוט“, „דער

אָנזיכט אויף דער לאַבע", „די טשערעדע ביים וואַסער", „אַ הוצולישע ווירטשאַפט" און אַנד.

סאַמועל זיידמאַן האָט אויך געמאָלט בילדער אויף יידישער טע־מאַטיק: „די שבת־ליכט", „שמחת־תורה", „די תפילה". אין אָנהייב האָט זיידעמאַן געמאָלט אַקוואַרעל־בילדער, שפּעטער אויך אייל־בילדער און האַרט פאַר דער מלחמה האָט ער זיך אויך גענומען צו מעטאַלאָפּלאַסטיק. אַמגערנסטן האָט ער געשאַפן בילדער אין קליינעם פאָרמאַט. ער האָט אויך געמאָלט האַרמאָנישע שטיל־לעבנס.

סאַמועל זיידמאַן האָט אויסגעשטעלט זיינע בילדער אין די יאָרן 1930 — 1935 אין דער לעמבערגער „זאַכענטע" און אין דעם קונסט־סאַלאָן.

בעת דער מלחמה איז דער גרעסטער טייל פון זיידמאַנס אַרבעטן פאַרניכטעט געוואָרן. פון די איבעריקע באַקאַנטע בילדער זיינע דאַרף מען דערמאָנען „די דיסקוסיע איבער שפּאַציר". פינף בילדער זיידמאַנס זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן ביי דער משפחה פון קינסטלער, וועלכע וווינט אין ישראל. סאַמועל זיידמאַן איז וואַרשיינלעך אומגעקומען אין יאָר 1942 אין זאַלעשטשיקי אָדער אין לעמבערג.

רודאָלף מענקיצקי

רודאָלף מענקיצקי (אייגנטלעך: מענקעס) איז געבוירן גע־וואָרן אין יאָר 1887 און געשטאָרבן דעם 1942.8.21 אויף אַ האַרץ־אַטאַק בעת דער פאַרשטאַרקונג פון דער „אויסזידלונגס־אַקציע" אין לעמבערג. מענקעס איז געווען אַ באַקאַנטער גראַפיקער און אַ מוזעאָלאָג — אַ געלערנ־טער, דער פאַרוואַלטער פון מוזיי א. נ. פון קעניג יאַן דעם דריטן. ער איז אויך געווען איינער פון די פוילישע אויטאָריטעטן אויפן געביט פון נומיז־מאַטיק און דערביי אַן אָנגעזעענער עטנאָגראַף. ער האָט געשאַפן ארבעטן אויף יידישע מאָטיוון. באַזונדערס האָט ער זיך אינטערעסירט מיט דער אינערלעכער איינריכטונג פון די אַלטע לעמבערגער שולן (די גאָלדענע רויז און אנד.). איינער פון די דאָזיקע גראַפישע אַרבעטן מענקעסעס האָט פאַר־געשטעלט די שול אין דער פאָרשטאָט פון לעמבערג — זניעשעניע, חוץ דעם האָט ער געשאַפן אַ סך עקס־ליבריסן מיט יידישער אָרנאַמענטיק.

הענריק לאַנגערמאַן

ה ע נ ר י ק ל אַ נ ג ע ר מ אַ ן, געב. אין יאָר 1896 אין בּאָריסלאַוו, אומגעקומען אין יאָר 1942. וועגן דעם דאָזיקן מאָלער וואָלט מען בּאַדאַרפט אָנשרייבּן אַ ספּעציעלע מאָנאָגראַפיע. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט לאַנגערמאַן שטודירט אויף דער ווײַמאַרער קונסט־אַקאַדעמיע, וווּ עס האָט געהערשט צווישן די קינסטלער אַן אויסערגעוויינלעכע סאָלידאַרישקייט. אין ווײַמאַר איז אַנטשטאַנען דעמאָלט אַ ספּעציעלע עקספּערימענטאַלע שול, דאָס אַזוי גערופענע „באַוהאַוז“, וווּ האַנט בּײַ האַנט מיט דײַטשן, האָבּן אויך געגעבּן לעקציעס די מאָדערניסטישע קינסטלער, ווי דער רוס וואַסילי קאַנדינסקי, דער אונגאַר מעהאָלי־נאָדזשי, ליאָנעל פֿײַנינגער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, פּאַול קלעע פֿון דער שווייץ. לאַנגערמאַן, וועלכער איז דעמאָלט געווען אין ווײַמאַר, האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט דעם דאָזיקן גייסט פֿון הומאַניזם, וועלכן דאָס „באַוהאַוז“ האָט אויסגעשטראַלט. פֿון דאַנען שטאַמט דער טיפֿער אָפּטימיזם מיט וועלכן ס'אָטעמען זײַנע שאַפֿונגען, איבּערהויפּט די, וווּ די טעמע איז דער מענטש, אַפֿילו ווען די אַרויסגעבראַכטע מענטשן זענען דערדריקט פֿון די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען. ווי אַ סך אַנדערע, האָט דער קינסטלער נישט פֿאָרויסגעזען, אומקערנדיק זיך פֿון פֿראַנקרײַך, דעם שרעקלעכן קאַטאַקליזם, וואָס האָט זיך דערנענטערט. לאַנגערמאַנס ווערק האָבּן געוווּנען אָנערקענונג נישט נאָר אין פּוילן, נאָר אויך אין דײַטשלאַנד, פּאַריז, ווין, וווּ ער האָט נישט איינמאָל אויסגעשטעלט זײַנע אַרבּעטן. אין יאָר 1940 האָט לאַנגערמאַן אָנטיילגענומען אין דער לעמבּערגער אויסשטעלונג, ווי אויך צוזאַמען מיט די לעמבּערגער מאָלער — אין מאָסקווע. דער קינסטלער איז אומגעקומען אין לעמבּערג.

אַננאַ אייגער

אַ נ נ אַ א י י ג ע ר, אַנטלויפֿנדיק, ווי אַ סך קינסטלער, פֿאַר די היטלעריסטן, האָט זיך פֿאַרהאַלטן אין לעמבּערג. אויך זי האָט זיך דאָ געשאַפֿן אַ קינסטלערישע פּאָזיציע און אירע גראַפֿישע אַרבּעטן האָבּן זיך באַוויזן אויף די אויסשטעלונגען אין קיעוו און אין כאַרקאָוו צוזאַמען מיט די אַרבּעטן פֿון אַנדערע לעמבּערגער קינסטלער.

עלזשביעטאַ באַגלייטער

צו די יונגע טאַלענטירטע קינסטלער האָט אויך געהערט די לעמבערגער איינוווינערין עלזשביעטאַ באַגלייטער, וועלכע האָט אויסגעשטעלט אירע ארבעטן נישט נאָר אין לעמבערג, נאָר אויך אין וואַרשע און אין קראָקע צוזאַמען מיט די פּאָרגעשריטענע מאָלער — מאָדערניסטן.

אָסקאַר שאוער

א לעמבערגער איז אויך געווען אָסקאַר שאַוער, א טאַלענטירטער פּאָרטרעטיסט, וועלכער האָט א פּאָר יאָר פאר דער מלחמה אָנגעהויבן צו שטעלן זיינע ערשטע טריט אויף די אויסשטעלונגען.

אָסקאַר אוערבאַך

אָסקאַר אוערבאַך דאַקעגן איז געווען א פּייזאַזשיסט, וואָס האָט פּארמאָגט א ווייכן, זאַפטיקן קאָלאָריט.

מאַרילא ספּעט־אָפּענהיים

צו די לעמבערגער קינסטלער האָט אויך געהערט מאַרילא ספּעט־אָפּענהיים. אירע בילדער האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין די לעצטע יאָרן פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה אויף די בעסטע לאַנד־אויסשטעלונגען. צווישן אנדערע האָט זי אויך אָנטיילגענומען אין דער אויסשטעלונג „די שאַפונג פון פרויען־קינסטלערינס אין אייראָפּע“, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין פּאריז אין יאָר 1937. בעת דער היטלער־אָקופּאַציע איז זי אין ראַבקע אריינגעפאַלן אין די הענט פון די היטלעריסטן און איז אומגעקומען אין דער תפיסה פון געסטאַפּאָ.

יוזעף מאַלערמאַן

אין לעמבערג האָט אויך געלעבט יוזעף מאַלערמאַן, געב. אין יאָר 1908. אין אָנהייב האָט ער שטודירט אין דער קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע און שפּעטער אין פּאריז. נאָכן אומקערן זיך פון אויסלאַנד האָט מאַלערמאַן געעפנט אין זיין געבוירנשטאָט א פאָטאָגראַפישן אַנשטאַלט. ער האָט א סך מאָל אויסגעשטעלט זיינע מאָלערישע ארבעטן.

דער אינדוסטריע־מוזיי אין לעמבערג האָט אויך איינגעאָרדנט אן אויס־שטעלונג פון זיינע ארבעטן. בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאציע איז מאלערמאַן געווען א יידישער פּאָליציאַנט. אין יאָר 1943 איז ער צוזאמען מיט אנדערע פּאָליציאַנטן דערשאָסן געוואָרן דורך דער אוקראַינישער פאַשיסטישער פּאָליציי.

העלענע ריפּפּעל

העלענע ריפּפּעל האָט געשאפן סקולפּטורן און מעטאַלאָפּלאַס־טישע ארבעטן. זייער אינטערעסאַנט אין דער אויספּאַסונג איז געווען איר קאָמפּאָזיציע אויף דער טעמע פון דריי פּעריאָדן אין לעבן פונעם מענטשן.

אין לעמבערג איז אויך אומגעקומען דער יינגיטשקער, קוים 13־יאָרי־קער, פיל צוזאָגנדיקער טאַלאַנט פּיין. די ארבעטן פון דעם זייער פעיקן יינגל האָבן זיך אויפגעהאַלטן אדאנק א געווים לעמבערגער דאָקטאָר, וועל־כער האָט זיי צו זיך גענומען צוזאמען מיט די גראפישע ארבעטן פון א צווייטן יידישן קינסטלער מענדל רייף, און נאָך דער מלחמה האָט ער זיי איבערגעגעבן דער יידישער געזעלשאַפט צו פארשפרייטן קונסט. צווישן פּיינס ארבעטן קאָן מען אונטערשיידן אייניקע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן, אָנהייבנדיק פון 9־טן יאָר פון זיין לעבן. דאָס זענען מייסטנס גראפישע אר־בעטן, וואָס זענען אויסגעפירט מיט א בלייפעדער אָדער מיט טוש. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען איין אַקוואַרעל, וואָס שטעלט פאָר א „שטיל־לעבן", צוממייסטן אינטערעסאַנט זענען זיינע אויטאָפּאָרטרעטן.

ד"ר לאַוטערבאַך

ד"ר לאַוטערבאַך איז געווען אין לעמבערג איינער פון די פּיל־באַרסטע קונסט־קריטיקער. ער האָט געהאַט דעם מוט צו קעמפן פאר א גע־העריקן פּלאַץ פאר די קינסטלער־פּלאַסטיקער, וועלכע זענען נאָך נישט אָנערקענט געוואָרן. לאַוטערבאַך איז אויך געווען א פעיקער גראַפיקער און האָט געשאַפן א היפּשע צאָל ווערטפולע ארבעטן, איבערהויפּט אויף יידישער טעמאַטיק. אין פּרינציפּ האָט ער נישט גערן אויסגעשטעלט זיינע ארבעטן. אייניקע פון זיינע גראפישע ארבעטן האָבן זיך דאָך באַוויזן אויף דער קאָלעקטיווער אויסשטעלונג פון די לעמבערגער פּלאַסטיקער, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1940 אין קיעוו און אין כאַרקאָוו.

ד״ר דבורה פאָגעל

אין אַנגעזעענע אַרט צווישן די קונסט־היסטאָריקער און קריטיקער פאַר־נעמט ד״ר ד ב ו ר ה פ אָ ג ע ל. געבוירן אין יאָר 1902 אין לעמבערג, וווּ זי האָט אויך געענדיקט די גימנאַזיע. די העכערע שטודיען האָט זי דורכ־געמאַכט אויפן אוניווערסיטעט אין ווין. אין יאָר 1926 האָט זי זיך פּראָ־מירט אויפן קראָקעווער אוניווערסיטעט. זי איז געווען א פאָרשערין און קענער פון קונסט. זי האָט דורכגעפירט ערנסטע אַנאַליזן פון קונסט־ווערק, באַלויכטנדיק זיי לויט די נייע אספעקטן פון די קונסט־ווערטן און זייער פונקציע. זי האָט טיף שטודירט דעם קעגנשטאַנד, וועלכן זי האָט געפאָרשט, דערגרונטעווענדיק זיך צו זיינע וויזנשאַפטלעכסטע גענעטישע אייגנשאַפטן.

הגם זי האָט א סך אַכט געלייגט אויף דער קאָנסטרוקציע פונעם בילד און זיינע עלעמענטן, פאָרם און קלאַנג, האָט זי דאָך געהאַלטן, אז דער וויכטיקסטער יסוד פונעם ווערק איז די עמאָציע, וועלכע שטראַלט אויס פון ווערק און ווירקט אויפן צושויער. די עמאָציע איז, לויט דבורה פאָגעל, פאַרמאַסקירט אין דעם געגעבענעם ווערק. נישט קוקנדיק דערויף, איז ווי דאָס זאָל זיך נישט אויסווייזן פאַראַדאָקסאַל, האָבן זיך אירע באַשרייבונגען פון די פּלאַסטישע פאָרמען אָנגעשפּאַרט אויף דעם אַנאַליז פונעם קעגנ־שטאַנד, נאָר דער גאַנג פון אירע אויספירן איז גיכער געווען א טעאָרעטי־שער, סימבאָליסטישער. ד. פאָגעל האָט פאַרעפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען וועגן קונסט־פּראָבלעמען, צווישן זיי „דער גראָער עלעמענט אין דער קונסט" („הסלל", 1932. א העברעישער זשורנאַל), „די פאָרם און דער אינהאַלט אין דער מאָלעריי פון שאַגאַלן" („צושטייער", 1929—1930). אין יאָר 1934 האָט זיך באַוויזן אין די „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקע" איר אַן אַרטיקל וועגן דער אַבסטראַקטער קונסט. די לעמבערגער „סיגנאַלי" האָבן אין דעם זעלבן יאָר אָפּגעדרוקט ד. פאָגעלס אַן אָפּהאַנדלונג א. נ. „די גע־נעאָלאָגיע פונעם פאָטאָמאָנטאַזש". חוץ דעם האָט זי אָפּגעדרוקט אין דער פּוילישער און יידישער שפּראַך א ביכל א. נ. „ס'בליען די אַקאַציעס", וואָס איז אילוסטרירט געוואָרן דורך הענרק שטרענג.

צו די פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך פאַר דער מלחמה פאַרנומען מיט דער געשיכטע פון דער קונסט, האָט אויך געהערט ד״ר י אַ ק ו ב ש אַ ל, געב. אין יאָר 1890 אין ראָמאַנגוווקע ביי טרעמבאָוולע. ער האָט צווישן אנדערע פאַרעפנטלעכט „א וועגווייזער איבער די יידישע אַלטער־טימלעכקייטן פון לעמבערג". חוץ דעם האָט ער געשריבן רעצענזיעס וועגן

אָנטייל פון די יידישע פּלאַסטיקער אין די ווייכטיקסטע אויסשטעלונגען אין לעמבערג.

פאַר דער מלחמה, הארט פארן יאָר 1939, האָבן זיך אין לעמבערג אָנגעהויבן ארויסצוהייבן יונגע טאַלאַנטן ווי: קאַראָל לינדער, פּ. מאָלדאַו, העלענע גאָלדפישער, א לערערין פון דער לעמבערגער פאַך־שול פאַר מיידלעך. אירע פּרעכטיקע מוסטערן צו האַפטן און אויסשניטן זענען געשטאַנען אויף א הויכן קינסטלערישן ניוואָ.

אין פאַריז איז אומגעקומען דער דראָהאָביטשער קינסטלער שמואל ליבענווערט.

* * *

האַלינע (חנה) ראָזענמאַן

פון די פּלאַסטיקער פון ביאַליסטאָק וועלן מיר דערמאָנען: האַלינע (חנה) ראָזענמאַן, א מאָלערין, וועלכע האָט זיך הויפּטזעכלעך אינטערעסירט מיט דעם פּראָבלעם פון פּלאַסטיש ארויסברענגען די טעמע: דער מענטש און די חיה. טייל ארבעטן פון ה. ראָזענמאַן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט א גלענצנדיקע פארבינדונג פון דער פאַבולע מיט דער פּלאַסטישער פאָרם. אירע העלפאַנטן, אָדלערס, היפּאָפּאָטאַמען און אנדערע באַשעפענישן זענען אזוי ווי ארויסגעבראכט פון א פאַנטאַסטיש מעשהלע. ה. ראָזענמאַן האָט אויך געמאָלט פּאָרטרעטן פון מענטשן ווי אויך נאַטור־בילדער („נאַש פּשעגלאָנד אילוסטראָוואַני" נר. 26 פון 1937.6.26. — רע־פּראָדוקציע).

אָזיאַש ראָזאַניעצקי

אָזיאַש ראָזאַניעצקי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1896 אין ביאַליסטאָק. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער אין משך פון א געוויסער צייט שטודירט אין בערלין ביים פּראָפ. ווילי יעקל, שפּעטער האָט ער געלעבט און געשאַפן אין פאַריז. ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין פּוילן, האָט ער געארבעט אַלס לערער פון דער גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק. אין זיין מאָלערישער שאַפונג איז ראָזאַניעצקי ארייגעפאַלן אין סטיליזאַציע און אין עפּעס א פּאַטעטישער פאַנטאַסטיק, אפילו די קאָלאָריסטיק פון זיינע ארבעטן איז געווען אַן עקסצענטרישע. אפילו פאַריז האָט דעם קינסטלער נישט געהאָלפן באַפרייען זיך פון דעם איינפלוס פונעם

בערלינער פראָפ. יעקעל. ראָזאַניעצקיס גראַפיק דאַקעגן איז שוין געווען מער איינפאכער.

ראָזאַניעצקי האָט אויך אויסגעפירט טעאַטער־דעקאָראַציעס פארן יידישן רעוויו־טעאַטער „גילאָרינע". דער קינסטלער איז אומגעקומען בעת דער אָקופּאַציע, ווארשיינלעך אין ביאַליסטאָק.

* * *

די באַדינגונגען, אין וועלכע ס'האָבן געלעבט די יידישע פּלאַסטיקער פון ווילנע, זענען געווען זייער שווערע. די אומבאַשרייבלעכע נויט און הונגער האָבן דערשטיקט גיכער איין אויפגייענדיקן טאַלאַנט. גאָר אַ קליינע צאָל קינסטלער איז געלונגען בייצוקומען די הערשנדיקע אַלגעמיינע דע־

אויף דער יידישער אויסשטעלונג אין ווילנע:
1. שרה רייזען, 2. פעליקס פרידמאַן, 3. ה. ד. קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, 4. זלמן רייזען, 5. ד"ר יעדוואַבניק, 6. מאַוריצי מינקאָווסקי, 7. ד"ר בירזאָווסקי, 8. א. אָסטזשעגאָ, 9. יאַנדעלעוויטש, 10. באַק, 11. וויינינג, 12. ה. טורקעל, 13. ב. זאַלקינד, 14. מ. קאַדין, 15. ב. סלאָניק, 16. גערשטיין, 17. ה. האַניק, 18. פישער, 19. ה. רובין.

פּרעסיע און אַרויסריַיסנדיק זיך פונעם ענגן פּאַרשימלטן ווילנער קריַיז, האָבן זיי מיט זייער טאַלאַנט אויפגעלויכטן ערשט אין אויסלאַנד.

די ווילנער קינסטלער האָבן נאָך פאַר די צאַרישע ציַיטן נישט געהאַט קיין גליק צו געווינען אָנערקענונג אין זייער געבוירנשטאָט. דער אָנגע־זעענסטער פון זיי, דער סקולפּטאָר אַנטאָקאָלסקי, איז באַרימט געוואָרן ערשט אין פּעטערבורג, א צווייטער יידישער פּלאַסטיקער — דער מאָלער יהודה עפּשטיין האָט זיך אַרויסגעהויבן און געוואָרן באַרימט אין ווין, דער מאָלער און גליַיכציַיטיק דיכטער און קאָמפּאָזיטאָר אַרנאָ נאַדעל — האָט זיך באַזעצט אין בערלין. צווישן די ווילנער, וועלכע זענען באַרימט געוואָרן אין אויסלאַנד, איז אויך געווען דער מאָלער חיים סוטין, וועלכער האָט זיך אַרויסגעריסן פון ווילנע קיין פּאַריז און דאָ איז ער אַדאַנק זיין גרויסן טאַ־לאַנט געוואָרן באַרימט. צווישן די, וואָס לעבן נאָך איצט, איז ווערט צו דערמאָנען לאַזאַר סעגאַל, וועלכער איז ערשט אין דרעזדן באַרימט געוואָרן און שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין סאַן־פּאַולאָ, איז ער געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע קינסטלער אין בראַזיליע. די אַלע קינ־סטלער האָבן אין האַרצן געטראָגן א גרויסן סענטימענט פאַר זייער היימישן ווילנע און פאַר דער יידישער קולטור. דעם דאָזיקן סענטימענט האָבן זיי קיינמאָל נישט פאַרלוירן.

די ווידער, וועלכע האָבן געמוזט בליַיבן און שאַפן אין ווילנע, זענען געווען שטילע און אמתדיקע העלדן. לעבנדיק אין זייער שווערע באַדינגונגען, האָבן זיי זיך נישט באַקלאָגט און האָבן אויסגעפירט פאַרשידענע זייטיקע אַרבעטן, כדי צו געווינען לכל הפּחות אַ ביסל ציַיט פאַר דער קונסט. דערי־בער זענען זיי פאַרלוירן געגאַנגען אַלס קינסטלער נאָך פאַר דער מלחמה און די היטלער־אָקופּאַציע האָט זיי פולשטענדיק אָפּגעווישט אָן שום שפּור. מיר ווילן אויף דעם אָרט דערמאָנען אייניקע עלטערע קינסטלער, וועלכע האָבן געלעבט אין ווילנע און זענען באַצויבערט געווען פון איר פּאָעזיע, באַמיענדיק זיך דאָס דאָזיקע געפיל אַרויסצוברענגען אין זייערע בילדער. אויך די, ווען וועלכע איך וויל דאָ ברענגען א הייפל ידיעות, האָבן געמוזט פאַרדינען אויף א שטיקל ברויט ביי אַנדערע אַרבעטן.

משה לייבאָווסקי

מ ש ה ל יי ב אָ וו ס ק י האָט צענדליקער יאָרן געאַרבעט אַלס לע־רער פון ציַיכענען אין דער יידישער גימנאַזיע. ער האָט געשטאַמט פון נאָוואָגרודעק, אָבער האָט זיך זייער פרי באַזעצט אין ווילנע. ער איז געווען

א גלענצנדיקער צייכענער, ער האָט געשאַפן א גרויסע צאָל גוטע פּאָרטרעטן פון מענטשן צווישן דער ווילנער אינטעליגענץ. ער האָט אויך גערן געמאָלט קליינע גאַטור־בילדלעך פון דער שטאָט ווילנע. אין די כאַראַקטעריסטישע זילבער־גרויע טענער האָט ער ארויסגעבראַכט די קליינע הילצערנע הייזלעך מיט די אומעטיקע, קליינע קלייטלעך, מיט זייערע טירן, וואָס זענען געווען אזוי שמאָל, אז א מענטש האָט זיך קוים געקאָנט אדורכשטופן. פון די שינדל־דעכער, וואָס זענען געלעגן אַזוי נידעריק, אַז ס׳האָט זיך געדוכטן, אַז אָט־אָט דערגרייכט מען זיי מיט דער האַנט, האָט געווייעט א גרוילעכער אומעט. לייבאָווסקי האָט געמאָלט קליינע, אינטימע געסלעך אין דער פאַרשטאָט און אָרעמע טאַנדייט־סחורה אויפן פּלאַץ, וו די הענדלערקעס האָבן פאַרקויפט אַלטוואַרג. דאָס האָט געוויזן די גאַנצע האָפענונגסלאָזיקייט פונעם לעבן פון די אָרעמסטע שיכטן פון דער ווילנער באַפעלקערונג. משה לייבאָווסקיס בילדער האָבן פארמאָגט א בולטע געזעלשאַפטלעכע טענדענץ, יעדע שאַפונג זיינע, דאָס איז געווען א געשריי פון פּראָטעסט קעגן דעם ווילקיר און אומגערעכטיקייט לגבי דעם מענטשן. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה איז לייבאָווסקי געווען דער פאָרזיצער פונעם פאַרבאַנד פון די יידישע פּלאַסטיקער אין ווילנע. די דאָזיקע ערנפונקציע איז לחלוטין נישט געווען קיין לייכטע. נישט איינמאָל האָט ער זיך געמוזט פארנעמען מיט א געלט־זאַמלונג, כדי ארויסצוהעלפן א נויטבאַדערפטיקטן חבר.

אין יאָר 1940 האָט לייבאָווסקי זיך איבערגעצויגן קיין גראָדנע, גלויבנדיק, אז דאָ וועט ער ענדלעך זיך קאָנען אויסלעבן אלס קינסטלער. ער האָט אויסגעשטעלט זיינע בילדער אין גראָדנע, ביאַליסטאָק, מינסק. דאָס איז אָבער געווען דער איינציקער קורצער און גליקלעכער פּעריאָד אין זיין לעבן. נאָכן פארנעמען גראָדנע דורך דער היטלער־ארמיי, האָט לייבאָווסקי צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג דורכגעמאַכט דעם גאַנצן גיהנום פון דער אָקופּאַציע, כדי סוף־כל־סוף אומגעבראַכט צו ווערן דורך די פאַשיסטישע מערדער.

יאקוב שער

אויך י א ק ו ב ש ע ר האָט געהערט צום עלטערן דור יידישע קינסטלער פון ווילנע. אויך ער האָט געאַרבעט אלס לערער פון צייכענען אין איינעם פון די דאָרטיקע יידישע גימנאַזיעס. זיינע בילדער האָבן פאַרמאָגט דעם כישוף פון ראָמאַנטישער שיינקייט. דער קינסטלער האָט פאַר־

מאַגט די פּעיִקייט אַרויסצוברענגען די שיינקייט פון זיין געבוירנשטאָט, אין פאַרשידענע וואַריאַנטן.

אין זיין וווינונג, וואָס האָט זיך געפונען אין א בוידעם־שטיבל אין איינעם פון די הייזער אויף רודניצקי־גאַס (עס דוכט זיך מיר, אַז ער האָט געוווינט אין דער אָפּיצינע ביי דער געביידע פון דער יידישער גימנאַזיע), איז דאָס גרעסטע צימער פאַרהאָנגען געווען פונעם פאָל ביז צום סופיט מיט קליינע בילדלעך. פון די קליינע, קרומע בוידעם־פענצטערלעך איז געפאַלן א שוואַכע, פאַרנעפּלטע ליכט. אין דער שטוב האָט מען אפילו ביי טאָג געמוזט אָנצינדן די עלעקטרישע ליכט און דאָס צוזאמען מיט די קאַרגע ליכט־שטראַלן פון די אייבערשטע פענצטערלעך האָט געשאַפן אַ דערהרדיקנדיקע אַטמאָספער פון אַ תפיסה. יאַקוב שער האָט געוואָלט מיט דער הילף פונעם פענדזל אַרויסברענגען די ראָמאַנטישע שטימונג, אויסדריקן רירנדיקע געפילן. זיינע בילדער זענען אַזוי ווי אַ ווידוי פון אַן איינזאַם האַרץ, וואָס ליידט צוליב דער אַרומיקער אַטמאָספער. פון דער נאַטור איז שער געווען אַ מענטש אַ שאַרפזיניקער, הומאָרפולער. די דאָזיקע איינגעשאפטן זיינע זענען געקומען צום אויסדרוק אין די גליקלעכע מאָמענטן פון זיין לעבן. זיינע בילדער פון יאָר 1939 זענען שוין געווען מער הייטערע. אין יאָר 1940 האָט שער געוויזן אויף דער ווילנער אויסשטעלונג 5 בילדער זיינע, זייער קלאַנגפולע און פאַרביקע. פונעם סוף יוני 1941 איז דער קינסטלער געצוווּנגען געווען דורכצומאַכן דעם גאַנצן גרויל פונעם אָקופּאַציע־פעריאָד. אין אָנהייב האָט ער געמוזט מאָלן פּאָרטרעטן פון די עס־עס־אָפיצירן, ווייל זיי זענען געוויר געוואָרן, אַז ער איז א מאָלער. אין ווילנער געטאָ איז שער געווען זייער טעטיק. ער האָט געלייענט רעפעראַטן וועגן קונסט־פּראָבלעמען, האָט געמאָלט טעאַטער־דעקאָראַציעס און ענ־לעכס. שער איז אַרויסגעפירט געוואָרן קיין עסטאָניע אין לאַגער וויוואַריאַ, אויך דאָרט האָט ער געשאַפן קליינע בילדלעך. בעת עס האָט זיך דערנענטערט די סאָוויעטישע אַרמיי איז שער צוזאַמען מיט אַנדערע אַרעסטירטע אין לאַגער דערמאָרדעט געוואָרן.

אומא אָלקעניצקא

א ו מ א אָ ל ק ע נ י צ ק אַ האָט לאַנגע יאָרן געאַרבעט אין ווילנער „ייוואָ“. זי איז געווען אַ קינסטלערין, אָבער גאַנץ פרי האָט זי זיך גענומען גרייטן צו א פּראַקטישער פּראָפעסיע און שפּעטער איז זי מער באַוווּסט

געווען אלס אַ אוטיליטאַרע גראַפיקערין. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אָלקעניצקאַ שטודירט אין איינעם פון די צפונדיקע דייטשישע שטעט. נאָכן אומקערן זיך קיין ווילנע האָט זי זיך באַגרענעצט אויסשליסלעך צו ארבעטן אויפן געביט פון אוטיליטאַרער גראַפיק. זי האָט פּראָיעקטירט הילעם פאַר די „ייוואָ"־אויסגאַבן. די דאָזיקע ארבעטן אירע זענען געווען ניכטערע און זייער פּינקטלעכע. הגם זי האָט ארויסגעוויזן א גוטן געשמאַק און האָט געקאָנט דורכפירן אַן אנאליז פון דער מאָדערנער שאַפונג, האָט זי זיך באַשיידן אָפּגעשלאָסן אינעם קרייז פון אוטיליטאַרער שאַפונג.

אָלקעניצקא האָט אָנגעפירט מיטן טעאַטער־מוזיי אויפן נאָמען פון אסתר־רחל קאַמינסקאַ און האָט אויסגעפירט אַלע נייטיקע טעכניש־גראַפישע ארבעטן. בעת דער אָקופּאַציע האָט אָלקעניצקא, זייענדיק אין ווילנער געטאָ, געארבעט אינעם „איינזאצשטאַב" פון יוליוס ראָזענבערג, וועלכער האָט ארויפגעלייגט זיין לאַפּע אויף אַלע יידישע אינסטיטוציעס אין ווילנע. אומאַ אָלקעניצקאַ, וועלכע איז באקאַנט געווען מיט אלע מאַטעריאַלן פון „ייוואָ",האָט, צוזאַמען מיטן דיכטער א. סוצקעווער א א. איינשטעלנדיק דאָס לעבן, באַמיט זיך צו ראַטעווען די ווערטפולסטע זאַכן, ווי מאַנוס־קריפּטן, בילדער א.ד.גל.

אָלקעניצקאַ איז אויך געווען איינע פון די שעפער פונעם פּלאַסטישן פּלאַן פונעם ווילנער געטאָ. בעת דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ האָט מען אומען איבערגעפירט אויפן סובאָטש, אָבער ווען מען האָט זי געוואָלט צעשיידן מיט איר מוטער, האָט די קינסטלערין נישט מסכים געווען און איז צוזאַמען מיט איר אוועק אינעם טויט־לאַגער אין טרעבלינקע. דער מאַן פון אָלקעניצקאַן, דער מיטאַרבעטער פון „ייוואָ", משה לערער, איז שפּעטער ארויסגעפירט געוואָרן קיין עסטאָניע, וו ער איז אומגעקומען.

ליזע דייכעס

ליזע דייכעס האָט געשאַפן ליאַלקעס פאַרן ליאַלקע־טעאַטער „מיידים" אין ווילנע. דאָס זענען נישט געווען קיין קאָנווענציאָנעלע ליאַלקעס, נאָר די קליינע פיגורן, וועלכע זי האָט אויסגעפירט, האָבן פאַרמאָגט א סך חן. טייל פון זיי האָבן אויסגעדריקט סאַרקאַזם, אנדערע זענען געווען איראָנישע אָדער וויציקע. ליזע האָט זייער גוט באַהערשט די טעכניק פון מאָדעלירן אין האָלץ, און דעריבער האָבן די ליאַלקעס אירע פאַרמאָגט

א פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער. אינעם ווילנער געטאָ האָט זי אַנטיילגענו־מען אינעם שאַפן א פּלאַסטישע מאַפּע פונעם געטאָ. פון ווילנע האָט מען זי ארויסגעפירט אינעם לאַגער אין עסטאָניע און פון דאָרט קיין דייטש־לאַנד. דאָ איז זי דערמאָרדעט געוואָרן א פּאָר טעג פאַר דער קאַפּיטולאַציע פון היטלער־דייטשלאַנד.

בן־ציון מיכטאָן

ביי די ברייטע מאַסן פון דער ווילנער באַפעלקערונג איז זייער באַ־ליבט געווען ב ן ־ צ י ו ן מ י כ ט אָ ן. דאָס איז געווען א גראַפיקער און אויטאָדידאַקט. אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן, איז געווען פּשוט, שאַרמאַנט, פּראָלעטאַריש און האָט אויסגעזען ווי אן אינסטרומענט, וואָס פאָדערט נאָך די ענדגילטיקע אויסשלייפונג, כדי צו קאָנען דערפילן זיין פונקציע. די גראַפישע שאַפונגען פון מיכטאָנען זענען געווען זייער בילדעריש, זע־נען אַנמשטאַנען, ווי עס געשעט ביי א סך יונגע קינסטלער — אין א מאָ־מענט פון עקזאַלטאַציע.

מיכטאָן האָט אילוסטרירט דאָס בוך פון משה לעווין און האָט גע־שאַפן פּראָיעקטן צו הילעם פאַר יידישע ביכער. ער האָט אַנטיילגענומען אין די אויסשטעלונגען פון יידישע פּלאַסטיקער פון ווילנע. ער האָט אויך אויסגעשטעלט אין ביאַליסטאָק און אין יאָר 1939 — אויף דער יובילײ־אויסשטעלונג פון יידישע פּלאַסטיקער אין וואַרשע.

אין דער אַלגעמיינער אויסשטעלונג האָט מיכטאָן אַנטיילגענומען צום ערשטן מאָל אין יאָר 1940 אין ווילנע, וווּ ער האָט געוויזן 5 ארבעטן זיינע, וואָס האָבן פאַרכאַפּט מיט זייער רעאַליזם. מיכטאָן האָט בישט געהערט צו די קינסטלער, וועלכע האָבן זיך באַמיט מיטצומאַכן די מאָדע פון סטי־ליזאַציע. זיינע שאַפונגען זענען געווען קלאָרע, פריי פון וועלכער ס׳איז פּראַזעאָלאָגיע.

פון דער נאַטור איז ער געווען א מילדער און האָט געשטרעבט דערצו ער זאָל פאַרשטאַנען ווערן. ער איז געווען אויפן וועג פון אַלץ העכערע קינסטלערישע דערגרייכונגען. מיכטאָן איז געווען איינער פון די ערשטע קרבנות פון היטלעריזם. מ׳האָט אים ארויסגעשלעפּט פון זיין צימער אויף דער סטראַשון־גאַס אויפן פּאָנאַר, וווּ צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע יידן איז ער דערשאָסן געוואָרן

יאָסל קאַגאַנס

ווען איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל צונויפגעטראָפן מיט אים אין ווילנע, און געווען איז דאָס אין יאָר 1936, האָב איך פאַר זיך געהאַט א יונגן מענטשן, אַן אויסגעדאַרטן, מיט א בלאַס פּנים און אויסגעלאָשענע שוואַרצע אויגן. די אָדערן אויף די שלייפן און אויף די הענט זענען ווי בלויע שנורן געווען אויפגעבלאָזן, אונטערשטרייכנדיק דעם אומעטיקן אויסזען זיינעם. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אראָפּגעלאָזט נידעריק. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א גראַנאַטענעם, פאַרשטויבטן מאַנטל, ער האָט זיך געאיילט צו דער ארבעט.

יאָסל קאַגאַנס איז גאַנצע טעג געזעסן ביי די סטאַלוגעס און האָט פאַרגרעסערט פאָטאָגראַפיעס פון פּאָרלעד נאָך דער חתונה. ער האָט דאָס אָפּט געמאַכט ביי דער ליכט פון א לאָמפּ, ווייל אין צימערל, אין וועלכן ער האָט געוווינט, איז געווען ענג און טונקל. און געוווינט האָט ער דעמלט ביי דעם מאָלער בער זאַלקינד. דער דאָזיקער שוויינגדיקער, אויסגעלאָשענער מענטש, ווען ער האָט נאָך געהאַט א ביסל פרייע צייט פאַר זיך, האָט ער זיך אויסגעלעבט אין פאַנטאַסטישע בילדער, וועלכע ער פלעגט שאַפן אויף שוואַרצע, גראָע, ברוינע אָדער ווייסע, שאָרסטקע פּאַפּיר-בויגנס. ער האָט געמאָלט עקסטאַטיש, קוביסטיש. באַטראַכטנדיק די דאָזיקע ארבעטן זיינע, האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט אויף אַזאַ אופן געוואָלטן באַרואיקן זיין האַרץ, פול מיט ביטערניש און פאַרדרוס צו דער וועלט, וואָס האָט אים געצוואונגען צו אזא לעבן פול מיט דערנידעריקונג. אויף אַזאַ אופן האָט ער אַזוי ווי פאַרשאָלטן עפּעס אַבסטראַקטע שוגאים זיינע.

טיילמאָל האָט ער געמאָלט בילדער רעוואָלוציאָנערע, בונטאַרע. פאַרן אויספירן די דאָזיקע בילדער האָט ער טייער באַצאָלט, ווייל זיי האָבן אים צוגענומען די צייט, וואָס ער האָט באַדאַרפט אויף צו פאַרדינען אויף ברויט. די פירמע, פאַר וועלכער ער האָט געאַרבעט, און געווען איז ער פאַר זיי א מיטאַרבעטער כמעט גישט צו פאַרטרעטן, האָט אים פאַר זיין שווערער מי געצאָלט זייער ווייניק. יאָסל קאַגאַנס איז געווען אַ געבוירענער פּאָרטרעטיסט און ווען ער וואָלט געלעבט ערגעץ אַנדערש, וואָלטן אים געווים נישט געפעלט קיין באַשטעלונגען אויף פּאָרטרעטן. ער האָט געשאַפן אין ווילנע פּאָרטרעטן בלויז פון א הייפל נאָענטסטע מענטשן, אריינלייגנדיק אין די בילדער דעם גאַנצן פיין פון זיין צעווייטיקט האַרץ. דאַקעגן דעם הינטער=

גרונט האָט ער באַפּוצט מיט גרינע פעלדער, א קוועלעכל,ביימער, צווייגן און בלעטער, ווי ער וואָלט געוואָלט דערמיט זיך אליין באַרואיקן.

קאַגאַנס איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פרוי און זיין געבוירנ־שטאָט דרישנע.

בן־ציון קיט

בן־ציון קיט איז געווען א זשורנאַליסט און האָט אויך געשריבן לידער. ער האָט געהערט צו די ערשטע מיטגלידער פון דער באַרימטער „ווילנער טרופּע“. אמאָל האָט ער זיך באַקלאָגט, אז אין דעם, וואָס ער האָט נישט קיין דערפּאָלג אין לעבן, איז שולדיק זיין פרוי, אָבער ווען איך האָב אים באַזוכט אין יאָר 1937, האָט ער שוין געלעבט איינזאַם און, אויס־באַהאַלטנדיק זיך פאר דער וועלט, האָט ער געמאָלט בילדער, וועלכע ער האָט זעלטן ווען געוויזן און קיינמאָל נישט אויסגעשטעלט. בן־ציון קיט האָט אָבער נישט דורכגעלאָזט קיין שום אויסשטעלונג, האָט געלייענט אלע נאָטיצן וועגן אויסשטעלונגען און וועגן קינסטלער, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער פּוילישער אָדער יידישער פּרעסע. נישט איינמאָל פלעגט ער מיך פּראָוואָצירן צו א דיספּוט וועגן קינסטלער און וועגן ריכטונגען אין דער קונסט. די זשורנאַליסטן האָבן אים געהאַלטן פאר א „דזשיוואַק“. מען פלעגט אָפּחוזקן פונעם מאַטעריאַל, וועלכן ער פלעגט ברענגען, ווי א נישט אַקטועלן, אַלטמאָדישן. אין זיין איינזאַם בוידעם־שטיבל האָט קיט געמאָלט מיט אן אַקטיאָרישן פּאַטאָס. ער האָט געמאָלט פאַרשידענע סצענעס, אין וועלכע אויך ער האָט פיגורירט אין פאַרשידענע פּאָזעס. די דאָזיקע שאַ־פונגען זיינע זענען געווען א געמיש פון וואָר און פאַנטאַזיע. בן־ציון קיט האָט אויך פאַרעפנטלעכט א סך אַרטיקלען וועגן אויסשטעלונגען און וועגן די שאַפונגען פון פאַרשידענע קינסטלער. א סך פון די דאָזיקע אַרבעטן זיינע האָט ער געהאַלטן אין מאַנוסקריפּטן.

אין די יאָרן 1939 ביז 1941 האָט קיט געאַרבעט אין לידע אלס בוכ־האַלטער. דאָרט איז ער אויך אומגעקומען אין יאָר 1942.

משה פרעזמא

אין די לעצטע יאָרן פאר דער מלחמה האָט אין ווילנע געלעבט און געשאַפן א יונגער קינסטלער משה פרעזמא. דאָס איז געווען א פאַ־נאַטיש־רעליגיעזער מענטש. זיינע אַקוואַרעלן האָבן פונדעסטוועגן באַרירט

מייסטנס די טעמאַטיק פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן. ער האָט גערן דעפֿאָרמירט און אייניקע אַרבעטן זיינע האָבן דעריבער פֿאַרמאָגט אין זיך עפּעס הומאָ־ריסטישעס. פֿרעזמאַ איז געווען אַן אויטאָדידאַקט און האָט זיך אויסגע־לעבט אין דער מאָלעריי. ער פֿלעגט אַמגערנסטן זיך באַנוצן מיט שטאַרקע, ראַשיקע פֿאַרבן, וואָס פֿלעגן אינגאַנצן פֿאַרשלינגען דעם שוואַכן צייכנערישן אונטערשלאַק. פֿרעזמאַ האָט זיינע בילדער אויסגעשטעלט צוזאַמען מיט די ווילנער יידישע קינסטלער אין ביאַליסטאָק, ווילנע און וואַרשע.

שמעון מאָדעיסקער

צו די יונגע, ערשט אויפֿוואַכנדיקע טאַלאַנטן, האָט געהערט ש מ ע ו ן מ אָ ד ע י ס ק ע ר, אַ ברודער פֿון דער העלדישער אונטערערד־קעמפֿערין בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע — סאָניע מאָדעיסקער. שמעון איז געווען זייער אַ באַשיידענער און האָט נישט גערן געוויזן זיינע קינסטלערישע אַרבעטן. ער פֿלעגט זאָגן, אַז לעת עתה קאָן ער און ווייסט צו ווייניק. ער האָט פֿיל געאַרבעט, כּדי צו פֿאַרטיפֿן זיין וויסן און קאָנען ריכטיק איבער־געבן זיינע געדאַנקען.

מאָדעיסקער איז אומגעקומען אין יאָר 1942 אין לידע.

לידיאַ קלעבאַנאָוואַ

ל י ד י א ק ל ע ב א נ אָ וו אַ — אַ מאָלערין, געבוירן אין יאָר 1910 אין ווילנע, איז געווען די טאָכטער פֿונעם אינזשעניער קלעבאַ־נאָוו, דעם לאַנגיאָריקן פֿאַרוואַלטער פֿון דער פּאָפּולערער אין ווילנע האַנטווערקער־שול „הילף דורך אַרבעט“. אין רעזולטאַט פֿון אַ שווערער קראַנקהייט, וועלכע זי זאָל האָבן דורכגעמאַכט צוליב אַ ליבע־אַנטוישונג, האָט זי פֿאַרלוירן די פֿעיקייט צו רעדן נאָרמאַל. דער דאָזיקער דעפֿעקט איז אפֿשר געווען איינער פֿון די סיבות, וואָס האָט געהאַמעוועט איר קינסטלערישע אנטוויקלונג. לידאַ איז אין איר קינסטלערישן טעמפּעראַמענט געווען אַן אמתער וווּלקאַן און אירע בילדער האָבן געאָטעמט מיט אַ פֿלאַם פֿון קאָלירן און געפֿילן. איר זודיקע, נישט באַ־פֿרידיקטע ליידנשאַפֿט, האָט זי איינערלעך פֿאַרצערט און אַלס רעזולטאַט דערפֿון זענען אַנטשטאַנען אירע קאָמפּאָזיציעס, וואָס זענען פֿול געווען מיט ווייטיק. באַטראַכטנדיק זיי, האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער

קינסטלער האָט געשטרעבט זיך צו באַפרייען פון פסיכישע פענטעס. לידיאַ קלעבאַנאָוואַ האָט אויסגעשטעלט אירע בילדער צוזאַמען מיט די ווילנער קינסטלער. זי האָט געהערט צו דער קליינער גרופּע יידישע פּלאַסטיקער, וועלכע זענען דערלאָזט געוואָרן צו די אַלגעמיינע אויסשטעלונגען. לויט ליטווישן קאַטאַלאָג, האָט לידיאַ צום לעצטן מאָל אָנטיילגענומען אין דער אויסשטעלונג אין ווילנע אין יאָר 1940. לידיאַ קלעבאַנאָוואַ איז אומגעקומען אין יאָר 1942 אָדער 1943.

פאַניע לעוו

געבוירן אין ווילנע (1912). א לערערין פון דער העברעישער גימנאַזיע תשיה. געענדיקט דעם קונסט-פאַקולטעט אויפן ווילנער אוניווערזיטעט. זייער טאַלאַנטירט. האַרט פאַר דער מלחמה נעמט זי אָנטייל אין אַ ריי אויסשטעלונגען אין לאַנד. אין 1938 נעמט זי אָנטייל אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג פון יידישער גראַפיק אין טאַלין (עסטאָניע).

אין 1943 האָט איר סטודיע-חבר קאַרל הײנץ פענסקע זי דערקענט (אין קראָקע) און זי איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ.

נפתלי וויינינג און יוזעף טעפּער

דאָס זענען געווען צוויי ווילנער אינטעלעקטואַליסטן, וועלכע האָבן אין דער פרייער צייט אויסער זייער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט (ביידע זענען געווען לערער אין דער ווילנער יידישער גימנאַזיע) זיך געווידמעט דער קולטור-מעטיקייט צווישן די ווילנער יידן. ביידע האָבן געשטאַמט פון גאַליציע און ביידע האָבן פריי באַהערשט די פּוילישע, דייטשישע און יידישע שפּראַכן. נפתלי וויינינג איז געווען אַ גלענצנדיקער עסייאיסט, אַ גוטער קענער פון דער פּוילישער ליטעראַטור. עסייען אין דער פּוילישער שפּראַך האָט ער געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים נאָרבערט ראָזע. ער האָט פאַרעפנטלעכט קריטישע אַרטיקלען וועגן קונסט און וועגן אויסשטעלונגען אינעם ווילנער „טאָג", „ליטעראַרישע בלעטער" און אַנד. צייטשריפטן. אינעם זשורנאַל „לאַנדקענטעניש" (נומ. 1 1933) האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן אינטערעסאַנטן שטודיום וועגן דער שטאָט סאַסאָוו.

י ו ס ף ט ע פּ ע ר האָט געשטאַמט פון קאָלאָמיי, אָבער שפּעטער האָט ער זיך זייער גוט אַקלימאַטיזירט אין ווילנע. ער איז געווען אַ הויכגעוויקסי-

קער, וועלכער האָט מיט זיין אויסזען זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון די אַזוי גערופענע באָרדישע טיפּן. טעפּער איז מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן געווען אַ יידישיסט. ער איז געווען אַן ענטוזיאַסט פון טעאַטער און פון פּלאַסטישער קונסט און האָט זיך אויסגעלעבט און געפרייט מיט יעדער אויסשטעלונג און טעאַטער־פּאָרשטעלונג. דאָס האָט אים אָנגערעגט צו פאַרעפנטלעכן אין ווילנער „טאָג“ און אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ ערנסטע ארטיקלען אונטערן פּסעוודאָנים: פּריי. טעפּער איז געווען איבערגעגעבן דער אַרבעטער־זאַך. אין זיינע אַרטיקלען איז ער געווען זייער זאַכלעך און אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, האָט עדות געזאָגט וועגן זיין האַרציקער באַציונג צו די פּראָבלעמען פון דער יידישער קולטור. טעפּער איז אויך געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון דעם ווילנער מאַריאָנעטן־טעאַטער.

וויניג און טעפּער מיט זייערע משפּחות האָבן דורכגעמאַכט בעת דער אָקופּאַציע אַלע קאָשמאַרן, צוזאַמען מיט די איבעריקע יידן. ביידע האָבן זיי זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ און ביידע האָבן אויף אייגענער האַנט געפּרוווט צו געפינען אַ באַהעלטעניש אויף דער „אַרישער“ זייט. טעפּער האָט אַ שטיקל צייט געאַרבעט אין אַ פּאָלוואַרק, אָבער אין אַ צייט אַרום, פּילנדיק, אַז ער ווערט שפּיאָנירט, איז ער געצוווּנגען געווען צו אַנטלויפן. גישט בעסער איז געווען דער גורל פון וויניגען. ביידע זענען זיי צוזאַמען מיט די משפּחות דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע מערדער.

יעזשי פוקס

י ע ז ש י פ ו ק ס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1920 אין גראַנסק. פריער האָט ער שטודירט אין זיין געבוירנשטאָט, שפּעטער האָט ער אַ קורצע צייט פאַרבראַכט אין פּאַריז. דער גורל האָט געוואָלט, אַז האַרט פאַר דער מלחמה זאָל זיך פוקס אומקערן קיין גראַנסק. פון דעמלט אָן האָט מען אים געטריבן פון אָרט צו אָרט, ביז ער איז צום סוף אַריינגעפאַלן אין לאָדזשער געטאָ. פון דעם דאָזיקן קינסטלער האָט זיך אָפּגעפינען בלויז איין קליין בילדל, וואָס שטעלט פאָר אַ סצענע פון לאָדזשער געטאָ. מיר זעען דאָ אויסגעדאַרטע, אויסגעמוטשעטע מענטשן, ווי זיי

שטייען אין דער ריי און ווארטן מיט די טעפלעך אין די הענט ביי דער טיר פון דער פאָלקס־קיך אויף אַ ביסל שיטערע זופּ. דער דאָזיקער איינציקער דאָקומענט פון דער צייט, וואָס איז געבליבן אַלס צייכן פון יעזשי פוקסן און זיין לעבן אין געטאָ, זאָגט עדות וועגן אַ שטאַרקער מאָלערישער אינדיווידואַליטעט. אַ געוויסע לאָדזשער דאָקטאָרין האָט דאָס דאָזיקע בילד אויסגעבאָרגט פאַר דער אויסשטעלונג פון אומגעקומענע יידישע קינסטלער, וועלכע די יידישע געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט האָט איינגעאָרדנט אין יאָר 1948. דער דאָזיקער פערזאָן האָב איך צו באַדאַנקען די קאַרגע ידיעות וועגן יעזשי פוקסן.

יוזעף אַווין

יוזעף אווין איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1883 אין לעמבערג. ער איז געווען איינער פון די ערנסטע און אָנגענומענע אַרכיטעקטן אין לעמבערג, ער האָט געשטאַמט פון א פרומער היים. ער און זיין ברודער, וועלכער האָט אויך שטודירט אַרכיטעקטור, זענען געצוווּנגען געווען פון די ייִנגסטע יאָרן אָן זיך אליין אויסצוהאַלטן. אין יאָר 1907 האָט יוזעף געענדיקט זיינע פּאָליטעכנישע שטודיעס אין מינכען, וווּ ער האָט באַקומען א דיפּלאָם פון אן אינזשיניער=אַרכיטעקט.

יוזעף אַווין האָט פאַרמאָגט א שטאַרקן חוש פאַר קונסט. אומקערנדיק זיך קיין לעמבערג, האָט ער לעבהאַפט פּראָפּאַגירט דעם געדאַנק פון קאָנסערווירן די יידישע אַלטערטימלעכקייטן, שולן, בית=עולמס. ער האָט אויך אויסגעפירט פּראָיעקטן צו רעקאָנסטרואירן טייל שולן, געגעבן אָנווייזונגען וויאַזוי צו פאַרהיטן געוויסע אַלטערטימלעכקייטן, זיי זאָלן נישט פאַרניכטעט ווערן און נישט איינמאָל פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע אַרטיקלען וועגן דער פּראגע. ערשט אין יאָר 1925 איז אים געלונגען צו אָרגאַניזירן אין לעמבערג א קוראַטאָריום אָפּצוהיטן יידישע אַלטערטימלעכקייטן, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געזעלשאַפט פון פריינד פון יידישן מוזיי. דער מוזיי, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון אווינען, האָט זיך געפונען אין די זאַלן פון דער לעמבערגער יידישער קהילה. אין יאָר 1933 האָט דער שטאָטישער מוזיי פון קונסט=אויסאַרבעטונגען אין לעמבערג איינגעאָרדנט אַדאַנק די באַמיונגען פון אווינען אן אויסשטעלונג פון רעליגיעזע קולט=חפצים. אן אריינפיר=וואָרט צום קאַטאַלאָג פון דער אויסשטעלונג האָט אָנגעשריבן דער דירעקטאָר פון דעם דערמאָנטן מוזיי ד״ר קאַזשימיעזש האַרטלעב. אווין איז געווען דער פּראָיעקטירער און שפּעטער פון פאַרמאַציע=קאָלעגיום ביים אוניווערסיטעט פון יאַן

קאַזשימיעזש אין לעמבערג, ווי אויך פון דער אינעווייניקסטער איינריכ=
טונג פון קאלעגיום=מאקסימום פון דעם דערמאָנטן אוניווערזיטעט. חוץ
דעם האָט אווין אומזיסט אויסגעפירט דעם פּלאַן פון יתומים=הויז אין
וואַרשע ווי אויך פון דער צוגאָב=געביידע אין יידישן אקאַדעמישן הויז
אין לעמבערג. ער האָט אויך אויסגעפירט פּלענער פון אַ סך אַנדערע געביי=
דעס. אווין האָט געמאַכט אַ סך ווערטפולע אויפנאַמעס פון אינטערעסאַנטע
מצבות אויפן בית=עולם אין לעמבערג און אויף דער פּראָווינץ. אין זיין שטרע=
בונג אויפצוהאַלטן יידישע אַלטערטימלעכקייטן האָט ער זיך אָפט אָנגעטראָפן
אויף שטערונגען מצד געוויסע יידישע קהילה=מענטשן, וועלכע האָבן אים,
צוליב זייער פאַנאַטישקייט, געשטערט אויף טריט און שריט. אווין האָט
אַמאָל דערציילט וויאזוי ער האָט פארן קראָקעווער רב רעפערירט זיין פּלאַן
צו מאַכן אויפנאַמעס אויפן יידישן בית=עולם אין קראָקע. דער רב האָט
אים דעמלט בלויז אָפּגעענטפערט: „איך אינטערעסירט נישט דאָס, וואָס
שטייט פאַר אייך אָפן, גאָר דאָס וואָס איז פאַרבאָטן". ס'איז דעריבער קיין
וואונדער נישט, אז אין אזעלכע באַדינגונגען האָט מען קיין סך נישט געקאָנט
אויפטאָן אויפן געביט פון אויפהאַלטן דעם אָנדענק פון ווערטפולע יידישע
אַלטערטימלעכקייטן. אליץ, וואָס ס'איז יאָ געלונגען אווינען אויף דעם געביט
צונויפצוזאמלען, וואָס ער האָט הויפּטזעכלעך אייגנהענטיק קאָפּירט — איז
בעת דער היטלער=אָקופּאַציע פאַרניכטעט געוואָרן. דאָס איז אַ גרויסער
פארלוסט פאר דעם אָנדענק פון יידישע אלטערטימלעכקייטן אין לאנד.

מאיר באַלאַבאַן

מאיר באלאבאַן איז געבוירן געוואָרן אין לעמבערג אין יאָר 1877, דער דאָזיקער גרויסער פאָרשער פון דער געשיכטע פון יידן אין פוילן האָט אויך זיך אינטערעסירט מיט יידישע אלטערטימלעכקייטן און מיט דער קונסט ביי יידן אין פוילן. דאָך א״ז דאָס וואָס ער האָט אָנגעשריבן אויף דעם געביט געווען גיכער ראנד־ארבעט און א באווייז, אז ער האָט נישט פארמאָגט קיין גענוגנדיקע ידיעות אויפן געביט פון קונסט. נישט קוקנדיק דערויף, האָט באַלאַבאַן אַלס פיאָנער אויך אויף דעם געביט ארייגעטראָגן א געוויסן צושטייער, אויפקלערנדיק איי‍ניקע פראָבלעמען פון דער קונסט ביי יידן אין פוילן.

שוין אין זיינע ווערטפולע מאָנאָגראַפיעס פון די שטעט ווי: לעמבערג, קראָקע, לובלין האָט מאיר באַלאַבאַן צונויפגעזאַמלט א סך ווערטפולע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן א שייכות צו די יידישע אלטערטימלעכקייטן פון די דאָזיקע שטעט. דאָך איז ער, ווי מ׳ר האָבן שוין דערמאָנט, נישט געווען קיין זעלבשטענדיקער פאָרשער פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן. ער האָט אויף דעם געביט נישט געהאַט די געהעריקע צוגרייטונג ווי אויך נישט

קיין געגוגנדיקן עסטעטישן חוש, וואָס עס מוז האָבן אַ פאָרשער אויפֿן געביט פון קונסט.

אויפֿן געביט פון דער געשיכטע פון יידן אין פוילן איז באַלאַבאַן געווען זייער פרוכטבאַר און אויף זיינע פּלייצעס האָט ער געטראָגן אַ סך פליכטן פיי פּראָפעסיאָנעלע, סיי געזעלשאַפטלעכע. ער איז געווען אַ פּראָפעסאָר אויפֿן וואַרשעווער אוניווערסיטעט און אויך דירעקטאָר פון יודאַיסטישן אינסטיטוט. נישט קוקנדיק אויף אַזאַ גרויסער צאָל באַשעפטיקונגען, האָט באַלאַבאַן געפונען צייט, כדי זיך צו נעמען צו דער אַרבעט אויפֿן געביט פון דער געשיכטע פון קונסט און ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ווערק א. נ. „די געשיכטלעכע אַלטערטימלעכקייטן פון די יידן אין פוילן“ (אַרויסגעגעבן אין יאָר 1929). חוץ דעם האָט ער אָנגעשריבן „אַ וועגווייזער איבער די אַלטערטימלעכקייטן פון קראָקע“ (אַרויסגעגעבן אין יאָר 1935), אַ בראָשור וועגן אברהם אָסטזשעגאַן, דעם קינסטלער אויפֿן געביט פון פּראָיעקטירן און אויספירן מצבות, אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם אויף סיביר־פאַרשיקטן מאָלער אַלעקסאַנדער סאָכאַטשעווסקי, וועגן יידישן שולן — פעסטונגען אין פוילן און אנד. צוליב דעם גרויסן מאַנגל אין מקורים אויף דעם געביט זענען די אַלע אַרבעטן באַלאַבאַנס געוואָרן אַ ווערטפולער צושטייער צו דער געשיכטע פון יידן אין פוילן.

מאיר באַלאַבאַן האָט שוין אין יאָר 1902 באַקומען אַ פּרעמיע פון לעמבערגער אוניווערסיטעט פאַר זיין אַרבעט „די געשיכטע פון די לעמבערגער יידן אין XVI יאָרהונדערט“. פון יענער צייט אָן הייבט זיך אָן באַלאַבאַנס שעפערישע טעטיקייט אויפֿן געביט פון געשיכטע פון יידן אין פוילן.

מאיר באַלאַבאַן האָט נישט איינמאָל געוואָרנט קעגן דעם גרינגשעצן די פראַגע פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן אין פוילן. ער האָט דערמאָנט וועגן דער נייטווענדיקייט צו קאָנסערווירן די אַלטערטימלעכקייטן, כדי זיי צו פאַרהיטן פון פאַרניכטונג. ער איז אויך געווען אַ קוראַטאָר פונעם וואַרשעווער מוזיי א. נ. פון מאַטיאַס בערסאָן, אָבער חוץ איינציקע פּובליקאַציעס, וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט, האָט ער נישט גענוג ענערגיש געקעמפט פאַר דער אינווענטאַריזאַציע פון די יידישע אַלטערטימלעכקייטן אין פוילן, וואָס עס האָט זיך שפּעטער ווייטיקלעך נוקם געווען, ווען בעת דער היטלער־אָקופּאַציע איז דער גרעסטער טייל יידישע אַלטערטימלעכקייטן פאַרניכטעט געוואָרן. נאָך די דאָזיקע אוצרות פון קונסט איז איצט כמעט נישט געבליבן קיין שום דאָקומענטאַציע.

מאיר באַלאַבאַן איז געשטאָרבן אין וואַרשעווער געטאָ אין דעצעמבער 1942. ווי ס'אינפאָרמירט אַן עדות, וואָס האָט דורכגעמאַכט די געשעענישן אין וואַרשעווער געטאָ, האָט מאיר באַלאַבאַן זיך געסמט. מ'זאָל האָבן אויפגעפאָדערט באַלאַבאַנען, ער זאָל דורכן ראַדיאָ איבערגעבן אַ קאָמוניקאַט, וואָס לייקנט אָפּ די „אויסזידלונג" פון די יידן. די היטלעריסטן איז געגאַנגען אין באַרואיקן די אויסלענדישע עפנטלעכע מיינונג וועגן גורל פון די יידן. מ'האָט באַשטימט אַ טערמין פון דער אַודיציע, אָבער דער פרעלעגנט האָט זיך נישט געמאָלדן. ווען די געסטאַפּאָוועס האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין וווינונג, האָבן זיי שוין געטראָפן זיין קאַלטן קערפער.

אורעליע גאָטליב

אורעליע גאָטליב האָט געשטאַמט פון לעמבערג, פונדערהיים האָט זי געהייסן פּאָלטוראַק. נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע אין איר היימשטאָט, איז זי אויף ווייטערדיקע שטודיען ארויסגעפאָרן קיין ווין און קיין בערלין. דאָרט האָט זי דערגרייכט דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע. שפּעטער האָט זי חתונה געהאַט מיט דעם באַרימטן מאָלער לעאָפּאָלד גאָטליב (1883—1934), דעם יינגסטן ברודער פון מאוריצי גאָטליב. אורעליע האָט א סך ארומגערייזט צוזאמען מיט איר מאַן און אין יאָר 1919 האָבן זיי זיך באַזעצט אין פּאריז.

אורעליע גאָטליב איז געווען א קונסט־היסטאָריקער, וועלכע איז גע־שטאַנען אויף זייער א הויכן ניוואָ. זי האָט געשריבן אירע ארבעטן גלייכ־צייטיק אין דער פּוילישער, דייטשישער און פראַנצויזישער שפּראַך, זי האָט זיי געדרוקט אין ליטעראריש־קינסטלערישע צייטשריפטן אין פּוילישע, ווי אויך אין אויסלאַנד, איבערהויפּט אין ווין און אין פּאַריז. זי האָט געגעבן גלענצנדיקע אַנאַליזן פון די קינסטלערישע שטרעמונגען, וואָס זענען געווען אַקטועל אין פראנקרייך און זי האָט געקאָנט גלענצנדיק ארויסברענגען די געשטאַלטן פון באַזונדערע, אָריגינעלע שעפער.

זי האָט געקאָנט קלאָר און זאַכלעך אָנווייזן די ספּעציפישקייט פון דעם געגעבענעם קינסטלער און האָט זיי אָביעקטיוו אָפּגעשאַצט, זי האָט געשריבן וועגן משה קיסלינג, חיים סוטין, וועגן דעם ייִדישן קינסטלער, וועלכער האָט געשטאַמט פון איטאַליע, אמאדעאָ מאָדיגליאני, ווי אויך וועגן דעם בולגאַרישן מאָלער יוליוש פּאַסקין. זי האָט אויך פארעפנטלעכט אן עסיי וועגן דעם שעפער פון „קאַלישער סטאַטוט", דעם גרויסן מאָלער־מיניאַטור־ריסט אַרטור שיק. זי האָט אויך געשריבן וועגן קאמיל פּיסאַראָ. די אַלע געשטאַלטן האָט זי דייטלעך ארויסגעבראַכט, באַמיענדיק זיך אָביעקטיוו

זיי צו כאַראַקטעריזירן. זי האָט אויך באַרייכערט די ביאָגראַפיע פון מאוריצי גאָטליב, צוגעבנדיק פּאַרשידענע, נאָך נישט באַקאַנטע אייגנצלהייטן פון זיין לעבן.

אורעליע גאָטליב האָט ענטוזיאַסטיש אונטערגעשטיצט יונגע טאַלענ־טירטע קינסטלער. איר הויז איז געווען שטענדיק אָפן פאַר קינסטלער, וועלכע זענען נאָר וואָס געקומען קיין פראַנקרייך און האָבן זיך נאָך נישט געקאָנט קיין עצה געבן אין די נייע באַדינגונגען. זי האָט זיי געהאָלפן מיט ראַט און טאַט. פונעם יאָר 1933, זינט היטלער איז געקומען אין דייטשלאַנד צו דער מאַכט, האָבן קיין פראַנקרייך אָנגעהויבן אָנקומען פאַרשידענע פּליטים, און צווישן זיי אויך קינסטלער. אורעליע גאָטליב האָט גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, וועלכער האָט ארויס־געהאָלפן די דאָזיקע ערשטע קרבנות פונעם היטלעריזם. זי האָט געהאָלפן די קינסטלער, וועלכע זענען אָנגעקומען קיין פּאַריז. זי האָט זיך באַמיט זיי איינצואָרדענען, געפונען פאַר זיי א וווינונג. איר הויז איז דעמלט געוואָרן א פּאָרט פאַר נישט איינעם פון די דאָזיקע פּליטים.

נאָכן פאַרנעמען פּאַריז דורך די היטלעריסטן, האָט מען אורעליע גאָטליב ארויסגעשלעפּט פון איר וווינונג און אריינגעוואָרפן אין א קאָנ־צענטראַציע־לאַגער, שפּעטער האָט מען זי אַרויסגעפירט קיין אָשוויענטשים, וווּ זי איז אומגעקומען.

סעווערין גאָטליב

דאָקטאָר סעווערין גאָטליב איז געווען אן אימפּאָנירנדיקער טיפּ פון א קונסט=מעצענאַט. ער איז געווען א הויכער, ברייטפּלייציקער מיט א פּעך=שוואַרצער געפּלעגטער באָרד און מילדע אויגן. ער איז געווען א טיפּ פון א פּאָרגעשריטענעם גאַליציאַנער ייד, וועמענס זיידע און אורזיידע זענען שוין געווען פּאָרגעשריטענע מענטשן, פּיאָנערן פון פאַרשפּרייטן קולטור צווישן די אָפּגעשטאַנענע יידן פון גאַליציע. סעווערין גאָטליב האָט געשטאַמט פון דער ברייט=פאַרצווייגטער משפּחה פון די גאָטליבס, וועלכע האָט ארויסגעגעבן נישט נאָר וועלט=באַרימטע מאָלער, נאָר אויך מוזיקער און וויסנשאַפטלער. הגם ער אליין איז נישט געווען קיין קינסטלער, האָט ער גלענצנדיק אויסגעפילט א קונסט=ווערק. סעווערין גאָטליב איז געווען אן ענטוזיאַסט פון סובטעלער קונסט. קונסטווערק האָבן אויף אים געווירקט ווי די פאַרקערפּערונג פון גוטסקייט, הארציקייט און איידלקייט. ער, וואָס איז די גרעסטע טייל פון טאָג פאַרנומען געווען מיט די פאַרשידנסטע קאָנפליקטן, וועלכער האָט זיך געמוזט אַריינטראַכטן אין די פאַרשידנסטע פּראָבלעמען פון זיינע קליענטן, ער האָט שטענדיק געפונען צייט, כדי זיך צו באווייזן אויף דער דערעפענונג פון יעדער אויסשטעלונג אָדער אָנצושרייבן א רעצענזיע וועגן אן אינטערעסאַנטער קינסטלערישער שאַפונג. ער האָט דאָס באַטראַכט פאר זיין פליכט לגבי די קינסטלער און דער קונסט. און הגם ער איז געווען זייער אן ערנסטער אַדוואָקאַט, האָט ער אין זיינע באַציונגען מיט די קינסטלער געפילט זיך מאָדנע אומבאַהאָלפן אינגאַנצן ווי א קינד. די מאָלער האָבן אים אָפט געבראַכט זייערע בילדער און ער, צוליב זיין ליבע צו די קינסטלער, פלעגט זיי קויפן, הגם ער האָט געפילט און געוווסט, אז דאָס איז נישט ד י קונסט, וועגן וועלכער ער האָט געטרוימט. אין זיין ווינונג האָבן נעבן אזעלכע סוראָגאַטן געהאָנגען אמתע

קונסטווערק און אפילו בילדער פון אלטע מייסטער. ער האָט פאַרמאָגט פראַנצויזישע און ענגלישע קופּערשטיכן, דייטשישע צייכענונגען, ווי אויך פאַרשידענע מיניאַטורן. באַזונדערס איז ער געווען געבונדן מיט די פּוילישע און יידישע קינסטלער. ער האָט קאָלעקציאָנירט די בילדער פון הירשענבערגן און אברהם נוימאַן. אין יאָר 1929 האָט גאָטליב אָנגעשריבן און ארויסגעגעבן אויף זיין אייגענעם חשבון א קליינע מאָנאָגראַפיע וועגן אברהם נוימאַן. זי האָט געהאַט 16 רעפּראָדוקציעס פון בילדער פון דעם אָנגעזעענעם פּוילישן פּייזאַזשיסט.

אין סעפּטעמבער 1939 האָב איך אָפט געטראָפן סעווערין גאָטליבן אויף די לעמבערגער גאַסן, ער האָט שלעכט אויסגעזען, איז געווען בלאַס, אין זיינע פּעכשוואַרצע האָר האָבן זיך באַוויזן זילבערנע פעדעם. ער איז געגאַנגען זייער פאָרזיכטיק, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ שטעקן, אַזוי ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף אייז, וואָס קאָן זיך יעדע מינוט איינברעכן. אין יוני 1941 איז אים נישט געלונגען זיך צו עוואַקואירן און ער איז אומגעקומען צוגלייך מיט די איבעריקע לעמבערגער יידן.

בן־ציון גרינבאַום

בן־ציון גרינבאַום איז געווען אַן אינטערעסאַנטער מענטש. ער איז געווען אַ פּשוטער ייד מיט אַ באָרד, און געטראָגן די באָרד האָט ער אפשר דערפאַר, וואָס ער איז געווען פרום. זיין פאַראינטערעסירונג מיט דער קונסט שטאַמט מעגלעך דערפון, וואָס אַ לאַנגע צייט האָט ביי אים געוווינט זיינס אַ בן־עיר פון ראַדזין — דער מאָלער ישראל טיקאָטשינסקי. גרינבאַום פלעגט אָפט אַריינקומען צו אים אין זיין צימער און דאָ האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט טיקאָטשינסקיס בילדער, וואָס האָבן געהאָנגען אויף די ווענט. פון אָנהייב פלעגט ער מיט אַ באַהאַלטענער שרעק באַטראַכטן די בילדער, איבערהויפּט „די זינדיקע“ — שפּעטער אָבער האָט ער שוין מיט פאַרגעניגן באַטראַכט די בילדער, זיי האָבן אים פאַרכאַפּט און באַהערשט. מיט דער צייט פלעגט ער פירן לאַנגע דיספּוטן מיט טיקאָטשינסקין וועגן פראַגן פון קונסט און אַליין זיך אַליץ אָפטער פאַרטראַכט וועגן די דאָזיקע פראַגן. עס איז אַפילו דערגאַנגען דערצו, אַז גרינבאַום האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט אויסשטעלונגען פון קונסט. ער איז געוואָרן אַן אָפטער גאַסט אויף די פאַרשידענע אויסשטעלונגען, ווו ער האָט זיך באַקענט מיט די שאַפונגען פון אַ גאַנצער ריי מאָלער. נאָך דעם ווי ער האָט אין משך פון אַ לאַנגער צייט באַזוכט אויסשטעלונגען, האָט ער אפילו אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן רעצענזיעס וועגן די אויסשטעלונגען אין די שבתדיקע נומערן פון די יידישע צייטונגען. די דאָזיקע רעצענזיעס זענען צוגעפּאַסט געווען צו דער מענטאַליטעט פון פּשוטע באַלמעלאָכעס, קליינהענדלער, קרעמער און ענל. אַזעלכע צייטונגען ווי „אונדזער עקספּרעס“ זענען ווי אָפּגעמאָסטן געווען פאַר גרינבאַומען. ער האָט געשריבן וועגן די אויסשטעלונגען און וועגן קונסט אין אַ פּשוטער שפּראַך, אין אַ צוגענגלעכער און אינטערעסאַנטער פאָרם. דאָס וואָס ער האָט געשריבן, איז געווען נישט קאָמפּליצירט, ע־

האָט דערציילט וועגן די בילדער אַזוי ווי ער האָט זיי פאַרשטאַנען. פון וואָס בן־ציון גרינבאַום האָט געלעבט ווייס איך נישט. איך ווייס בלויז, אַז ער פלעגט אָפט פאַרבעטן צו זיך פאַרשידענע מאָלער אין בכלל מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט אַן אינטערעס פאַר קונסט. אויך מיך פלעגט ער איינלאַדן צו זיך.

איך געדענק, אַז אין זיין וווינונג פלעגט מען אַריינגיין דורך אַ לאַנגן האַלב־טונקעלן קאָרידאָר, וואָס איז פאַרהאָנגען געווען מיט פאַרשידענע בילדער, הויפּטזעכלעך מיט אַ יידישער טעמאַטיק. דאָס זענען געווען בילדער, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט פרומע יידן מיט לאַנגע בערד, יונגע בחורים מיט תפילין, יידענעס, וואָס בענטשן ליכט און ענלעכע. אין דעם הויפּטצימער האָבן זיך שוין געפונען בילדער — „מאַרקעס". איך האָב דאָרט געטראָפן בילדער פון פעליקס פרידמאַנען, יאַקוב ווייַנלעזן, מאַוריצי טרעמבאַטשן און אפילו מינקאָווסקין.

גרינבאַום איז געווען אַ מענטש אַ רירעוודיקער (אין גוטן זין פון וואָרט), ער האָט אפילו פאַרמאָגט אין זיך אַ געוויסע בונטאַרישקייט. ער האָט דאָך געמוזט אַ סך באַקעמפן אין זיך גופא, כדי צו קאָנען זיך פאַרנעמען מיט אַזעלכע פראַגן, ווי די פראַגן פון קונסט. גרינבאַומען קאָן מען אפילו באַטראַכטן פאַר אַן אידעאַליסט, ווייל יעדן, וואָס האָט געקאָנט מאָלן, קלעפּן אָדער אפילו צייכענען האָט ער באַטראַכט פאַר אַ קינסטלער און צו יעדן פון די דאָזיקע מענטשן, האָט ער געהאַט אַ האַרציקע, כמעט פילאַנטראָפּישע באַציונג. קיין אמתע קונסט האָט ער איינגאַנצן נישט געקענט, ער איז נישט באַקאַנט געווען מיט דער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די פראַגן פון קונסט, און דאָס, וואָס ער האָט געשריבן, איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען קיין ערנסטע פּאָזיציע אויפן געביט פון קריטיק. דאָך איז אַלץ, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט, געשריבן מיט האַרץ און קיין האָנאָראַר פאַר זיינע אַרטיקלען האָט ער געוויס נישט באַקומען.

אין דער וואַרשעווער „שטים פון דער יידישער קהילה" האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל, וואָס האָט געהאַט אַן אינטערעסאַנטן טיטל: „דאָס יידישע אויג אין די וועלט פון פאַרבן". חוץ דעם האָט ער פאַרעפנטלעכט אויך אַנדערע אַרטיקלען וועגן דער יידישער קולט־קונסט, אָדער רעצענזיעס וועגן קונסט־אויסשטעלונגען.

בן־ציון גרינבאַום איז שפּורלאָז פאַרשוווּנדן בעת דער אָקופּאַציע.

מאַקסימיליאַן גאָלדשטיין און קאַראָל דרעזדנער

מיר דערמאָנען זיי ביידע צוזאַמען, ווייל מיט זייערע נעמען איז פאַרבונדן אַ בוך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1935 א. נ. „די קולטור און קונסט פון יידישן פאָלק אויף דער פוילישער ערד“. דער נאָמען פון בוך איז אַ געווינ פרעטענסיאָנעלער, ווייל דער אינהאַלט פונעם בוך פון די דאָזיקע צוויי אויטאָרן באַציט זיך אויסשליסלעך צו די זאַמלונגען פון מאַקסימיליאַן גאָלדשטיין, אַ לאַנגיעריקן זאַמלער פון פאַרשידענע חפצים

מאַקסימיליאַן גאָלדשטיין צווישן זיינע זאַמלונגען.

פון דער פאָלקס־קונסט ביי דער ייד׳שער באַפעלקערונג אין פוילן. דאָך, צוליב דער כמעט פולקאָמער פאַרניכטונג פון דער יידישער קונסט אין פוילן בעת דער היטלער־אָקופּאַציע, איז דאָס דערמאָנטע בוך אַ ווערטפולע הילף ביים פאָרשן די קולטור און קונסט פון די יידן אין פוילן.

מאַקסימיליאַן גאָלדשטיין, אַ רייכער לעמבערגער ייד, האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל פון זיין לעבן צו קאָנצענטרירן אין זיינע הענט אַ וואָס גרעסערע צאָל חפצים אויפן געביט פון דער יידישער פאָלקס־קונסט אין פוילן. אין משך פון צענדליקער יאָרן איז אים געלונגען צונויפצוזאַמלען אַ היפשע צאָל פאַרשידענע חפצים, אָנהייבנדיק פון אלטער נומיזמאַטיק, מאַנופאַקטור־אויסאַרבעטונגען (געהאַפטענע פרוכתן, לאַמברעקינען און ענלעכע); מעטאַל־אויסאַרבעטונגען: כתרים, בשמים־ביקסן, טאַצן, פאַרשידענע חנוכה־לאָמפּן, פורים־שפּילצייג און ענלעכע חפצים. דאָס איז געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ כאַאָטישער צונויפקלויב, וועלכער האָט גיכער געהאַט אַן עטנאָגראַפישן ווערט. שוין אַלס סטודענט האָט זיך גאָלדשטיין פאַרנומען מיט נומיזמאַטיק. אין יאָר 1910 האָט ער אָנטיילגענומען אינעם ברישעלער קאָנגרעס פון נומיזמאַטיקער, ווו ער האָט געהאלטן אַ רעפעראַט וועגן דער זאַמלונג פון די לעמבערגער מטבעות. חוץ דעם האָט גאָלדשטיין פאַרמאָגט אַ זאַמלונג פון אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע עקסליבריסן. אין זיינע זאַמלונגען האָבן זיך אויך געפונען זעלטענע איבערבלייבענישן פון פאַיאַנס־אויסאַרבעטונגען, וועלכע האָבן געשטאַמט פון דער פאַיאַנס־פאַבריק אין קעניגלעכן לובימש און געווען באַפּוצט מיט יידישע מאָטיוון. גאָלדשטיין האָט אויך געזאַמלט גראַפישע אַרבעטן, ווי אויך בילדער פון יידישע פּלאַסטיקער פון זיין צייט ווי: ליליען, וואכטעל, ארטור שיק, מענקעס, קיץ, קלאר. ער האָט זיך אינטערעסירט אויסשליסלעך מיט יידישע מאָטיוון. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ רייכע זאַמלונג פון חפצים פון יידישן רעליגיעזן קולט ווי: קרוינען, בשמים־בוקסן, שילדן צו דער תורה, מזוזות, עטרות, אתרוגים־פושקעס, פאַרשידענע פּידעלעך א.ד.גל. צו די אינטערעסאַנטע עקספּאָנאַטן פון זיינע זאַמלונגען האָבן געהערט פאַרשידענע אויסשניידונגען פון פּאַפּיר. זייער אַן אינטערעסאַנטער דאָקומענט פון דער קולטור פון די לעמבערגער יידן איז געווען אַן אָנדענקבוך פון גאָלדשטיינס זאַמלונגען, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען קליינע אַרבעטן פון אַ סך קינסטלער — יידן, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן בעת דער היטלער־אָקופּאַציע. דאָרט האָבן זיך געפונען קליינע בילדלעך פון קלאר, קליינמאַן, קיץ, אָטטאָ האן. מענדל רייס. בירער. רודאָלף

מענקיצקי, צייכענונגען פון ארטור שיק, מענקעם ווי אויך פוילישע און אוקראַינישע מאָלער.

אין די יאָרן 1939 — 1941 האָט גאָלדשטיין געאַרבעט אַלס וויסנ־שאַפטלעכער אַרבעטער פון לעמבערגער אינדוסטריעלן מוזיי.

ד"ר קאַראָל דרעזדנער איז געווען אַ דיכטער, אַ שרייבער און פיל צוזאָגנדיקער יונגער וויסנשאַפטלער. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין פאַרשידענע צייטשריפטן יידישע און נישט־יידישע. צווישן אַנדערע איז ער אויך געווען א מיטאַרבעטער, פונעם זשורנאַל: „מיעשענטשניק זשידאָווסקי" וווּ ער האָט געדרוקט אַן אַרבעט אויף דער טעמע „דער אָנ־טייל פון די יידן אין דער פוילישער דיכטונג אין XIX יאָרהונדערט". חוץ דעם האָט ער אָפּגעדרוקט א ביכל פּאָעזיע א. נ. „הייגע און די אומבאַקאַנטע".

בעת דער סאָוויעטישער מאַכט (ביז יוני 1941) האָט ער געאַרבעט אין לעמבערגער שטאָטישן מוזיי. ווען די היטלעריסטן האָבן פאַרנומען לעמבערג, איז דרעזדנער אַריינגעפאַלן אין יאַנאָווער לאַגער. ער האָט גע־הערט צו דער אזויגערופענער „רייניקונגס־קאָמאַנדאָ", וועלכע איז באַ־שטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון וויסנשאַפטלער, שרייבער און שוישפּילער. יעדן טאָג, זומער און ווינטער האָט מען זיי אַרויסגעפירט פון לאַגער אין שטאָט אַריין צו רייניקן די גאַסן. דער נערוועזער דרעזדנער איז געווען זייער איבערגעשראָקן און נישט באַהערשט. טיילמאָל פלעגט מען אים בעת דער אַרבעט שלאָגן, ווייל נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט זייער געוויסנ־האַפט געאַרבעט, פלעגט אים דער וועכטער אָפּט פּאַקן ביים נערוועזן אויס־ווישן די גלעזער פון די ברילן.

קאַראָל דרעזדנער איז אומגעקומען אין יאַנאָווער לאַגער אין מאַי 1943. ביי וועלכע אומשטענדן ס'איז אומגעקומען מאַקסימיליאַן גאָלדשטיין איז עד היום נישט געלונגען פעסטצושטעלן.

הרב שמעון הובערבאַנד

שמעון הובערבאַנד איז געבוירן געוואָרן דעם 19־טן אַפּריל 1909 אין כענטשין ביי קעלץ. די דאָזיקע היסטאָרישע געגנט האָט אין דער געשיכטע פון פּוילן געשפּילט אַ גרויסע ראָל. דאָרט האָט זיך געפונען אַ קליינער אַלטערטימלעכער שלאָס. כענטשין געפינט זיך אויף אַ געוויסער הויך, פון וואַנען ס'אַנטפּלעקט זיך אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע פון דער אומגעגנט, וואָס ציט זיך אויף עטלעכע צענדליק מייל. אין 17־טן יאָרהונדערט האָבן דאָ געאַרבעט אין דער שטאָט אַ סך באַרימטע אויסלענדישע אַרכיטעקטן, צווישן זיי האָט זיך דאָ אויך געפונען דער ארכיטעקט העריש, אַ זון פון שפרה.

דער דאָזיקער העריש איז שטאַרק געאַכטעט געווען צווישן די איבע־ריקע בוימייסטערס, וועלכע מ'האָט דאָ אַראָפּגעבראַכט. די אויפגעבויטע אין יאָר 1638 כענטשינער שול איז וואַרשיינלעך געווען דאָס ווערק פון דעם דערמאָנטן העריש דעם זון פון שפרה.

דער יונגער רב הובערבאַנד האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער לומדי־שער משפחה און איז אייגנטלעך געווען אַ היסטאָריקער. ער האָט זיך פרי אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט די אָרטיקע אַלטערטימלעכקייטן, וואָס האָבן זיך געפונען אינעם קעלצער קאַנט, וואָס ווערן באַטראַכט ווי די עלטסטע אין פּוילן. ס'האָבן אים אינטערעסירט די שולן פון שידלאָוויעץ, פּינטשעוו, דאָס בית־עולם אין זשעפּאַטאָוו און אַנדערע ענלעכע אָביעקטן, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַלטערטימלעכע יידישע אוצרות.

בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע האָט הובערבאַנד, וועלכער האָט זיך געפונען אין וואַרשעווער געטאָ, אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיטן אונ־טערערדישן יידישן אַרכיוו, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם באַקאַנטן היסטאָריקער עמנואל רינגעלבלום. הובערבאַנד האָט פאַרנאָטירט די פאַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות געהאַט צו די פאַרשידענע אַלטערטימלעכ־

קייטן, וואָס זענען פאַרניכטעט געוואָרן. ער האָט זיך דעמלט נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער היטלעריסטישער באַרבאַריזם וועט דערגיין ביז דער פולער פארניכטונג פון אלע יידן און פון זייער קולטור. אין זיין אָפּהאַנדלונג, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין געטאָ, דערציילט ער וועגן אַ גאַנצער ריי שולן, וואָס זענען פאַרניכטעט געוואָרן און וועגן די קולט=חפצים, וואָס זענען צוגערויבט געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז געוויסע ידיעות, וואָס זענען דערגאַנגען פון אויסערן געטאָ, זענען נישט תמיד געווען פינקטלעכע און דעריבער טרעפן זיך אין דער דאָזיקער אַרבעט פון הובערבאַנדן געוויסע נישט פינקטלעכקייטן. אַזוי, למשל, איז די שול אין שידלאָוויעץ, וועלכע הובערבאַנד האָט געהאַלטן פאַר אַ פולשטענדיק פאַרניכטעטע — אין דערווירקלעכקייט טאַקע אינגאַנצן באַרויבט און אויסגעברענט געוואָרן, דאָך איז די געביידע גופא געבליבן און די דייטשן האָבן זי שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ פעלד=קיך, וועגן וואָס עס זאָגן עדות די ווענט, וואָס זענען אינגאַנצן שוואַרץ פון רויך. דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט דער פינטשעווער שול.

שמעון הובערבאַנד, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַלזייטיקע פאַראינטערעסירונגען אין דער ריכטונג פון פאָרשן די יידישע אַלטערטימלעכקייטן אין פוילן, האָט שוין זייענדיק אין געטאָ גערופן צו זאַמלען די מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פון די קולטור=אוצרות, וואָס זענען פארניכטעט געוואָרן דורך די דייטשן. ער האָט געגלייבט אינעם זיג פון הומאַניזם איבער דעם באַרבאַריזם. אין דער דאָזיקער ארבעט זיינער, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין געטאָ, ווענדעט ער זיך מיט א פלאַמיקן רוף צו די צוקונפטיקע היסטאָריקער זיי זאָלן נישט פארנאכלעסיקן דעם דאָזיקן געביט.

שמעון הובערבאַנד איז אומגעקומען דעם 18=טן אויגוסט 1942 אינעם טויטלאַגער טרעבלינקע.

מיכאַל ווײַנציער

מיכאַל ווײַנציער איז פֿון פֿאַך געווען אַן אַדוואָקאַט. ער האָט געהאַט זײַן קאַנצעלאַריע אין וואַרשע אויף אײנער פֿון די זײַטיקע גאַסן פֿון מאַרשאַלקאָווסקע, נאָענט צום פּלאַץ זבאַוויטשעלאַ. ווײַנציער האָט געשטאַמט פֿון אַ גוט סיטואירטער וואַרשעווער משפּחה. ער האָט דעריבער נישט נאָר געקאָנט שטודירן, נאָר אויך אונטערנעמען פֿאַרשידענע רײזעס קײן אויסלאַנד. ער איז געווען אין איטאַליע, פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד און האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקאָנען זיך מיט אַ סך קונסטווערק. ער האָט אַ דאַנק דעם זיך אויסגעאַרבעט אַ פֿײַנעם געשמאַק און האָט זיך באַקענט מיט די פֿאַרשידנסטע ריכטונגען אין דער קונסט, מיט די פֿאַרשידנסטע סטילן און איז אויך באַקאַנט געווען מיט די פֿאַרשידענע רײַבונגען, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין די קינסטלערישע קרײַזן. ער האָט דעריבער אין זײַנע רעצענזיעס וועגן קונסט־פּראָבלעמען גאַנץ לײַכט געמאַכט פֿאַרגלײַכונגען, האָט זיך פֿרײַ באַנוצט מיט מאָלערישע טערמינען. טײלמאָל פֿלעגט ער ענטוזיאַסטיש אַרויסהייבן דעם, אָדער יענעם מאָלער, אָבער אין דעם אַלעמען איז געווען שווער אויסצוגעפֿינען זײַן אײגענע מײנונג, זײַן שטעלונג צו אים. ס'פֿלעגט טרעפֿן, אַז ער האָט זײער וואַרעם געשריבן וועגן אַ מאָלער, האָט אים אפֿילו געהאָלפֿן פֿאַרקויפֿן זײַנס אַ בילד, רעקאָמענדירנדיק אים עמעצן פֿון די ברײַטע קרײַזן פֿון זײַנע באַקאַנטע.

חוץ די רעצענזיעס, וועלכע ער פֿלעגט פֿאַרעפֿנטלעכן אין דער צײַטונג „נאַש פּשעגלאָנד“ און אפֿילו „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקע“ — האָט ווײַנציער זיך אויך פֿאַרנומען מיט געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. ער איז געווען אַ פֿאַרוואַלטונגס־מיטגליד פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרייטן קונסט. די דאָזיקע געזעלשאַפֿט איז געווען אַ שלעכטע קאָפּיע פֿון דער וואַרשעווער זאַכענטע, אָדער פֿון די אַנדערע קונסט־פֿאַרבאַנדן, וואָס האָבן

עקזיסטירט אין אַזאַ גרויסער צאָל אין מערב־אייראָפּע. זי האָט זיך קודם־כל אונטערשיידט פון זיי מיט די זייער באַגרענעצטע מאַטעריעלע מיטלען, אין דער צייט ווען יענע האָבן פאַרמאָגט צו זייער דיספּאָזיציע באַדייטנדיקע מיטלען. די יידישע געז. צו פאַרשפּרייטן קונסט האָט געקאָנט דעם קינסטלער אַ־ויסהעלפן בלויז מיט דעם, וואָס פון צייט צו צייט האָט זי אויסגעשטעלט זיינע בילדער אינעם אייגענעם לאָקאַל.

מיכאַל וויינציער איז געווען איינער פון דער קליינער צאָל מיטגלידער, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַקטיווקייט און ענטוזיאַזם פאַר די פראַגן פון קונסט. פאַרשטייט זיך, אַז זיין אידעאַל אין דער מאָלעריי איז געווען די אַזוי גערופענע ריינע קונסט, ד. ה. אויסשליסלעך דער פאַרבנוואַלאָר, די אינסטרומענטאַציע אָדער ראַפינירטע מאָלערישע טעכניק.

צווישן די יידישע קונסט־קריטיקער האָט זיך וויינציער פאַררעכנט צו דער קליינער גרופּע, וועלכע האָבן אויך געקאָנט פאַרעפנטלעכן זייערע באַמערקונגען וועגן קונסט אין די פּוילישע צייטשריפטן.

נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה האָט וויינציער זיך געפונען אין לעמבערג, וווּ ער האָט געאַרבעט אַלס ווּסנשאַפטלעכער אַרבעטער פונעם לעמבערגער אינדוסטריע־מוזיי, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט פּראָפ. ד"ר פּיוואָצקי.
אין דער צייט האָבן מיר זיך אָפט געטראָפן, הגם ער האָט געאַרבעט אין אַן אַנדערער קונסטצווייג, נעמלעך ביי קינסטלערישער האַנטווערקעריי.

מ. וויינציער איז אָפט געווען אין פאַרבאַנד פון יידישע פּלאַסטיקער, האָט אָנטיילגענומען אין די פאַרשידנסטע דיסקוסיעס וועגן פראַגן פון קונסט און קינסטלער. וויינציער האָט געקאָנט דינען אַלס ביישפּיל אויף ווי ווייט די נייע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען קאָנען ווירקן אויף אַ מענטשן.

ווען די היטלער־אַרמיי איז אָנגעפאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד, איז וויינציערן נישט געלונגען זיך צו עוואַקואירן אין דער טיף פון לאַנד. אין לעמבערג האָט ער געווינט אויסערן געטאָ און פלעגט אָפט בייטן זיינע אַדרעסן.

צוזאַמען מיט אים האָט געווינט די דיכטערין זוזאַנאַ גינטשאַנקאַ (פּסעוודאָנים), וועלכע האָט פאַר דער מלחמה געדרוקט אירע געדיכטן אינעם זשורנאַל „שפּילקי". פון די אָקופּאַציע־יאָרן האָט זיך אויפגעהאַלטן איין גע־

דיכט אירם א. ג. „גאָן אָמנים מאָריאָר“. דאָס געדיכט איז שפּעטער אָפּ־געדרוקט געווען אין „אָדראָדזעניע“ (נר. 12 1946). מיט בייסיקער איראָניע לאַכט אָפּ די דיכטערין פון אַלע די, וועלכע זענען פאַרבלענדט פונעם ווילן רייך צו ווערן, זיי זעען ניט, אַז זיי זענען בלויז אַ ווערקצייג אין די הענט פון דעם מערדערישן אָקופּאַנט.

די דיכטערין זוזאַננאַ גינטשאַנקאַ און מיכאַל וויינציער זענען היטער קראָקע אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ און ביידע זענען דער־מאָרדעט געוואָרן.

שמעון זייטשיק

שמעון זייטשיק איז געבוירן געוואָרן דעם 18־טן נאָוועמבער 1900 אין וואַרשע. ער האָט געשטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער יידישער משפחה. זיין פאָטער איז געווען אַ רייכער סוחר.

שמעון זייטשיק האָט אין אָנהייב שטודירט אין וואַרשעווער פּאָ־ליטעכניקום. ער האָט שטודירט ביים אָנגעזעענעם אַרכיטעקט און געלערנטן אָסקאַר סאָסנאָווסקי, ווי אויך ביים באַקאַנטן קונסט־היסטאָריקער באַטאָוו־סקי. זייטשיק האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרק אַנטוויקלטן חוש פאַר פאָר־שונגען איבער יידישע אַלטערטימלעכקייטן. פאַרמאָגנדיק גרינטלעכע ידיעות אויפן געביט פון אַרכיטעקטור, האָט ער שנעל זיך דערוואָרבן אַ שם אַלס קענער פון די אַלטערטימלעכקייטן. דאָס איז אָבער נישט געווען בלויז די פאַראינטערעסירונג פון אַ פאַכמאַן, נאָר זייטשיק האָט אויף דעם געביט אַרויסגעוויזן אַ סך ליבע צו דעם דאָזיקן צווייג פון קונסט־געשיכטע, ער איז אפשר געווען דער ערשטער אין פּוילן קונסט־היסטאָריקער פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן אין פאַרנעם פון אַ וויסנשאַפטלעכן פאָרשער, להיפוך צו בערסאָנען און באַלאַבאַנען, וועלכע ס'האָט געפעלט די געהעריקע ידיעות, כדי צו דערקענען די אייגנטימלעכקייט פון די אַלטערטימלעכע אָביעקטן. זייטשיק האָט גרינטלעך געפאָרשט, אָפּגעשאַצט און באַשטימט יעדן אָביעקט, יעדע איינצלהייט סיי לויט דער צייט פון זיין אַנטשטייונג און ספּעציפיק פון דער פאָרם, סיי לויט זיין קולטור־היסטאָרישן ווערט. כדי זיך צו דערווערבן וואָס ברייטערע ידיעות, האָט זייטשיק אַ סך אַרומגערייזט איבערן לאַנד, האָט געפאָרשט אַלטערטימלעכע שולן, זייער אינערלעכע איינריכטונג, דעם מאַטעריאַל פון וואָס זיי זענען געבויט. ער האָט אויך געמאַכט הונדערטער פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס פון די אינטערעסאַנטסטע אָביעקטן. אַזוי אַרום האָט ער באַזוכט פינטשעוו, אָפּאַטאָוו, גאָמבין, פּשעד־בוזש, ווישעגראָד, איזאַבעלין און אַנד. שטעט, וו עס האָבן זיך געפונען

אַלטע הילצערנע שולן און אַלטע בית־עולמס. זייטשיק האָט אויפֿן סמך פֿון די דאָזיקע פֿאָרשונגען זײַנע אָנגעשריבן צוויי וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן וועגן די שולן אין פּינטשעוו און אין קעמפּנע. די ביידע אַרבעטן האָבן אים באַקאַנט געמאַכט אַלס גוטן קונסט־היסטאָריקער. מ׳האָט אים באַטראַכט פֿאַר אַ פֿיל צוזאָגנדיקן פֿאָרשער אויפֿן געביט פֿון דער יודאַיסטישער קונסט אין פּוילן.

אין יאָר 1933 האָט זייטשיק פֿאַרעפֿנטלעכט אינעם וויסנשאַפֿטלעכן ביולעטין (אַרויסגעגעבן אונטער דער רעדאַקציע פֿון זײַן פּראָפֿעסאָר אָסקאַר סאָסנאָווסקי, ווי אויך אַנדערע אָנגעזעענע פּוילישע געלערנטע ווי: יוליוש סטאַזשינסקי, מיכאַל וואַליצקי, אינזש. אַרכיט. יאַן זאַכוואַטאָוויטש) אַן אַרבעט א. נ. „וועגן דער אַרכיטעקטור פֿון די געמויערטע שולן אין פּוילן אינעם באַראָק־סטיל“. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט שמעון זייטשיק אַוועקגעשטעלט אַ פּראָבלעם, אויף וועלכן ס׳האָט קיינער ביז אים נישט אויפֿמערקזאַם געמאַכט, נעמלעך, וועגן די שולן, אין וועלכע דער שטח צווישן די פּילאָרן איז אנדערש געלעזט, ווי דאָס איז שפּעטער געווען (דאָס אַוועקשטעלן די בימה צווישן די פּילאַרן, ד. ה. אַן אַנדערע קאָנסטרוקציע ווי אין די שולן, וווּ די בימה האָט זיך געפֿונען אינדערמיט פֿון אַ פֿרייען שטח איז דעם אינעווייניקסטן טייל פֿון דער שול). אַזעלכע שולן מיט אַן אַנדערער קאָנסטרוקציע זענען אַנטשטאַנען אין קליינפּוילן אין אָנהייב XIX יאָרהונדערט. דעם 17־טן פֿעברואַר 1933 האָט שמעון זייטשיק געלייענט אַ רעפֿעראַט אויף אַ זיצונג פֿון דער אָפּטיילונג פֿון געשיכטע פֿון קונסט און קולטור ביי דער געז. וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט אַלטערטימלעכקייטן, אויף דער טעמע: „דער צושטאַנד פֿון די פֿאָרשונגען פֿון דער אַרכיטעקטור פֿון שולן אין פּוילן“. דער דאָזיקער רעפֿעראַט, ווי מיר האָבן פֿריער דערמאָנט, איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אינעם וויסנשאַפֿטלעכן ביולעטין.

זייטשיק איז אויך געווען א מיטארבעטער פֿון א גאנצער ריי צייטשריפֿטן, וואָס האָבן באַהאַנדלט פֿראַגן פֿון קונסט־געשיכטע, צווישן אַנדערע האָט ער אויך אָפּגעדרוקט אינעם זשורנאַל „ארקאדי“ אַן אַרטיקל וועגן פֿראַגן פֿון דער מאָדערנער קונסט. אַזוי, צ. ב. האָט ער אין יאָר 1933 אָפּגעדרוקט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער סקולפּטור פֿון עדוואַרד וויטיג א. נ. דער „שטאַרבנדיקער ריטער“.

אין אָנהייב פֿון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע איז זייטשיק אַרייַנגעפֿאַלן צוזאַמען מיט זײַן גאַנצער משפּחה אין וואַרשעווער געטאָ. דאָרט זענען אויך געשטאָרבן פֿון הונגער זײַנע אַמאָל אַזוי רייכע עלטערן.

די פּוילישע קונסט⸗היסטאָריקער, וועלנדיק אַרויסהעלפן זייטשיקן,
האָבן איינשטעלנדיק דאָס לעבן איבערגעשיקט אים אין געטאָ די גייטיקע
ביכער און אויך געלטמיטלען. ווען די לאַגע אין געטאָ איז געוואָרן קריטיש,
האָט דער פּוילישער קונסט⸗היסטאָריקער סטאַניסלאַוו הערבסט אַרויס⸗
באַקומען פון געטאָ צוערשט זייטשיקן און שפּעטער אויך זיין פרוי און
טעכטערל. מ׳האָט זיי געקויפט אַ דירה אויף דער „אַרישער זייט“ און
מ׳האָט זיי אויך באַזאָרגט מיט אַרישע דאָקומענטן. מ׳האָט זיך האַרציק
פאַרנומען מיט אים. שמעון זייטשיק איז אומגעקומען צוליב זיין אייגענער
נישט פאָרזיכטיקייט. ווען ער איז איינמאָל אַרויס אויף דער גאַס, איז
ער שאַנטאַזשירט געוואָרן דורך עפּעס אַ טונקעלן פאַרשוין, וועלכער האָט
אים איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. די פרוי און די טאָכטער
זענען לעבן געבליבן. די פרוי אָבער, וועלכע איז שרעקלעך צעשלאָגן גע⸗
וואָרן דורך היטלעריסטן, האָט באַקומען אַ שווערע אויגן⸗קראַנקהייט און
שפּעטער האָט זיך אַנטוויקלט אַ ראַק אין אויג. פאַרן טויט איז זי מיט דעם
טעכטערל ארויסגעפאָרן קיין ישראל, וו ס׳האָט געוווינט איר שוועסטער
און דאָרט איז זי אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן. אין א געשפּרעך
מיט דער פרוי זייטשיק האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דער אָפּפערוויליקער
הילף פון זייטשיקס פּוילישע חברים אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע.

אברהם זיינפעלד

אברהם זיינפעלד איז געווען א שוואָגער פונעם יידישן דיכטער ש. י. אימבער. דאָס איז געווען אַ ייד, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע געשעפטן. דאָ איז ער געווען אין וואַרשע, דאָ ווידער האָט ער זיך באַוויזן אין קראָקע, לעצטנס האָט ער געלעבט אין לעמבערג. נישט אַלע מאָל איז אים געגאַנגען גוט, דאָך פלעגט ער געפינען צייט צו כאַפּן אַ בליק אין אַ ספר אַריין. דאָס איז געווען אַן אָריגינעלער טיפּ, וואָס האָט אין זיך פאַראייניקט שטריכן פון דער אַלטער און נייער קולטור. יעדער האָט תמיד אָן שום שטערונג געקאָנט אריינקומען אין זיין וווינונג, צוגיין צו דער פּאָליצע מיט ביכער, אַרויסנעמען דאָס, וואָס אים איז געפעלן, זעצן זיך צום טיש און לייענען. באַלד האָט זיך געבן אַזאַ לייענער באַוויזן אַ הייס גלאָז טיי און א שטיקל ברויט. אין יעדן ווינקל פונעם צימער זענען געלעגן גאַנצע הויפנס פון ספרים און מאָדערנע ביכער, מ'האָט זיי געטראָפן אויפן טיש און אויף דער קאַנאַפּע, און יעדער וואָס פלעגט אַריינקומען האָט תמיד געפונען עפּעס פאַר זיך.

ביי אברהם זיינפעלדן האָב איך געטראָפן דוד קעניגסבערגן, הערש וועבערן, פּריץ קליינמאַנען, יהושע פּערלען, חוץ אַ סך, אַ סך אַנדערע, וועלכע איך האָב נישט געקענט. מ'פלעגט דאָרט טרעפן אַ שטאַרק געמישטע געזעלשאַפט. יעדער איז געזעסן דאָרט, ווו ס'איז אים געווען באַקוועמער, און נישט תמיד האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם, וועגן וואָס מ'האָט געשמועסט, ווייל ער איז פאַרנומען געווען מיט לייענען אַן אינטערעסאַנט ביכל.

אברהם זיינפעלד האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרקן חוש פאַר קונסט. עס פלעגט טרעפן, אַז ער פלעגט ביי פאַרשידענע אַנטיקוואַרן אָדער אַפילו פון פּריוואַטע הייזער אַרויסבאַקומען פאַרשידענע „מציאות“ אויפן געביט

פון יידישער אָרנאמענטיק. ער האָט זיך אויך פֿאַרשטאַנען אויפֿן ווערט פון בילדער. אַ סך פון די דאָזיקע ווערטפולע זאַמלונגען זיינע האָט ער אַוועקגעשאָנקען דעם „ייוואָ“.

אין יאָר 1939 איז זיינפעלד געוואָרן א מיטארבעטער פון אָסאָליגעום, וו עס האָבן זיך געפונען אויך ווערטפולע עקספּאָנאַטן פון דער יידישער קולטור ווי: מאנוסקריפּטן, אינקונאבולן, אַלטע העברעישע אויסגאבן און ענלעכע. מיר האָבן זיך געטראָפן מיט זיינפעלדן כמעט יעדן טאָג, ווייל ביידע האָבן מיר געאַרבעט אויף דער זעלבער גאַס (איך האָב דעמלט געאַרבעט אין לעמבערגער אָזשעכאָוויטש-מוזיי). אברהם זיינפעלד איז געווען אַנטציקט. ענדלעך איז ער געווען ביי אַזאַ אַרבעט, וואָס האָט אים פֿאַרכאַפּט. יעדן טאָג האָט ער געקאָנט האַלטן אין זיין האַנט פֿאַרשידענע יקר-המציאותן. ער פלעגט זיי רעגיסטרירן, זאָרגן פֿאַר זיי ווי פֿאַר טייערע קינדער. ווען ער פלעגט טרעפן פון זיינע באַקאַנטע פלעגט ער איינ-לאַדן אין אָסאָליגעום, כדי צו באַטראַכטן זיינע פערל.

דאָס דאָזיקע גליק האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, ער איז צוזאמען מיט זיין שוואָגער אימבערן דערמאַרדעט געוואָרן נישט ווייט פון זלאָטשעוו.

לעאָן סטראקון

סטראקונס אַרבעטן אויפֿן געביט פֿון קונסט־קריטיק און געשיכטע פֿון קונסט זענען צעשפּרייט איבער א סך פּוילישע צייטשריפֿטן, וואָס באַהאַנדלען פֿראגן פֿון קונסט. דאָס זענען מייסטנס געווען רעצענזיעס וועגן אויסשטעלונגען אָדער קריטישע באַמערקונגען וועגן פֿארשידענע פּראָבלעמען פֿון דער פּלאסטישער קונסט.

לעאָן סטראקון איז געווען אַ טיפּ פֿון א יונגן אַקטיוויסט, וועלכער שאַצט אָפּ די שאַפֿונג נישט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון רייִנער עסטעטיק, נאָר ער האָט אויך געפֿאָדערט אן אינהאלט אין דער קונסט. ער האָט אָן שום צווייפֿל געהאַט אַ רעאַליסטישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פֿון קונסט און ער האָט היים פּאָלעמיזירט מיט די קריטיקער־אידעאַליסטן.

סטראקון איז געווען אַ מיטאַרבעטער פֿון דער פֿאָרגעשריטענער לעמבערגער צייטשריפֿט „סיגנאלי“, פֿון די וואַרשעווער „וויאדאָמאָשטשי ליטעראַצקע“ און אַ סך אַנדערע. די פֿארעפֿנטלעכטע אַרטיקלען פֿון סטראַקונען זענען געווען זייער ווערטפֿול נישט נאָר אַלס אינפֿאָרמאַטיווער מאַטעריאַל, נאָר זענען געווען אויך אָריגינעל אינעם אופֿן פֿון באַהאַנדלען די פֿארשידענע פֿראגן.

לעאָן סטראקון איז געווען גוט באַקאַנט מיט די לעבנס־באַדינגונגען פֿון די קינסטלער, וועמענס שאַפֿונג עס האָט אים אינטערעסירט. ער האָט אויך גוט געקענט די הינטערקוליסן פֿון דער קינסטלערישער וועלט און האָט געוווּסט די סיבות, פֿארוואָס טייל בילדער זענען געהאַלטן געוואָרן אין שאָטן. אינעם טומל פֿון דעם לעצטן יאָרצענדליק פֿאַרן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען נישט איין אומגערעכטיקייט האָט גע־טראָפֿן אויך טאַלענטירטע קינסטלער, איז זיך נישט שווער געווען אָנצו־שטויסן, פֿארוואָס די קאָלאָריסטיק פֿון טייל מאָלער איז געווען אַזוי אומע־

טיק און אויסגעלאָשן. דעריבער האָט לעאָן סטראַקון, ווי אַ גלענצנדיקער קענער פון דער קלאַסישער קונסט, קיינמאָל נישט געפּרוווט קאָנפראָנטירן אַ היינטצייטיקן מאָלער מיט די הויף־מאָלער פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער. סטראַקון איז געווען אַ קריטיקער מיט אַ ברייטן בליק, אין זיינע פאָרמולירונגען האָט ער זיך באַמיט צו זיין קאָנקרעט און רעאַליסטיש. ער האָט אָפט פּאָלעמיזירט מיט ערנסטע קריטיקער און קונסט־היסטאָריקער, נישט מורא האָבנדיק צו פאַראורטיילן זייער רעאַקציאָנערע פּאָליטיק, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם פאַרשידענעם אופן פון טראַקטירן די קינסטלער. ס׳פלעגט טרעפן, אַז ער האָט אויסגעלאַכט אַ סנאָביסטישן, מאַניערירטן, קליינבירגערלעכן קריטיקער. אַ באַזונדערע פאַראינטערעסירונג האָט אַרויסגערופן סטראַקונס קריטיק, וועלכע איז געווענדעט קעגן דעם ביכל פון פראָפ. מיעטשיסלאוו טרעטער, וואָס איז דערשינען אין זייער אַ קליינער אויפלאַגע. אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשיינען פון דעם ביכל האָט סטראַקון פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין די „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקע" פון 6.1.1935 א. נ. „די פאַרשוויגענע מאָלעריי", אויפווייזנדיק, אַז טרעטער האָט פאַרשוויגן אַ סך פאַרדינסטפולע פּוילישע קינסטלער־פּלאַסטיקער. מיט אַ יאָר פריער האָט סטראַקון פּאָלעמיזירט אויך אויף די שפּאַלטן פון די „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקע" (נר. 47, 1934) מיטן מאָלער און שרייבער טערליצקין וועגן די שאַפונגען פון מאַוריצי גאָטליב. סטראַקונס אַרטיקל וועגן דער פראַגע האָט זיך באַוויזן אונטער דעם פּילזאָגנדיקן טיטל „די נישט שיינע זאַכן אין דער שיינער קונסט". אין דער „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקע" האָט אויך סטראַקון אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין יאַנואַר 1936 א. נ. „אַנטי־אימפּרעסיאָניזם".

דער גורל פון לעאָן סטראַקון בעת דער אָקופּאַציע איז ווייניק באַקאַנט. ס׳איז בלויז באַוווּסט, אַז אין יאָר 1939 איז אים געלונגען צו אַנטלויפן קיין ביאַליסטאָק, שפּעטער אָבער, דאָס הייסט פונעם יאָר 1941, איז פאַרשוווּנדן יעדער שפּור נאָך אים.

ס׳איז טרויעריק, וואָס נאָך לעאָן סטראַקון זענען געבליבן בלויז זיינע פאַרעפנטלעכטע אַרטיקלען, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר בלויז אַ קליינעם ברוכטייל פון זיין שאַפונג. סטראַקון האָט געהאַט ווערטפולע אַרבעטן, וועלכע האָבן אין סאַנאַציע־פּוילן נישט געפונען קיין פאַרלעגער. ס׳איז קיין וווּנדער נישט — סטראַקון איז דאָך געווען נישט נאָר אַ פאָרגעשריטענער פאָרשער נאָר אויך אַ ייד...

נח פרילוצקי



נח פרילוצקי איז געבוירן געוואָרן דעם 1־טן אָקטאָבער 1882 אין בערדיטשעוו. אין יאָר 1910 האָט זיך זיין משפחה איבערגעצויגן און באַזעצט אין ווארשע. דער דאָזיקער באַרימטער יידישער פילאָלאָג, שרייבער, פובליציסט איז אויך דער עלטסטער קונסט־קריטיקער ביי יידן אין פוילן.

נח פרילוצקי האָט נישט געהערט צו די קונסט־קריטיקער, וועלכע האָבן אויף די קינסט־אויסשטעלונגען געזוכט בלויז אָנגענעמע איינדרוקן. שוין פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער פארשטאַנען, אז עס זענען פאראן קינסטלער, וועלכע „פּראָדוצירן קונסט“, רעטושירנדיק גלייכצייטיק דעם גראָען, נישט אָנגענעמען לעבנס־אמת. פרילוצקי האָט נישט פאַרטראָגן די דאָזיקע קינסטלער, וועלכע האָבן געשטרעבט צו באַפרידיקן דעם געשמאַק פונעם יידישן קליינבירגער מיט זיין פראָסטאַצקן אַנטציקן זיך מיט דעם אזוי גערופענעם מאָדערניזם. אין יענעם פעריאָד, ווען פרילוצקי האָט אָנגעהויבן אויך צו שרייבן רעצענזיעס איבער קונסט־פּראָבלעמען, ווייזט ער אָן, אַז דער קינסטלער דאַרף אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. ער האָט דרייסט נעגירט אַלץ, וואָס איז געווען אין דער קונסט פרעטענסיאָנעל און אַלס מוסטער, וועלכן מ'דאַרף נאָכטאָן,

האָט ער אָנגעוויזן אויף די מאָלער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער יידישער טעמאַטיק.

דאָס הייסט נישט, אַז אַלץ וואָס איז געווען אויסער דער טעמאַטישער קונסט איז אים געווען פרעמד. ווען מ'האָט אָבער אָנגעהויבן איינרעדן דעם צושויער, אַז אין די ריין אימפּרעסיאָניסטישע בילדער, אין אַזעלכע צ. ב. „שטיל־לעבנס" שטעקט עפּעס אַ יידישע ספּעציפיק, האָט פּרילוצקי נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן פון איראָנישע באַמערקונגען אויף דער טעמע. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ קינסטלער — אַ ייד דאַרף פאַר זיין קונסט געפינען אַ ספּעציעלע אויסדרוק־פאָרם, פּונקט אַזוי ווי עס האָט דאָס געפונען אין זיין שפּראַך דער יידישער שרייבער. אין זיין בוך „באַרג אַרויף" (אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אין יאָר 1917), האָט פּרילוצקי אַ סך פּלאַץ אָפּגעגעבן דער פּלאַסטישער קונסט ביי יידן אין פּוילן. די דאָזיקע פראַגמענטן זענען אַריין אין בוך פון די אַרטיקלען, וועלכע פּרילוצקי האָט אין משך פון עטלעכע יאָר געשריבן אויף דער טעמע. צווישן אַנדערע ברענגט ער בולט אַרויס די געשטאַלט פון דעם דעמלט נאָך יונגן מינקאָווסקי, וועמענס דרייסטע טעמאַטישע בילדער האָבן געמאַכט אויפן מחבר אַ שטאַרקן איינדרוק. חוץ דעם באַשרייבט אויך פּרילוצקי אין דעם דערמאָנטן בוך די ערשטע צוויי אויסשטעלונגען פון יידישע פּלאַסטיקער, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין וואַרשע. דאָס איז געווען די צייט, ווען די רעאַקציאָנערע פּוילישע קרייזן האָבן פּראָקלאַמירט דעם באָיקאָט אויף יידישע געשעפטן און ווען עס פלעגן פּאָרקומען אָנפאַלן אויף יידישע דורכגייער. נישט יעדער יידישער קינסטלער איז אויך צוגעלאָזט געוואָרן צו די אַלגעמיינע אויסשטעלונגען, און ווען איינצלנע פלעגן שוין יאָ צוגעלאָזט ווערן, האָט די פּרעסע נישט דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט וועגן זיי. די דאָזיקע נישט נאָרמאַלע באַציונגען האָבן סוף־כּל־סוף דערפירט דערצו, אַז אין יאָר 1911 האָבן די קינסטלער ווייגלעז, טרעמבאַטש און גאבאָוויטש איינגעאָרדנט אַ באַזונדערע אויסשטעלונג אין קרינסקיס שול, וועלכע האָט זיך געפונען אינעם צענטער פון יידישן קוואַרטאַל און אין צוויי יאָר אַרום האָבן אין אַן ענלעכער סעפּאַראַטיסטישער אויסשטעלונג אָנטיילגענומען דער מאָלער מינקאָווסקי, דער סקולפּטאָר אייזענבערג ווי אויך די מאָלערין סטאַניסלאַוואַ צענטנערשווער. וועגן די דאָזיקע צוויי אויסשטעלונגען האָט טאַקע ברייט געשריבן נח פּרילוצקי. קריטיקירנדיק די אַרבעט פון דער דעמלט נאָך יונגער רייכערט־צענטנערשווער, האָט פּרילוצקי נישט אָפּגעפרעגט איר טאַלאַנט און האָט אויך געלויבט די קאָלאָריסטישע

וואַלאָרן פון אירע בילדער, דאָך האָט ער אויסגעדריקט זיין פאַרוווּנדערונג, וואָס די קינסטלערין האָט פולשטענדיק אויסגעמיטן אין די אויסגעשטעלטע בילדער די יידישע טעמאַטיק.

פּרילוצקי האָט נישט נאָר געשריבן וועגן קונסט, נאָר האָט אויך אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש פאַרן יידישן קינסטלער און האָט בכלל ליב געהאַט צו זאַמלען בילדער. זיין וווינונג איז כמעט געווען אַ קונסט־גאַלעריע. ער פלעגט די בילדער קויפן אָדער דירעקט ביי די קינסטלער, אָדער אויף די אויסשטעלונגען. אַזויאַרום האָט ער פאַרמאָגט די בילדער פון שאַגאַל, מינקאָווסקי, וויינלעז, מאַוריצי טרעמבאַטש, יאַנקל אַדלער, יצחק בראונער, ווינטרויב, בארטשינסקי און א סך אנדערע.

אין סעפטעמבער 1939 איז פּרילוצקי אַוועק קיין ווילנע. דאָ איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר פון ווילנער אוניווערסיטעט, ווי אויך אַלס דירעקטאָר פון „ייוואָ“. אַ חודש פאַרן אָנפאַל פון די היטלעריסטן איבן ראַטנפאַרבאַנד האָב איך זיך געטראָפן מיט פּרילוצקין אין „ייוואָ“, ער איז געווען אַ סך לעבעדיקער און רירעוודיקער ווי אין וואַרשע.

נאָכן פאַרנעמען ווילנע דורך די היטלעריסטן איז פּרילוצקי אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און נאָך לאַנגע פייניקונגען איז ער דערמאָרדעט געוואָרן אין דער תפיסה.

מיעטשיסלאַוו שטערלינג

מיעטשיסלאַוו שטערלינג איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1884 אין וואַרשע. נאָכן פֿאַרענדיקן די גימנאַזיע איז ער אַרויסגעפֿאָרן אויף ווײַטערדיקע שטודיען קיין ציריך, וווּ ער האָט געענדיקט אַלס ד״ר פֿילאָזאָפֿיע.

אין פּוילן האָט מען אים געהאַלטן פֿאַר אַן אָנגעזעענעם קונסט־קריטיקער. שטערלינג האָט אויך געגומען אַ לעבהאַפֿטן אָנטייל אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אַלס קונסט־קריטיקער האָט ער טראַקטירט דעם געביט פֿון פּלאַסטישער קונסט פֿון דער זײַט פֿון איר דידאַקטיש־בילדנדיקער פֿונקציע.

מיעטשיסלאַוו שטערלינג האָט פֿאַרמאָגט אין וואַרשע אַ באַשיידענעם אַנטיקוואַר־געשעפֿט. זיצנדיק אין געשעפֿט, פֿלעגט ער תמיד זײַן אַרײַנגעטאָן אינעם לייענען, אַזוי, אַז ער האָט אָפֿט נישט געהערט ווען עס פֿלעגט אַרײַנקומען אַ קליענט. שטערלינג האָט געהערט צו די קריטיקער, וועלכע האָבן זיך גענומען דעם מוט שאַרף צו פּאָלעמיזירן מיט דעם פֿאַרגליווערטן רעאַקציאָנערן טייל פֿון דער דעמלטיקער פּוילישער קריטיק. ער פֿלעגט נישט איינמאָל אָנווײַזן די סיבות פֿון די שלעכטע זײַטן אין דער פּלאַסטישער קונסט אין פּוילן, באַגרינדנדיק דאָס מיט דער ווירקונג פֿון דער נויט פֿון די קינסטלער און דער גרויזאַמער באַציונג צו זיי מצד די הערשנדיקע פֿאַקטאָרן.

פֿון די וויכטיקסטע אַרבעטן שטערלינגס דאַרף מען דערמאָנען די מאָנאָגראַפֿיע וועגן דעם גרויסן פּוילישן קינסטלער פּיאָטר מיכאַלאָווסקי, די מאָנאָגראַפֿיע וועגן דעם מייסטער פֿון פּוילישן פּייזאַזש יאַן סטאַניסלאַווסקי, וועגן דעם קינסטלער לעאָן וויטשולקאָווסקי, איגנאַצי מאַרק און פֿון דער קלאַסישער מאָלערײַ — וועגן דעם מאָלער פֿרא אַנזשעליקאָ דאַ פֿיע־

סאָלאַ (1387—1455). מיעטשיסלאַוו שטערלינג האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿאַרשידענע פּוילישע צייטשריפֿטן אַרטיקלען וועגן די לויפֿנדיקע אויסשטעלונגען. זיינע אַרבעטן זענען געדרוקט געווען אין די „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע", „שטוקי פּיענקנע" און אַנד.

אין איינע פֿון זיינע פּאָלעמישע אַרבעטן האָט שטערלינג גענומען זיך דעם מוט צו דעמאַסקירן דעם סקולפּטאָר שוקאַלסקי, וועלכער איז געקומען פֿון אַמעריקע און וועלכער האָט רעקלאַמירט דעם אַמעריקאַנער אַקאַדעמישן עקלעקטיציזם אַלס אַ נייע רעוואָלוציע־פֿאָרם, וועלכע האָט באַדאַרפֿט, לויט זיין מיינונג, באַנייען די סקולפּטור־קונסט. עס האָבן זיך דעמאָלט געפֿונען אין לאַנד גענוג לייכטגלויביקע, איבערהויפּט אין קראָקע, וועלכע האָבן אין משך פֿון אַ געוויסער צייט בלינד קאָפּירט די דאָזיקע קונסט, וואָס איז אויסגערעכנט געווען אויפֿן עפֿעקט. און אַזוי ווי שוקאַלסקי איז געווען זייער רייך האָט ער געקאָנט זיך רעקלאַמירן אויף אַזן עכט אַמעריקאַנער אופֿן. שטערלינג האָט געהערט צו די קריטיקער, וועלכע האָבן ניכטער אָפּגעשאַצט די דאָזיקע קונצנמאַכעריי.

מיעטשיסלאַוו שטערלינג האָט זיך אינטערעסירט מיט יידישע אויסשטעלונגען, האָט זיי באַזוכט און האָט מיט גרויס ליבע אונטערגעשטראָכן דאָס אַלץ, וואָס איז געווען אין זיי ווערטפֿול.

אין דער רשימה פֿון „פֿאַרלוסטן פֿון דער פּוילישער קולטור" (אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אין יאָר 1946) איז אָנגעגעבן: מיעטשיסלאַוו שטערלינג, געב. 1883, קונסט־היסטאָריקער, ליטעראַט און אַנטיקוואַר — אומגעקומען. ביי וועלכע אומשטענדן ער איז אומגעקומען — איז עד היום נישט געלונגען פֿעסטצושטעלן.

פוילישע און יידישע פלאַסטיקער
אין די קאַמפן קעגן דעם היטלעריסטישן אָקופּאַנט

אין די קאַמפן פאַר דער באַפרייונג פון פוילן פון אונטערן היטלערישן יאָך האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט די קינסטלער-פלאַסטיקער. דער מאַטעריאַל וועגן אָנטייל פון די פּראָגרעסיווע פלאַסטיקער סיי אַלס שלאַכטלייט אין דער רויטער אַרמיי, סיי אינעם פוילישן מיליטער און אין די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, איז אַ רייכער. ביז איצט אָבער האָט אים נאָך קיינער נישט באַאַרבעט.

* * *

ס'איז באַקאַנט, אַז די היטלעריסטישע אָקופּאַנטן האָבן גלייך נאָכן פאַרנעמען פוילן אַרויסגעגעבן דיסקרימינאַציע-דעקרעטן קעגן די יידן, אָפּזונדערנדיק זיי אינגאַנצן פונעם איבעריקן טייל געזעלשאַפט. אויף אַזאַ אופן האָבן זיך די היטלעריסטן שוין לכתחילה באַמיט אָפּצושוואַכן די ווידערשטאַנד-באַוועגונג קעגן זייערע פאַרברעכערישע פּלענער. די פוילישע רעאַקציע אין לאַנד האָט טאָלערירט דעם דאָזיקן צושטאַנד און מיטגעווירקט מיט אַלע מיטלען צו פאַרשאַרפן די דאָזיקע פאַרברעכערישע דיסקרימינאַציע פון די איזאָלירטע פוילישע יידן. די פּאַר דאַקעגן האָט געקעמפט סיי קעגן דעם אכזריותדיקן אָקופּאַנט, סיי קעגן זיינע פוילישע פאַרבינדעטע.

אויפן פאָן פון דער דאָזיקער דיסקרימינאַציע, אימפּאָנירט די צאָל פון די, וועלכע האָבן אייגנשטעלנדיק דאָס לעבן דערפילט זייער פּאַטריאָטישן חוב און געהאָלפן די מיטבירגער, וואָס זענען צום שווידערלעכסטן אונטערגעדריקט געוואָרן דורך די היטלעריסטן. ס'איז ווערט אונטערצושטרייכן די סאָלידאַרישקייט פון פּראָגרעסיווע פוילישע און יידישע קינסטלער-פלאַסטיקער, בעת די היטלעריסטן האָבן אין יאָר 1938 אַרויס-

געטריבן פון דייטשלאַנד טויזנטער פּוילישע יידן צו דער פּוילישער גרענעץ. די סאַנאַציע־רעגירונג האָט די דאָזיקע געפּלאָגטע מחנה יידן אַריינגעזעצט אין אַן אַלטער מיל אין זבאָנשין, איבערוואַרפנדיק די גאַנצע לאַסט פון דער הילפס־אַקציע אויף די פּלייצעס פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. צווישן די קינסטלער, וועלכע האָבן דעמלט אָפּגעגעבן זייערע אַרבעטן לטובת די געטריבענע יידן, האָבן זיך געפונען: זיגמונט באָבאָווסקי, פראַנטישעק באַרטאָשעק, מ. גרוס. אַדאַם הערשאַפט, מאַריאַ הישפּאַנסקאַ, יוליוש קראַיעווסקי, י. קזשעטשאַנאָווסקי, נאַטאַליאַ לאַנדאַו, בראָניסלאַוו לינקע, פראַנטישעק פּארעצקי, נאַטאַן ראָזענשטיין, אַלעקסאַנדראַ סקורעצקאַ־מאַניקאָוו, און איגנאַצי וויטקאָווסקי. צום גליק האָבן זיך נישט געטראָפן ביי אונדז אין לאַנד אַזעלכע פאַלן, ווי די געשיכטע מיטן היטלעריסטישן פראָפעסאָר, דעם סקולפּטאָר טאָראַק. דער דאָזיקער נידערטרעכטיקער „קינסטלער“, וועלנדיק געווינען די סימפּאַטיע פון די היטלערלייט, האָט תיכף נאָכן קומען צו דער מאַכט פון די האַקנקרייצלער אָוועקגעוואָרפן זיין פרוי, וועלכע איז געווען פון יידישן אָפּשטאַם. דער זעלבער פאַרשוין גייט איצט ווידער באַרג־אַרויף אין אַדענאַוער־דייטשלאַנד און אין עסטרייך, וווּ ער טרעט אַרויס מיט זיינע פּוסטע סקולפּטורן.

ווי אַנדערש אָבער האָט די זאַך אויסגעזען אין פּוילן. עס זענען באַקאַנט פאַלן, ווען אָנגעזעענע פּוילישע קינסטלער, האָבן דורכגעמאַכט אין דער אָקופּאַציע־צייט שרעקלעכע ליידן צוליב די געפאַרן, וועלכע האָבן געדראָט זייערע נאָענטסטע משפּחה־מיטגלידער. אַזוי אַרום זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אַ סך יידישע קינסטלער און זייערע משפּחה־מיטגלידער. דער קינסטלערין ראָזענשטיין־סאַנדאַוער האָבן בעת דער אָקופּאַציע אַרויסגעהאָלפן אייניקע פּוילישע פרויען, אויסבאַהאַלטנדיק זי אַ געוויסע צייט. אין טשענסטאָכאָוו האָט איר אַרויסגעהאָלפן די קינסטלערין באָנומילאַ מאַלעץ און אין וואַרשע — די שרייבערין אורעליאַ ווילעזשינסקאַ, וועלכע איז שפּעטער אומגעקומען בעתן וואַרשעווער אויפשטאַנד.

אין 1939 האָבן אין ביאַליסטאָק זיך געראַטעוועט אַ סך קינסטלער, פּליטים פון וואַרשע, לאָדזש און פון אַנדערע פּוילישע שטעט. ווען אין יוני 1941 זענען די היטלעריסטן פּלוצלונג אָנגעפאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד, איז בלויז אַ קליינעם טייל קינסטלער געלונגען צו עוואַקואירן זיך פון ביאַליסטאָק.

צו די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער שפּעטערדיקער זעלבשוץ אין ביאַליסטאָק, האָט געהערט פּסח מאהלער. ער איז געבוירן געוואָרן אין

יאָר 1916 אין נאָווי־סאָנטש. שוין אַלס שילער נעמט ער אָנטייל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. דערפאַר ווערט ער אויסגעשלאָסן פון דער גימנאַזיע. ער מוז עמיגרירן און וווינט אַ געוויסע צייט אין פּאַריז. ער שטודירט דאָרט דעקאָראַטיווע מאָלעריי. האַרט נאָך דער מלחמה קערט ער זיך אום קיין פּוילן און באַזעצט זיך אין וואַרשע. בעת דער מלחמה ווערט ער קאָמענדאַנט פון אַ פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג און קעמפט אונטערן פּסעוודאָנים „מאַרעק“. מאַהלער גייט אַוועק אין ביאַליסטאָקער געטאָ אַלס דעלעגאַט פון די פּאַרטיזאַנער און באַטייליקט זיך אין געטאָ — אין דער נאַכט פון 15־טן אויפן 16־טן אויגוסט 1943 יאָר — אין דער היסטאָרישער זיצונג פון די פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציעס פון דער זעלבשוץ. אינגיכן איז ער אומגעקומען אין קאַמף אין ביאַליסטאָקער געטאָ.

צוזאַמען מיט מאַהלערן איז אַרייַנגעטרעטן אין די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען דער מאָלער אברהם סקורניק. ער איז געוואָרן געכאַפּט דורך דער געסטאַפּאָ און פאַרפייניקט.

אַ סך מוט און העלדישקייט האָט אַרויסגעוויזן אין ביאַליסטאָקער געטאָ די קונסט־מאָלערין גינאַ האַלפּערן. איר מאַן, דער באַגאַבטער מאָלער אברהם פרידמאַן איז דערמאָרדעט געוואָרן שוין אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע. די מאָלערין געלינגט נאָך פאַרן אויפשטאַנד אַרייַנצוקומען אין געטאָ און אָנגעלאָדענעם נאַגאַן. ערב דעם אויפשטאַנד גיט זי אָפּ דאָס געווער אַ חבר, וועלכער איז אַוועק אין די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען. גינאַ וואָלט זיך געקאָנט ראַטעווען — שטעלט פעסט איינער פון די עדות פון די געשעענישן אין ביאַליסטאָקער געטאָ — אָבער מיט פאַראַכטונג פאַרן טויט וואַרפט זי זיך אַריין אין קאַמף, אין וועלכן זי קומט אום.

און אָט אַ ריי ידיעות וועגן די פּלאַסטיקער אין וואַרשע.

יאַנוש טרעפּלער איז געווען באַקאַנט אַלס גוטער מאָלער פון דעם פּוילישן לאַנד־פּייזאַזש. אַ יאָר פאַרן מלחמה־אויסברוך האָט ער איבערגענומען די לייטונג פון מוזיי א. נ. פון מ. בערסאָן ביי דער וואַרשעווער יידישער גמינע. אין 1939 י. שלאָגט ער זיך דורך קיין לוואָוו, וווּ ער מאָלט ווייטער פּאָרטרעטן און פּייזאַזשן. ווען די היטלעריסטן האָבן פאַרנומען לוואָוו, קערט זיך טרעפּלער אום קיין וואַרשע. ער וווינט אויף זשאָליבאָזש אונטער אַ פרעמדן נאָמען טרעפּליק. באַקומען דאָקומענטן העלפט אים די פאַמיליע פון פּוילישן געלערנטן יאַשקעוויטש. טרעפּלער

נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין וואַרשעווער אויפשטאַנד אויפן הענקעלפּלאַץ. ער וויל זיך אָבער נישט אונטעראָרדענען די באַפעלן פון באָרקאָמאָראָווסקי וועגן קאַפּיטולאַציע און קומט אום אין קאַמף אין דער שפּיץ פון זיין אָפּטיילונג.

צו די קעמפער פון דער פאָלקס-גוואַרדיע האָט געהערט **בנימין ראזענפעלד**. ער איז געווען אַלזייטיק באַגאַבט — אַן אַרכיטעקט, אַ סקולפּטאָר און אַ מאָלער. אין זיין אַטעליע אויף אָגראָדאָווע-גאַס האָט ער געהאַט אַ מאַרקאָנספּירירטן ראַדיאָ-אַפּאַראַט, מיט וועלכן ער האָט נישט איין מאָל זיך באַנוצט. ראָזענפעלד איז אַ ספּעציאַליסט פון בויען בונקערס אויף צו באַהאַלטן די מענטשן. אויך ער קעמפט צוזאַמען מיט זיין גרופּע אין וואַרשעווער אויפשטאַנד און קומט אום אין קאַמף. ער קעמפט אונטערן פרעמדן נאָמען יאנוש רוזשאַנסקי (אָדער רוזשינסקי).

צוויי יידישע אַרכיטעקטן האָבן געהאַלטן לעקציעס אין דער שול פאַר צייכענען און גראַפיק, וועלכע האָט עקזיסטירט א געוויסע צייט ביי דער וואַרשעווער יידישער גמינע. דער אַרכיטעקט **בערלינער** פלעגט יעדן טאָג איבערגעבן זיינע שילער ידיעות, וואָס האָבן געשטאַמט פון א פאַרקאָנספּירירטן ראַדיאָ. זיין ווייטערדיקער גורל איז נישט באַקאַנט. דער צווייטער איז געווען דער ארכיטעקט **נאָרדפעלד**. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געהונקען אויף אַ פוס, האָט ער זיך אַרויסבאַקומען צוזאַמען מיט זיין שילער אשאַווסקי פון געטאָ און אַוועק אין די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען אין לובלינער געגנט.

אין קראָקע האָט די קינסטלערין **ציבים-רודזקאַ** איינגעאָרדנט ביי זיך אין וווינונג איר חברטע **דאָראָטאַ זיידמאַן**. זי האָט איר אויסגעאַרבעט דאָקומענטן און מיט איר זיך איינטערעסירט. דאָך איז זיידמאַן געווען אָפּט שאַנטאַזשירט אויף דער גאַס דורך כוליגאַנעס. ווען די לאַגע איז געוואָרן וואָס אַמאָל געפערלעכער, האָט ציבים געפונען פאַר איר אַן אָרט ביי אירע באַקאַנטע אין ראַבקע, וועלכע האָבן שוין געהאַט אויסבאַהאַלטן אַ יידישע פרוי מיט 2 קינדער; קיין ראַבקע איז אויך געקומען אַ חברטע פון זיידמאַן, **מאַרילאַ שפּעט**, אויך אַ קונסט-מאָלערין, וועלכע פלעגט אָפּט פאַר דער מלחמה קומען קיין ראַבקע. איינער פון די דאָרטיקע פאַשיסטן האָט זי אויסגעגעבן צו די היטלערישע באַנדיטן. ביידע מאָלערינס זענען פאַרהאַלטן געוואָרן. רודזקאַ צוזאַמען מיט איר חבר גערזשאָבעק האָבן געמאַכט באַמיונגען צו ראַטעוועןביידע פרויען. זיי זענען אָנגעקומען קיין נאָווי-סאָנטש גראָד אינעם מאָמענט, ווען דער בלוטדורשטיקער האמאַן

האָט דורכגעפירט די אויסזידלונגס־אַקציע פון די יידן, וועלכע מ'האָט צוגויפגעטריבן פון דער גאַנצער אומגעגנט.

די קינסטלער האָבן זיך בלויז דערוווסט, אַז די מאָלעריגס, וועלכע זיי האָבן געזוכט, זענען שוין פריער ארויסגעפירט געוואָרן דורך די געסטאַפּאָוצעס.

אַ פּרעכטיקער דאָקומענט פון מענטשלעכער און פּאַטריאָטישער האַנדלונג איז געווען דער שריט פונעם איצטיקן פּראָפעסאָר פון ווארשעווער אוניווערסיטעט, דער קונסט־היסטאָריקער ד"ר סטאַניסלאַוו הערבסט. ער פלעגט אָפט קומען אין ווארשעווער געטאָ און ברענגען דעם קונסט־היסטאָריקער שמעון זייטשיק ביכער און די גויטיקסטע זאַכן. ווען די לאַגע אין געטאָ איז געוואָרן ערנסט, האָט ד"ר הערבסט פאַרבאַהאַלטן זייטשיקן ביי זיין מוטער. דערנאָך האָט ד"ר הערבסט אַרויסגעפירט פון געטאָ אויך זייטשיקס פרוי און טעכטערל. די פוילישע געלערנטע האָבן צונויפגעזאמלט מיטלען, כדי צו קויפן אַ וווינונג פאַר דער דאָזיקער פאַמיליע און אויסגעאַרבעט פאַר זיי אַרישע דאָקומענטן און אויך באַשטימט זייטשיקן אַ מאָנאַטלעכע פענסיע. דעם 27־טן מאַי 1944 איז זייטשיק צוליב אומפאָרזיכטיקייט אריינגעפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ און געוואָרן דערמאָרדעט. די פרוי מיט דער טאָכטער האָבן איבערגעלעבט די אָקופּאַציע.

אויך דער קינסטלער יאַנוש סטזשעלעצקי און זיין פרוי האָבן מיט גרויס מסירת־נפש געהאָלפן די פאַרפאָלגטע, דערוויסנדיק זיך, אַז זייגע חברים אַרטור נאַכט און קאַראָל פערסטער געפינען זיך אין יאַנאָווער לאַגער אין לוואָוו, האָט סטזשעלעצקי באַשלאָסן אַרויסצורייסן זיי פונעם גיהנום. צוזאַמען מיט דער שרייבערין מאַיאַ יאַרוכאַווסקאַ פאָרט ער ארויס קיין לוואָוו און נאָך גרויס מי באַקומען זיי אַרויס נאַכטן, דערנאָך פערסטערן. ביידע קינסטלער האָבן זיי אַריבערגעפירט קיין ווארשע, אויסגעאַרבעט פאַר זיי פאַפּירן און באַזאָרגט מיט אַ וווינונג. אַ שווערע אויפגאַבע האָט זיך אונטערגענומען די פרוי פונעם קינסטלער סטזשעלעצקי, כדי צו ראַטעווען יידישע קינדער, האָט זי געעפנט אַ קינדער־פענסיאָנאַט אויף טשערניאַקאָווסקע־גאַס. דאָ האָט זי אויסבאַהאַלטן צווישן 50 קינדער 15 יידישע קינדער. זיי האָבן אַלע דערלעבט די באַפרייונג. דאַקעגן די סטזשעלעצקאַ איז געשטאָרבן אין 2 יאָר אַרום נאָך דער מלחמה אַ דערשעפטע צוליב די איבערלעבונגען פון יענע צייטן.

דעם קראָקאָווער קינסטלער י אָ נ א ס ש ט ע ר ן האָט געאײַלט צוהילף די קונסט=מאָלערין י א נ י נ אַ ב ר אָ ש. שטערן איז געווען אײנער פון די 6000 קרבנות, וועלכע זענען ארויסגעטריבן געוואָרן צו דער עקזעקוציע אויף די „פּיאַסקעס" אין לוואָוו. ער האָט געחלשט אײדער עס האָט זיך אָנגעהויבן די עקזעקוציע. דערנאָך האָבן אים צוגעדעקט די טויטע קערפּער פון די דערשאָסענע. אויפכאַפּנדיק זיך, האָט ער זיך ארויסבאַקומען פונעם עקזעקוציע=פּלאַץ. קליידער און וועש האָט אים געגעבן די בירגערין בראָש.

צו דער אונטערערדישער הויפּט=אָרגאַניזאַציע צו העלפן ייִדן האָבן געהערט אַ סך אָנגעזעענע קינסטלער און פרויען, וואָס זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט די קינסטלערישע קרייזן. אַ לעבעדיקן אָנטייל אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט גענומען די אלמנה פון בארימטן פוילישן מאָלער וו אַ נ ד אַ וו א ל י ש ע וו ס ק אַ און אויך די פרוי פון פּראָפעסאָר וו אָ נ ס אָ וו י ט ש, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1942. די פרוי וואָנסאָוויטש איז געווען אַ פאַרבינדלערין צווישן וואַרשע, קראָקע און לוואָוו. זי האָט ארויסגעפירט פון לוואָוו דעם פאָטער און די שוועסטער פונעם מאָלער נאַכט. שפּעטער זענען אַלע דריי אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון אוקראַיִנישע פּאָליציאַנטן. זיי צוהילף זענען געקומען אַנדערע קינסטלער, צווישן אַנדערע דער סקולפּטאָר וו נ ו ק און זײַן פרוי י ו ז ע פ אַ. זיי האָבן אַרויסגעראַטעוועט די פרוי וואָנסאָוויטש און נאַכטס פאַמיליע. פרוי וואָנסאָוויטש האָט אויך אויסבאַהאַלטן אײניקע קינסטלער בײַ זיך אין וווינונג הינטער ווילאַנאָוו, צווישן וועלכע עס זענען אויך געווען די קונסט=מאָלער שטרענג, פערסטער און אַנדערע.

דעם סקולפּטאָר ר י ש א ר ד מ אָ ש ק אָ וו ס ק י מיט דער פרוי ר ו ז ש א ע ט ק י ן האָט געהאָלפן די פאמיליע פונעם ארקטיק פאָרשער ד א ב ר אָ וו אָ ל ס ק י. דאָך איז מאָשקאָווסקי אומגעקומען שפּעטער אין בונקער אויף זשאָליבאָזש בעת דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד. אין שווידער הינטער וואַרשע האָט זיך אויסבאַהאַלטן דער סקולפּטאָר ה ע נ ר י ק ק ו נ אַ. ער האָט דאָרט פאַרבראַכט אין שכנות און אין דער אָפטער געזעלשאַפט פונעם פרעזעס פון פוילישן פּען=קלוב י א ן פּ אָ ר א נ ד אָ וו ס ק י. קונאַ פלעגט נישט זעלטן באַזוכן דער סקולפּטאָר אַ ל פ אָ נ ס ק אַ ר נ י, וועלכער פלעגט אים ברענגען ביכער, זשורנאַלן און רעפּראָדוקציעס, כדי אים צו פאַרלײַכטערן די שווערע צײַט פון איזאָלירטקייט. נאָכן אויפשטאַנד האָט קונאַ זיך אַריבערגעצויגן קיין מילאַ=

בוועק און געפונען זיך אינעם הויז פון מאָלער ס ט ז ש ע מ פּ ק אָ ווס ק י. אין דער זעלבער צייט האָט קונאס פרוי, אַ באַקאַנטע וואַרשעווער אַרטיסטין, געאַרבעט אַלס קעלנערין אינעם קאַפע־הויז אויף דער בודוענא, ווו אקטיאָרן און פּלאַסטיקער זענען געווען באַשעפטיקט אַלס קעלנער, קוכער אד״גל.

צוזאַמען מיט דער סאָוויעטישער אַרמיי און פּוילישן מיליטער האָבן צווישן אַנדערע אריינמאַרשירט קיין וואַרשע דער סקולפּטאָר אַלפרעד יעשיאָן, אַלעקסאַנדער ראַפּאַלאָווסקי, איגנאַצי וויץ, יוסף טשאַרנאָצקי און דער יונגער אַבסאָלווענט פון דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע לעאָן ענגעלסבערג, וועלכער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן ביי לענינאָ און דאָרט באַקומען אַן אויסצייכענונג פאַר העלדישקייט.

איינער פון די קאָמענדאַנטן פון די יידישע פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער ארום ווילנע איז געווען דער קינסטלער אלעקסאַנדער באָגען. באָגען האָט געשאַפן א גרעסערע צאָל צייכענונגען פונעם פּאַרטיזאַנער־לעבן.

נאָכוואָרט

ווער ס'איז ניצול געוואָרן פון היטלעריסטישן גיהנום פון געוואַלט און מאָרד, מוז מודה זיין, אַז די באַמיונג אויפצוקלערן און באַלייכטן דעם פאַרנעם פון די היטלעריסטישע פאַרברעכנס איז עד היום נאָך אַקטועל. הגם די מענטשהייט האָט נאָך נישט אויפגעהערט צו בלוטיקן פון די וווּנדן, וואָס דער היטלעריזם האָט גורם געווען, הגם אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין לאַנד שרעקן נאָך דאָ און דאָרט די רואינען פון די פאַרניכטעטע הייזער — ווערן באַפרייט די גרויזאַמסטע היטלעריסטישע פאַרברעכער, וועלכע האָבן אויסגעמאָרדעט צענדליקער טויזנטער אומשולדיקע מענטשן, און ווערן רעאַקטיוויזירט פאַר דער נייער ווערמאַכט און פאַר אירע רעוויזיאָניסטישע פאַרלאַנגען. דאָס שאַפט די געפאַר פון אַ נייעם „דראַנג נאָך אָסטען“, באַדראָענדיק דעם וועלט-שלום.

די פאַרברעכנס, וואָס די היטלעריסטן זענען באַגאַנגען איבער די יידן, זענען בלויז געווען אַ טייל פונעם פּלאַן אויסצומאָרדן אויך אַנדערע פעלקער פון מזרח-אייראָפּע. כדי צו דערגרייכן אַזאַ גרויסע מיליטערישע מאַכט, האָבן זיי זיך לאַנגע יאָרן געמוזט באַוואָפענען. די אַזוי גערופענע מערב-דעמאָקראַטיעס האָבן זיך נישט נאָר רואיק צוגעקוקט דערצו, נאָר האָבן אויך געהאָלפן פאַרגרעסערן זייער מיליטערישן פּאָטענציאַל, גלייבנדיק, אַז היטלער וועט אין דער ערשטער ריי זיך וואַרפן אויפן ראַטנפאַרבאַנד. ווי אַזוי דען קאָן מען זיך דערקלערן דעם פאַקט, אַז אין צענטער פון אייראָפּע האָט זיך געקאָנט אַנטוויקלען אַ רעזשים, וועלכער האָט אפילו נישט אויסבאַהאַלטן זיינע פאַרכאַפּערישע און רויבערישע פּלענער. שוין פון יאָר 1933 האָט אין דייטשלאַנד אָנגעהויבן בושעווען דער היטלעריזם, אַרויסטרעטנדיק מיט זיין גאַנצער ריקזיכטלאָזיקייט און גרויזאַמקייט קעגן יעדן פאָרגעשריטענעם געדאַנק, מאָרדנדיק און אַריינוואַרפנדיק אין די תפיסות די איידלסטע דייטשישע פּאַטריאָטן. אָבער צום גרויזאַמסטן איז זיך דער היטלעריסטישער רעזשים באַגאַנגען מיט די דייטשישע יידן, איינפירנדיק לגבי זיי די אַזוי גערופענע נירנבערגער גע-

זעצן. אַזוי אַרום זענען די יידן אין דייטשלאַנד שוין פון דער ערשטער צייט פונעם היטלער־רעזשים, געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ אין די אויגן פון די „מערב־דעמאָקראַטיעס“, דורכמאַכנדיק די שווידערלעכסטע איבערלעבונגען. אין יאָר 1938 האָבן די היטלעריסטן געגעבן אַ פּראָבע פון דעם, וואָס זיי האָבן אין יאָר 1939 דורכגעפירט סיסטעמאַטיש און אין אַ ברייטן פאַרנעם. זיי האָבן אין משך פון איין טאָג איינגעאָרדנט אין גאַנץ דייטשלאַנד פּאָגראָמען אויף יידן, באַלייכטנדיק די דאָזיקע מער־דערייען מיט די פלאַמען פון ברענענדיקע שולן.

די היטלעריסטישע בעסטיע, וואָס האָט אין 1939 יאָר פאַרכאַפּט דעם גאַנצן שטח פון פּוילן, האָט גערעכנט, אַז הונדערטער יאָרן וועט אָנ־האַלטן איר ממשלה. דער נאַציאָנאַליסטישער רעזשים האָט געהאַט אַ שוין פון פאַרויס צוגעגרייטן פּלאַן צו פאַרניכטן דעם גרעסטן טייל פון פּוילישן פאָלק. דער דאָזיקער פּלאַן איז צוגעגרייט געוואָרן מיט דער גאַנצער פּרייסיש־יונקערישער סיסטעמאַטישקייט. אין דער ערשטער ריי האָבן באַדאַרפט פאַרניכטעט ווערן די וואָרטפירנדע שיכטן פון דער פּוי־לישער געזעלשאַפט — די שעפערישע אינטעליגענץ, שפּעטער האָט גע־זאָלט אומגעבראַכט ווערן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג און אויך די איבעריקע טיילן פון דער געזעלשאַפט, וועלכע מ׳האָט נישט געקאָנט מער אויסנוצן אַלס אַרבעטס־שקלאַפן. אינעם ענדגילטיקן חשבון האָבן געזאָלט בלייבן אינעם אַזוי גערופענעם געגעראַל־גובערנעמענט, בלויז די טיילן פון פּוילישן פאָלק, וועלכע זענען באַשטימט געווען צו באַדינען מיט זייער אַרבעטס־קראַפט די דייטשישע „הערן־ראַסע“. אָט אַזאַ נייע אָרדענונג האָבן די דייטשן זיך באַמיט אָנצוואַרפן אונדזער לאַנד. בלויז דער זיגרייכער מאַרש פון דער רויטער אַרמיי און פון פּוילישן מיליטער האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס פּוילישע פאָלק פונעם גורל, וואָס האָט געטראָפן דער דריימיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג.

נאָך דער מפּלה פון היטלערן און מוסאָליניק האָט זיך געדוכט, אַז דער פאַשיסטישער קאָשמאַר איז פאַרשוווּנדן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד. ס׳ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז די באָנער רעגירונג אין מערב־דייטשלאַנד שטעלט אַוועק אין דער שפּיץ פון דער נייער ווערמאַכט די זעלבע היטלעריסטישע גענעראַלן און עס־עס־מענער, וואָס האָבן אַזוי גע־טריי געדינט היטלערן, אויספירנדיק געהאָרכזאַם אַלע פאַרברעכנס אי־בער די באַזיגטע פעלקער. אפילו קרופּ, דער דאָזיקער פאַבריקאַנט פון טויט־מכשירים און אי־גע־פאַרבען, וואָס האָט צוגעשטעלט גיפט־גאַזן

פאר די טויט־לאגערן אין בעלזשעץ, אשוויענטשים, מאידאנעק און טרעבלינקע, האבן זיך געשטעלט צום דינסט פון דער נייער ווערמאכט, כדי צו פראדוצירן נאך שרעקלעכערע מארד־מכשירים. אדענאווער באמיט זיך אפילו צו געווינען יידן פאר זיינע פלענער.

אין דער איצטיקער ארבעט האבן מיר זיך באמיט אנצווייזן די לפי־ערכדיקע פארלוסטן אין קינסטלער, וועלכע האבן געשאפן אין פוילן ביז סעפטעמבער 1939 און וועלכע זענען דערמארדעט געווארן אין הסכם מיט דער היטלעריסטישער ראסן־טעאריע. פארבייגייענדיק, האבן מיר דא אין דארט אויך דערמאנט די פארלוסטן אין אלטערטימלעכע דענקמעלער פון דער יידישער קולטור און קונסט אויף דער פוילישער ערד. די דאזיקע דענקמעלער זענען צעשפרייט איבערן גאנצן לאנד, צי אלס הילצערנע שולן פון XV—XVIII יארהונדערט, וואס זענען געבויט געווארן אין א סטיל, וועלכן מען טרעפט נישט אין קיין אנדער לאנד, צי אלס געמויערטע און באפעסטיקטע שולן, וועמענס ארכיטעקטור איז געווען ענג פארבונדן מיט דער פוילישער ערד, אדער אלס אלטע בית־עולמס מיט זייערע מצבות, וואס האבן פארמאגט אייגנארטיקע רענעסאנס־ אדער בארָאק־ארנאמענטיק. איך האב זיך נישט געקאנט לענגער אפשטעלן איבער די פארלוסטן אויפן געביט פון ארנאמענטיק פון פארשידענע רעליגיעזע חפצים, ווי אויך פאלקס־שאפונגען. די פארניכטונג פון די דאזיקע דורותדיקע דערגרייכונגען אויפן געביט פון יידישער קולטור אויף דער פוילישער ערד איז א שאדן, וואס לאזט זיך נישט פארגיטיקן. עס איז בלויז געבליבן א קליינע צאל פאטאגראפישע אויפנאמעס פון פארשידענע שולן און זייער אינערלעכע איינריכטונג, ווי אויך אויפנאמעס, וואס געפינען זיך אין דער קליינער צאל ארבעטן איבער די יידישע אלטערטימלעכקייטן, וואס זענען ארויסגעגעבן געווארן פארן יאר 1939.

אלץ, וואס זאגט עדות וועגן לעבן פון יידן אין פוילן אין משך פון יארהונדערטער, איז אומברחמנותדיק פארניכטעט געווארן דורך די היטלעריסטישע בארבארן.

זאל דאס דאזיקע בוך, וואס ברענגט ארויס בלויז א קליינעם טייל פון די היטלעריסטישע פארברעכנס, וואס זענען באגאנגען געווארן איבער די יידישע קינסטלער־פלאסטיקער, ווערן א „memento“ פאר אלע, וואס לאזן זיך איינשלעפערן און קעמפן נישט מיט דער געפאר פון ווידער־אויפלעבן דעם כוח, וואס האט דא נישט לאנג ארייננעצויגן אייראפע אינעם אפגרונט פון דער קאטאסטראפאלער פארניכטנדיקער מלחמה.

אינדעקס פון נעמען

א

אבערדאם אלפרעד, ב. 2, ז. 186.
אַדוועגטאָוויטש קאַראָל, ב. 2, ז. 7.
אַדלער יאנקל, ב. 1, ז. 9, 47, 66, 67, 204, 206; ב. 2, ז. 170, 175, 233.

אַדענאַוער קאָנראַד, ב. 2, ז. 247.
אוערבאך אסקאר, ב. 2, ז. 188.
אָויערבאך רחל, ב. 2, ז. 11, 110.
אוזין יוסף, ב. 2, ז. 183, 205 — 206.
איינגער אנגא, ב. 2, ז. 188.
אייזענבאום אַנטאָני, ב. 1, ז. 100.
אייזענבערג אברהם, ב. 2, ז. 45, 232.
אחד העם, ב. 1, ז. 91, 145.
אַנטאָקאָלסקי מארק, ב. 1, ז. 8; ב. 2, 144, 194.

אנסקי ש., ב. 1, ז. 40, 157.
אפעלבאום משה, ב. 1. ז. 84, 96, 135; ב. 2, ז. 33.

אקסענטאָוויטש טעאָדאר., ב. 2, ז. 177, 178, 179.

אקער יוליא, ב. 1, ז. 33 — 36.
אראנזאָן יחיאל, ב. 1, ז. 152; ב. 2, ז. 62.
אראנזאָן נחום, ב 2, ז. 38, 39.
ארכיפענקע אלעקסאנדער, ב. 2, ז. 39.
ארנשטיין מארק, ב. 1. ז. 56.
ארקאווין, ב. 2, ז. 7.
אש שלום, ב. 1, ז. 168; ב. 2, ז. 57.
אשער יעזשי, ב. 1, 37 — 38.

אָ

אָזשעשקאָווא עליזא, ב. 1, ז. 41
אָלשעוויטש באָלעסלאַוו, ב. 1, ז. 36, 109; ב. 2, ז. 31.
אָסאָסטאָוויטש סטאַניסלאַוו, ב. 2, ז. 18.
אָסטאַפּ אָרטווין (קאַצענבאָגען אָסקאַר) ב. 1, ז. 217.
אָסטשעגא אברהם, ב. 1, ז. 10 15, 17, 19, 39, 42, 137; ב. 2, ז. 77, 193, 208.
אקאן מרדכי, ב. 2, ז. 169.
אָר — אָט (ארטור אָפּמאן), ב. 1, 125.
אָרלאווא חנה, ב. 2, ז. 39.
אָרלעסקא מרים, ב. 2, ז. 7.

או

אוודאנסקי סטאַניסלאוו, ב. 2. ז. 168.
אוטרילא מאָרים, ב. 2, ז. 173.
אולקעניצקא אומא, ב. 2, ז. 196.
פּראָפ. אונישעווסי, ב. 2, ז. 177.
אוריזאָן חיים, ב. 1, ז. 30, 43—46.
אורקע נאכאלניק, ב 2, ז. 161.

אי

איזראעלס יוזעף, ב. 1, ז. 8.
אילאקאָוויטש ק., ב. 1, ז. 125.
אימבער ש. י., ב. 2, ז. 227.
אימערגליק ראלף, ב. 2, ז. 176, 178.

ב

באַגיש יזישע, ב. 1, ז. 167.
באַדעווער יוסף, ב. 2, ז. 179.
באַטאַוווסקי זיגמונט, ב. 2, ז. 224.
באַלאַבאַן מאיר, ב. 2, ז. 207—209, 224.
באַלק הענריק, ב. 2, ז. 183.
באַלק זיגמונט, ב. 2, ז. 183.
באַקסט לעאָן, ב. 1, ז. 134.
באַרטאַשעק פראַנצישעק, ב. 2, ז. 23, 238.
באַרלאַד ערנסט, ב. 2, ז. 116.
באַרטשינסקי הענעך, ב. 1, ז. 10, 47, 53, 66, 105, 128; ב. 2, ז. 57, 116, 149, 170, 171, 175, 233.
באַרשטשעווסקא זאָפיא, ב.2, ז. 67.
באַבאַוווסקי זיגמונט, ב. 2, ז. 23, 238.
באַגען אַלעקסאַנדער, ב. 2, ז. 242, 243.
באַדלער שאול, ב. 2, ז. 90.
באַזנאַנסקא אַלגאַ, ב. 1, 105, 117, 119, 120; ב. 2, ז. 45.
בעטישעלי, ב. 1, ז. 51.
באַי־זשעלענסקי טאַדעוש, ב. 1, ז. 141,
באַר־קאַמאַראַווסקי, ב. 2, ז. 240.
באַראַווסקי וואַצלאַוו, ב. 2, ז. 90, 93.
באַריסאַווסקי, ב. 1, ז. 163.
באַרנשטיין טאַדעוש, ב. 1, ז. 54—55.
בודקאָ יוסף, ב. 1, ז. 189.
בומבינדער שמעון, ב. 1, ז. 175.
בורדעל עמיל, ב. 1, ז. 194; ב. 2. ז. 39.
ביאַלאַגורסקי שלום, ב. 1, ז. 62 — 63.
ביאַליק חיים נחמן, ב. 2, ז. 7, 57.
ביעגאַס באַלעסלאַוו, ב. 2, ז. 71.
ביקעלס יאקוב, ב. 1, ז. 58 — 61.
בירענבאַום משה, ב. 2. ז. 176.
בירער זיגמונט, ב. 1, ז. 56 — 57; ב. 2, ז. 217.
בלאַופוקס אהרן, ב. 1, ז. 64 — 65.
בלאַטניצקי טאַדעוש, ב. 2, ז. 72.
בלענדער סאַשאַ, ב. 2, ז. 18.
בלום הענריק, ב. 1, ז. 19.
בלום לעאָן, ב. 1, ז. 60.
בעגלייטער עלזשביעטאַ, ב. 2, ז. 189.
בען גיס, ב. 2, ז. 166.
בעק יוזעף, ב. 1, ז. 59.
בערגעלסאָן דוד, ב. 2, ז. 57.
בערגער רחל, ב. 1, ז. 72 — 73.
בערלינער יעזשי, ב. 2, ז. 240.
בערנשטיין יצחק, ב. 1, ז. 236.
בערנשטיין — סינאַיעוו לעאָפּאָלד (ליב־מאַן), ב. 2, ז. 25.
בערמאַן אברהם, ב. 1, ז. 30, 74 — 77.
בערמאַן מאַטיאַס, ב. 2, ז. 224.
בראַונער יצחק, ב. 1. ז. 10, 21, 23, 24, 25, 47, 66 — 71; ב. 2, ז. 51, 149, 170, 172, 175, 233.
ברייער טאַדעוש, ב.1, ז. 101, 212; ב. 2, ז. 164.
בראַנד יוזעף, ב. 1, ז. 119, 178.
בראַך דזשאַרזש, ב. 1, ז. 8.
בראַדערזאָן משה, ב. 1, ז. 47, 67, 68, 69, 70, 136; ב. 2, ז. 175.
ברויגעל פיעטער, ב. 2, ז. 118.
בראַניעווסקי וולאַדיסלאַוו, ב. 1, ז. 125.
בראַש יאַנינאַ, ב. 2, ז. 242.
ד"ר ברימאַן, ב. 1, ז. 26.

ג

גאַבאַוויטש יוסף, ב. 1, ז. 233; ב. 2, ז. 232
גאַיעווסקי, ב. 1, ז. 34.
גאַגען פאַל, ב. 1, ז. 75; ב. 2, ז. 46, 61.
געטאַרד יאַן, ב. 1, ז. 9. 78 — 82.
געטהאַרד ד"ר, ב. 1, ז.28.
גאָטליב אורעליא ד"ר, ב. 2, ז. 110—211.
גאָטליב לעאָפּאָלד, ב. 1, ז. 193; ב. 2, ז. 45, 92, 210.
גאָטליב מאַוריצי, ב. 1, ז. 8, 157; ב. 2. ז. 176, 180, 182, 211, 230.
גאָטליב מ. ג., ב. 2, ז. 171.

גאָטליב סעווערין ד"ר, ב. 2, ז. 212 — 213.
גאיא פראַנציעסקאַ, ב. 1, ז. 51, ב. 2, ז. 125.
גאָלדבערג חיים, ב. 1, ז. 83 — 84.
גאָלדהובער — טשאַי, ב. 2: 171, 181,
גאָלדפארב סאַמועל, ב. 2: 185.
גאָלדפישער פּ. ב. 2: 192.
גאָלדפלאַם סאַמועל ד"ר, ב. 1: 41. 136.
גאָלדפעדער פרידא, ב. 2: 168.
גאָלדשטיין און דרעזדנער, ב. 2: 216 — 218.
גאָמוליצקי וויקטאָר, ב. 1: 125.
גאַנסקי מיכאַל, ב. 2: 163.
גאָסטשעוואַ ח., ב. 1: 121.
גוטמאַן האָרסט, ב. 1: 23.
גוטמאַן ריב, ב. 1: 35.
גוטערמאַן אברהם, ב. 1: 85 — 89; ב. 2: 22.
גומבראָוויטש וויטאָלד, ב. 2: 141.
גוצקאָוו קאַרל, ב. 1: 135.
גורעוויטש הדסה. ב. 1: 90 — 92, 229.
גורעוויטש משה, ב. 1: 10, 26, 93—94.
גורעוויטש מנחם, ב. 1: 90.
גינטשאַנקאַ זוזאַנאַ, ב. 2: 222, 223,
גלאַזנער יאַקוב, ב. 1: 31, 95 — 97.
גלאָגאָווסקאַ העלענאַ, ב. 2: 165.
גליצענשטיין הענעך, ב. 1: 51, 64, 118; ב. 2: 170.
גליקסמאַן שרה, ב. 1: 26.
גלעב קלמן, ב. 2: 111.
געאָרגי ד"ר, ב. 2: 93.
געבירטיג מרדכי, ב. 1: 219; ב. 2: 177, 180.
געלבאַרד יעזשי, ב. 2: 95.
גערזשאַבעק, ב. 2: 240.
גערסאָן וויטשעד, ב. 1: 175.
גערשטיין, ב. 2: 193.
גראַנאַד אַלעקסאַנדער, ב. 2: 57, 161.
גראָטגער אַרטור, ב. 1: 8.
גראָס זשאַריש, ב. 2: 125.
גראָס מאַגדאַלענאַ, ב. 1: 100—103; ב. 2: 69.
גראָסמאַן, ב. 1: 26.
גרוס מ. ב. 2: 238.
גרינבאַום בן-ציון, ב. 2: 214 — 215.
גריצנער עדוואַרד, ב. 1: 176.
גרייפענבערג דוד, ב. 1: 98 — 99.
גרעבנער אַטאַקאַר, ב. 1: 207; ב. 2: 126

ד

דייכעס ליזאַ, ב. 2: 196.
דאָבראָוואָלסקי י. צ. פּראָפ., ב. 1: 196; ב. 2: 242
דאַמיע האָנאָרע, ב. 1: 233; ב. 2: 125.
דאַרנהעלם ברוך, שמחה, יעקב, ב. 2: 183.
דובנאָוו שמעון, ב. 2: 57.
דולמאַן בועז, ב. 2:166.
דוניץ משה, ב. 1: 91.
דוניקאָווסקי קסאַווערי, ב. 1: 118; ב.2: 69, 74, 113, 142.
דזשערזשינסקי פעליקס, ב. 1: 222.
דעלאַקרואַ עזשען, ב. 1: 185; ב. 2: 90.
דעספּיאַ, ב. 2: 144.
דער נסתר, ב. 2: 57.
דרעזדנער קאַרל ד"ר, ב. 2: 218.

ה

האַבינגער אַטאַ, ב. 2: 185.
האַבער אהרן, ב. 1: 104.
האַבער טוביה, ב. 1: 30, 104—106, 128; ב. 2: 111.
האַלפּערן גינא, ב. 2: 239.
האַן אַטאַ, ב. 1: 107—109; ב. 2: 217.
האַנעמאַן מאַקס, ב. 1: 110—112.
האַנפּט חיים, ב. 2: 33, 51, 77.
האַרימאַן, ב. 1: 238.
האַרטלעב קאַזשימיעזש ד"ר, ב. 1: 205.
האַגאַרד וויליאַם, ב. 2: 125.

האָדלער פערדינאַנד, ב. 1: 136.
האַהערמאַן אַליציאַ, ב. 1: 113 — 115.
האָכמאַן הענריק, ב. 1: 9, 96, 116 — 121; ב. 2: 177.
האָלוב זדענקע, ב. 1: 23.
האָפמאַן וולאַסטימיל, ב. 1: 176.
האָפמאַן טעאָדאָר אַמאַדעוש, ב. 2: 139, 140.
האָראָוויץ בער, ב. 1: 122—126. ב. 2:62.
האָראָוויץ לעאָפּאָלד, ב. 1: 175; ב. 2: 173
האראָנטשיק שמעון, ב. 1: 236.
הובערבאַנד שמעון, ב. 2: 281 — 220.
הובערמאַן בראָניסלאַוו, ב. 2: 57.
הודאָן י. א., ב. 2: 144.
הוסאַרסקי וואַצלאַוו, ב. 1: 57; ב. 2: 47.
היטלער אַדאָלף, ב. 2: 246.
היללער קאַרל, ב. 1: 105.
הירשביין פּרץ, ב. 2: 27.
הירשענבערג שמואל, ב. 1: 8, 10 128, 190; ב. 2: 170, 176. 213.
הירשפּאַנג איגנאַצי, ב. 1: 10, 105, 127 — 129, 247.
הישפּאַנסקאַ מאַריאַ, ב. 2: 238.
העלער בינעם, ב. 1: 236.
הערבסט סטאַניסלאַוו, ד״ר, ב. 2: 226, 241.
הערמאַן דוד, ב. 1: 135, 136, ב. 2: 183.
הערמאַן יוליוש, ב. 1: 134.
הערנאַנרעץ, ב. 2: 94.
הערצמאַן קלאַראַ, ב. 2: 184.
הערשאפט אַדאַם, ב. 1: 14, 130 — 133.
הערשטיין עדוואַרד אַדאָלף, ב. 2: 44, 57, 90.
הערשעלע, ב. 1: 124.
הערשעלע אָסטראָפּאָלער, ב. 2: 124.
הרינקאָווסקי יאַן, ב. 1: 200.

וו

וואַזשיק גיזעלאַ, ב. 2: 169.
וואַכטעל ווילהעלם, ב. 2: 217.
וואַלדמאַן משה, ב. 1: 167; ב. 2: 182.
וואַליצקי מיכאַל, ב. 2: 225.
וואַללים מיעטשיסלאַוו, ב. 1: 163. 241; ב. 2: 30, 62.
וואַלישעווסקי זיגמונט, ב. 2: 14.
וואַלישעווסקאַ וואַנדאַ, ב. 2: 242.
וואַן גאָג, ב. 1: 8, 44, 99; ב. 2: 44, 46, 92.
וואסילעוויטש וולאָדזשימיעזש, ב. 1: 77.
וואַרשאַווסקי עוזר, ב. 1: 157; ב. 2: 173.
וואָל הענריק, ב. 1: 100.
וואָלמאַרק אַדאָלף, ב. 1: 9.
וואָנסאָוויטש, ב. 2: 242.
וואָגלער אלחנן, ב. 1: 227.
וויטיג עדוואַרד, ב. 2: 69, 74, 225.
וויטקאָווסקי ר. ק., ב. 2: 73, 238.
וויטשולקאָווסקי לעאָן, ב. 1: 8, 151; ב. 2: 73, 105, 180, 234.
ווילאמי, ב. 1: 195.
ווילהעלם דער II־טער, ב. 2: 18.
ווילעזשינסקאַ אורעליאַ, ב. 2: 237.
ווינאָגוראַ ברוך, ב. 2: 57.
ווינאָגראַדאָוו, ב. 2: 7.
וויניאַווסקי ארנא, ב. 1: 26.
ווינקלער קאָנראַד, ב. 2: 173.
וויספּיאַנסקי סטאַניסלאַוו, ב. 1: 8, 119. 176; ב. 2: 73, 92, 131, 134.
וויערוש־קאָוואַלסקי, ב. 1: 178.
וויץ איגנאַצי, ב. 2: 242.
וויטשינסקי הענריק, ב. 2: 18.
ווירץ אַנטאָני, ב. 2: 118.
ווײַנטרויב וולאַדיסלאַוו, ב. 1: 10, 14, 134—137; ב. 2: 110, 160, 233.
ווײַניג נפתלי, ב. 1: 45; ב. 2: 55, 193, 202—203.
ווײַנלעז יאקוב, ב. 1: 64, 138, 239; ב. 2: 215, 232, 233.
ווײַנלעז־בייקין מאַריאַ, ב. 1: 138—139.
ווײַנציער מיכאל, ב. 1: 205, 241; ב. 2: 14, 101, 164, 167, 168, 221—223.

ווייס וואָיטשעך, ב. 1: 153, 200, 202, 245; ב. 2: 32.
ווייסבאום, ב. 1: 195.
ווייסענבערג יצחק מאיר ב. 1: 68; ב. 2: 62.
ווינק יוזעפֿאַ, ב. 2: 242.
ווינק מאַריאַן, ב. 2: 69, 242.
וועבער העריש, ב. 1: 140-142, ב. 2: 177, 228.
וועווירקאַ וואָלף, ב. 2: 175.
וועלטשער-שוויגער לוציאַ, ב. 2: 161.
ווערטענשטיין מאַריאַ, ב. 2: 45.
ווערדען פּאָל ב. 2: 90.
ווערשטשאַגין וואַסילי, ב. 1: 111.

ז

זאַהאָרסקאַ סטעפאַניאַ, ב. 2: 47.
זאַמואַטאָוויטש יאַן, ב. 2: 225.
זאַלעווסקי, ד״ר גלת, ב. 1: 174.
זאַלקינד בער, ב. 1: 9, 143, 148, 227; ב. 2: 55, 193, 199.
זאַלקינד לעוו, ב. 1: 148.
זאַלקינד מאַקסי, ב. 1: 148.
זאַמאָיסקי יאַן, ב. 1: 78.
זאַמענהאָף לודוויק, ד״ר, ב. 1: 41.
זאַק עוגען, ב. 1: 9; ב. 2: 90, 93, 94.
זאַק שבתי, ב. 2: 183.
זאַרובאַ יעזשי, ב. 2: 45.
זאָנענפעלד הערבערט, ב. 1: 26.
זבאַראָווסקי לעאָפּאָלד, ב. 1: 192.
זשולקעווסקי וויקטאָר, ב. 1: 173, 174.
זילבערבערג פישל, ב. 1: 149—152.
זינגער י. י., ב. 1: 238.
זשעליגסקי טאַדעאוש, ב 2: 73.
זיידמאַן שמואל, ב. 2: 186—187.
זיידעמאַן דאָראָטאַ, ב. 1: 153—156; ב. 2: 240.
זיידעמאַן מיעטשיסלאַוו, ב. 1: 156.
זיידענביטעל יוסף, ב. 1: 157, 159, 239.
זיידענביטעל אפרים און מנשה, ב. 1: 9, 30, 157—165; ב. 2: 10, 35.
זיטשיק שמעון, ב. 2: 224—226.
זינפעלד אברהם, ב. 2: 227—228.
זייץ, ב. 1: 176.
זעלצער הענריק, ב. 2: 184.
זשעראָמסקאַ מאָניקאַ, ב. 1: 162.
זשעראָמסקי סטעפאַן, ב. 2: 61.

ט

טאַובמאַן, איזיש., ב. 2: 177.
טאָללער ערנסט, ב. 2: 181.
טאָמאַ האַנס, ב. 2: 92.
טאָראַק יוזעף, ב. 2: 238.
טוויים יוליאַן, ב. 1: 125.
טורין אַדאַם, ב. 1: 38; ב. 2: 39.
טורקאָוו זיגמונט, ב. 1: 70; ב. 2: 149.
טורקאָוו יאָנאַס, ב. 1: 133; ב. 2: 11.
טורקעל ה., ב. 2: 193.
טיבער חיים, ב. 1: 30, 168—170.
טיכי קאַראָל, ב. 1: 118.
טינאָוויצקי ירחמיאל, ב. 1: 166—167.
טינטאָרעטאָ, ב. 1: 41.
טיקאָטשינסקי ישראל, ב. 2: 160, 214.
טייטעלבוים אברהם, ב. 2: 150.
טעמעריזאָן פראַנטישיסקאַ, ב. 1: 139.
טעפּער יוסף, ב. 2: 202—203.
טערליצקי וולאַדיסלאַוו, ב. 2: 230.
טראַכטער שמחה, ב. 1: 9, 17, 124, 171—174, 242; ב. 2: 11, 149, 171.
טראַל עדיט, ב. 1: 26.
טרונק י. י., ב. 2: 62.
טרעטער מיעטשיסלאַוו, ב. 2: 47, 230.
טרעמבאַטש טאַדעוש, ב. 1: 105, 178; ב. 2: 170.
טרעמבאַטש מאַוריצי, ב. 1: 9, 43, 104, 175—179; ב. 2: 163, 215, 233.
טרעפלער יאַנוש, ב. 1: 180—182.
טשאַרנאָצקי יוזעף, ב. 2: 243.

טשיזשעווסקי טיטוס, ב. 1: 181; ב. 2: 14.
טשעטשאַק, גלח, ב. 2: 126.
טשערווינסקאַ עלא, ב. 2: 169.

י

יאַוולענסקי אַלעקסאַנדער, ב. 2: 163.
יאַנעצקאַ לעאָניאַ, ב. 1: 213.
יאכאָוויטש סטאַניסלאוו, ב. 1: 125.
יאַסטשעמבסקי וולאַדיסלאַוו, ב. 1: 159, 161.
יאַראָכאָווסקאַ מאַיאַ, ב. 2: 241.
יאַראָצקי וולאַדיסלאַוו, ב. 1: 163; ב. 2: 17.
יאַשקעוויטש, ב. 2: 239.
יאָאַכים יוסף, ב. 1: 66.
יעהוואבניק דוד ד"ר, ב. 2: 193.
יענדזשעיעווסקי אַלעקסאַנדער, ב. 1: 162.
יעשאַן אַלפרעד, ב. 2: 242.
יעקעל ווילי, ב. 2: 192, 193.
יערעמיאַנקאַ מאַריאַ, ב. 2: 18.

כ

כאַיעס, ד"ר, (פרעזעס פון דער לעמבערגער קהילה) ב. 1: 35.
כוויסטעק לעאָן, ב. 2: 18.
כיימאָוויטש העגריק, ב. 2: 176.
כעלמאַנסקי יוזעף, ב. 1: 117.

ל

לאַוטערבאַך אַרטור ד"ר. ב. 2: 189.
לאָרענסען מאַריאַ, ב. 1: 114.
לאַנגערמאַן העגריק, ב. 2: 188.
לאַנדאַו נאַטאַליאַ, ב. 1: 183—184; ב. 2: 238.
לאַכאָווער מענדל, ב. 2: 169.
לאַסקער, ב. 2: 171.
לאַסקער־שילער עלזע, ב. 1: 52.
לאַשטשקאַ קאָנסטאַנטי, ב. 1: 116, 117, 118; ב. 2: 73.
לופאַלעווסקי טאַדעוש, ב. 1: 125.
לוקסענבורג ראָזע, ב. 2: 38.
לושטשקעוויטש וולאַדיסלאַוו, ב. 1: 175.
ליבין קאזשימיעזש, ב. 1: 187.
ליבענווערט סאמועל, ב. 2: 192. ,
ליבערמאַן מאַקס, ב. 1: 8, 147, 198; ב. 2: 82, 91, 92.
ליבקנעכט קאַרל, ב. 2: 38.
ליליען אפרים מנשה, ב. 1: 84, 197; ב. 2: 176, 217.
ליכטענשטיין ישראל, ב. 1: 238.
ליכטענשטיין יצחק, ב. 2: 164.
ליכטענשטיין מרגלית, ב. 1: 238.
לין וולאַדיסלאַוו, ב. 2: 164.
לינדער קאַראָל, ב. 2: 192.
לינקע בראָניסלאַוו, ב. 2: 238.
ליפינסקי עריק, ב. 1: 60.
ליפשיץ זשאַק, ב. 2: 39, 58.
ליפאַן טאַדעוש, ב. 1: 146.
לעוו פאני, ב. 1: 29; ב. 2: 202.
לעווינסאָן יצחק בער, ב. 1: 181.
לעוויטאַן איזאַק, ב. 1: 8.
לעווין וויטאַ, ד"ר, ב. 1: 227; ב. 2: 55.
לעווין משה, ב. 2: 198.
לייוויק ה., ב 2: 7.
לעוויצקי לעאָפּאָלד, ב. 2: 18.
לעווענשטיין פּראָפ., ב. 1: 164.
לעווקאָוויטש לעאָן, ב. 2: 176, 179, 181.
לעזשער פערדינאַנד, ב. 1: 8, 107, 108; ב. 2: 19, 185.
לייבאָווסקי משה, ב. 1: 226; ב. 2: 194.
לייזעראָוויטש איזאַק, ב. 1: 21.
לעמבערגער, ב. 2: 13.
לענץ סטאַניסלאַוו, ב. 1: 51, 119, 157, 240, 241.
לעססער־אורי, ב. 2: 107.
לערער משה, ב. 2: 196.
לעש מאַריאַ, ב. 1: 26.

בינא האָלפּערן־פרידמאַן — פּראָיעקט פון אַ הילע צו אַ בוך.



אברהם פריהמאַן — שטיל־לעבן מיט אַן אַקט (איל)

אברהם פרידמאַן — פרויען־פּאָרטרעט (אייל).

פעליקס פרידמאַן — שטיל־לעבן (אַקוואַרעל)



פעליקס פרידמאַן — מענער־פּאָרטרעט (אייל)



פעליקס פרידמאַן — שופר־בלאָזן (אייל).

אַלבום פון רעפּראָדוקציעס
צום צווייטן באַנד

זייט
ליזע דייכעם 197
ראַלף אימערגליק 178
יאַקוב פפעפערבערג 178
יוזעף באַדאָווער 179
לעאָן לעווקאָוויטש 179
(אסתר) עדיטאַ רימפעל 181
משה וואַלדמאַן 182
העניק זעלצער 184
קלאַראַ הערצמאַן 184
מאַרעק מענדריטש 184
בראָניסלאַוו שניידער 185
סאַמועל גאָלדפאַרב 185
אָטטאָ האַבינגער 185
סאמועל זיידמאן 186
רודאָלף מענקיצקי 187
העניק לאַנגערמאַן 188
אַננאַ אייגער 188
עלזשביעטאַ באַגלייטער 189
אָסקאַר שאוער 189
אָסקאר אוערבאך 189
מאַרילאַ ספעט־אָפענהיים 189
יוזעף מאלערמאַן 189
העלענע ריפפעל 190
ד"ר לאוטערבאַך 190
ד"ר דבורה פאָגעל 191
האַלינע (חנה) ראָזענמאַן 192
אָזיאַש ראָזאַניעצקי 192
משה לייבאָווסקי 194
יאַקוב שער 195
אומאַ אָלקעניצקאַ 196

זייט
יאַקוב מושניק 174
בן־ציון מיכטאָן 198
יאָסל קאַגאַנס 199
בן־ציון קיט 200
משה פרעזמאַ 200
שמעון מאָרעיסקער 201
לידיאַ קלעבאַנאָוואַ 201
פאַניע לעוו 202
נפתלי וויניג און יוזעף טעפער 202
יעזשי פוקס 203
יוזעף אווין 205
מאיר באַלאַבאַן 207
אורעליע גאָטליב 210
סעווערין גאָטליב 212
בן־ציון גרינבאום 214
מאַקסימיליאַן גאָלדשטיין און קאַרל
דרעזדנער 216
הרב שמעון הובערבאַנד 219
מיכאל ווינציער 221
שמעון זייטשיק 224
אברהם זיינפעלד 227
לעאָן סטראַקון 229
נתן פרילוצקי 231
מיעטשיסלאַוו שטערלינג 234
פוילישע און יידישע פּלאַסטיקער
אין די קאַמפן קעגן דעם היטלע־
ריסטישן אָקופּאַנט 237
נ אָ כ וו אָ ר ט 245
אינדעקס פון נעמען 249

אינהאלט

	זייט
עליקס פרידמאן	5
ברהם פרידמאן און זיין פרוי ינא (האלפערן)	12
מעון פיאסעצקי	17
ושה פסאכים	20
יזאק פערעל	22
ן-ציון צוקערמאן	25
ניעלא צוקער	29
אמועל ציגלער	32
יים און יאקוב ציטרין	35
אקוב ציטרינאָוויטש	38
ערש צינא	41
מאניסלאווא צענטנערשווער	44
אָאַכים קאהאנע	50
ואָלף-וויטאל קאפלאנסקי	53
נה קאָוואלסקא	56
אטאן קאָזשען	59
אָאַכים קאָרנבליט	64
וליא קייל (רינגעל)	67
ענריק קונא	71
מיל קונקע	78
ארטשין קיץ	81
רטור קלאר	84
רעדעריק (פריץ) קליינמאן	87
אָמאן קראמשטיק	90
יזאק קזשעטשאנאָווסקי	97
ענריק ראבינאָוויטש	99
ערנארד ראָלניצקי	103
עאָן ראָזענבלום	105
אָמאַן ראָזענטאַל	108
אַטאַן ראָזענשטיין	111

	זייט
פישל רובינליכט	113
אַלעקסאַנדער רימער	115
משה רינעצקי	119
מענדל רייף	123
נאַטאַן און אירענאַ רייגנעווירץ	129
עמיל שינאַגעל	131
ברונאַ שולץ	137
משה שוואַנענפעלד	142
נאָרבערט שטראָסבערג	146
יוזעף שליווניאַק	148
נאַטאַן שפיגעל	151
הענריק שערער	154
יידישע פלאַסטיקער פון פארשידענע שטעט אין פוילן	159
לוציאַ וועלטשער-שווייגער	161
ראָזע צימערמאַן	162
רענא שענברון	163
אַדעלינע פערלמוטער	163
מיכאל גאָנסקי	163
זיגמונט מעסער	164
העלענא גלאַגאָווסקא	165
אַלעקסאַנדראַ מאַניקאָוו-סקורעצקאַ	165
בועז דולמאַן	166
בן-גים	166
בנימין מילער	167
שלמה ניסענבוים	167
אברהם מיכאַלאָוויטש	168
אַנטאָני ראַפאַפּאָרט	169
גיזעלאַ וואָזשיק	169
דוד ריבטער	170
הענריק (באַסקל) שפיגעל	173

שטערלינג מיעטשיסלאַוו, ב. 2: 62, 234 — 235.
שטערלינג קאַראָל, ב. 1: 152.
שטערן אברהם, ב. 1: 41.
שטערן אַנאַטאָל, ב. 2: 130.
שטערן ישראל, ב. 1: 70.
שטערן יאָנאַס, ב. 1: 31; ב. 2: 18, 242.
שטראַסבערג נאָרבערט, ב. 2: 146—147.
שטריק הערמאַן, ב. 1: 198, ב. 2:25.
שטרענג הענריק (מאַרעק װלאָדאַרסקי) מאַרעק ב. 1: 107; ב. 2: 191, 241.
שימאַנאָווסקי װאַצלאַװ, ב. 1: 117.
שינאַגעל עמיל ד״ר., ב. 1: 31; ב. 2: 131 — 136. ,
שיק אַרטור, ב. 1: 47; ב. 2: 172, 210, 217.
שיק זלמן, ב. 2: 28.
שליוװניאַק יוסף, ב. 1: 10, 17; ב. 2: 51, 148 — 150, 160, 168, 171.
שלעװינסקי װלאַדיסלאַװ, ב. 1: 119.
שלענדזשינסקי לודאָמיר, ב. 1: 90, 225.
שנייד אָטאָ ד״ר., ב. 2: 101.
שניידער בראָניסלאַװ, ב. 2: 185.
שניידער עווא, ב. 1: 26.
שענברון רעגינא, ב. 2: 163.
שענקער פראַנטשישקא, ב. 2: 162.
שעכטער דוד, ב. 2: 169.
שער יאַקוב, ב. 1: 227; ב. 2: 195.
שערמאַן, ב. 1: 26.
שערער העטריק, ב. 1: 92; ב. 2: 154 — 155.
שפיגעל הענריק (כאַסקל), ב. 2: 173.
שפיגעל נאַטאַן, ב. 1: 128; ב. 2: 149, 151 — 153, 171, 172.
שפעט־אָפּענהיים מאַרילא, ב. 1: 155; ב. 2: 240.
שפערבער זיגמונט, ב. 2: 183.
שטשיגלינסקי הענריק, ב. 2: 106.
סטזשעלעצקי יאַנוש, ב. 2: 241.
שטשעפּאַניעװסקי ד״ר, ב. 1: 187.
שטשעפּקאָװסקי יאַן, ב. 1: 117, 118 ב. 2: 188, 242.

אַרטעס (קינסטלער־גרופּע). ב. 1: 108.
ייווא (יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט), ב. 2: 28.
בלויער רייטער (קינסטלער־גרופּע), ב. 1 67.
האַגענבונד (ווינער קינסטלער־פאַראייניקונג), ב. 1: 117.
זאַכענטאַ (טאָװאַ זאַכענטאַ שטוק פּיענקניך), ב. 1: 41.
זשעלינסקי י. נ. — אַנשטאַלט, ב. 1: 119
יעדנאָרוג (קינסטלער־גרופּע), ב. 1: 141
באַרטאָשעװיטש־מוזיי אין לאָדזש, ב. 1 129.
מוזיי א. נ. פון מ. בערסאָן, ב. 1: 19 41, 181; ב. 2: 208.
מערקישעס מוזעום, בערלין, ב. 1: 132.
סאַלאָן פון קאַטערבי, וואַרשע, ב. 1: 70 163.
סאַלאָן פון קריוולטאַ, וואַרשע, ב. 1: 176
סטאַרט (קינסטלער־גרופּע אין לאָדזש), ב. 2: 109.
סטודיא (קונסט־זשורנאַל, לאָנדאָן), ב. 1 97.
אַלגעמיינע אויסשטעלונג אין פּויזן (1929 י.), ב. 1: 120.
צייכנשול פון קאַצענבאָגען, ב. 1: 47.
שטוקאַ (פּוילישע קינסטלער־פאַראייניקונג קראָקע), ב. 1: 95.

ר

ראַבינאָוויטש הענריק, ב. 1: 17; ב. 2: 42, 99 — 102, 160.
ראַוויטש מלך, ב. 1: 67.
ראַווסקאַ דאָראַ, ב. 1: 206.
רייזען זלמן, ב. 2: 183.
רייזען שרה, ב. 2: 193.
רובענשטיין ד״ר., ב. 1: 133.
ראַפּאַפּאָרט אַנטאָני, ב. 2: 169.
ראַפּאַלאָווסקי אַלעקסאַנדער, ב. 2. 242.
ראָבימשעק, ב. 1: 26.
ראָגאָיסקי סטאַניסלאַוו, ב. 2: 69.
ראָדאַקאָווסקי הענריק, ב. 1: 8.
ראָדען א., ב. 1: 8, ב. 2, 74.
ראָזאַניעצקי אָזיאַש, ב. 1: 30; ב.2: 192.
ראָזע נאָרבערט, ב. 2: 202.
ראָזענבלום לעאָן, ב.2: 105 — 107.
ראָזענבערג, ב. 1: 28.
ראָזענטאַל ראָמאַן, ב. 2: 108 — 110, 111, 160.
ראָזענמאַן האַלינאַ (חנה), ב. 2: 192.
ראָזענפעלד בנימין, ב. 1: 20; ב. 2: 242.
ראָזענשטיין נאַטאַן, ב. 2: 111 — 112, 238.
ראָזענשטיין־סאַנדאַוער עלאַ, ב. 2: 237.
ראָטבוים יעקב, ב. 2: 148.
ראָלניצקי בערנאַרד, ב. 2: 103 — 104.
ראָם, ב. 1: 26.
ראָמאַנדאַ (ווירע שינאַגעל), ב. 2: 132.
ראָמאַנאָווסקי מיעטשיסלאַוו, ב. 1: 125.
ראָמער יעזשי, ב. 1: 119.
ראָקאָ לאָדראָוויקאַ, ב. 1: 136.
ראָשטשישעווסקאַ זאָפיאַ, ב. 1: 125.
רובין, ב. 2: 193.
רובטשאַק יאַן, ב. 1: 200; ב. 2: 94.
רובינליכט פישל, ב. 2: 113 — 114.
רודזקאַ ציבים האַננאַ, ב. 2: 240.
רומקאָווסקי חיים מרדכי, ב. 1: 21, 23, 26, 70.
רונגע אטא, ב. 2: 181.
רושטשיץ פערדינאַנד, ב. 1: 118; ב. 2: 54.
ריעפּין איליא, ב. 1: 8; ב. 2: 61, 116.
רימבאָ זשאַן אַרטור, ב. 2: 90.
רימער אַלעקסאַנדער, ב. 2: 79, 115, 118.
רימפּעל עדיטאַ, ב. 2: 181.
רינגעלבלום עמנואל ד״ר., ב. 1: 14, 112, 133, 199, 236; ב. 2: 219.
ריניעצקי משה, ב. 2: 103, 119 — 122.
ריכטער לודוויק, ב. 2: 84, 86.
ריפּפּעל העלענאַ, ב. 2: 189.
רייטמאַן י., ב. 2: 184.
רייכענווירץ נאַטאַן און איזענאַ, ב. 2: 129 — 130
רייף מענדל, ב. 1: 10; ב. 2: 123 — 128, 190, 217.
רענואַר פּיער, ב. 1: 8, 162; ב. 2: 13, 15, 92, 172.

ש

שאַגאַל מאַרק, ב. 1: 67, 147; ב. 2: 58, 191, 233.
שאַוער אָסקאַר, ב. 2: 189.
שאַל יאַקוב ד״ר., ב. 2: 191.
שלום עליכם ב. 1: 29.
שהם מתתיהו, ב. 2: 161.
שעלסקאַ מאַריאַ, ב. 1: 107.
שולץ ברונא, ב. 1: 32; ב. 2: 137 — 141.
שוקאַלסקי סטאַניסלאַוו, ב. 2: 146, 235.
שוואַנענפעלד משה, ב. 2: 18, 142—145.
שוואַרץ מאַרק, ב. 1: 47, 66; ב. 2: 51, 175.
שענקעוויטש הענריק, ב. 2: 61.
שוואַרצוואַרד, ב. 2: 166.
שטיין אַלעקסאַנדער, ב. 1: 56.
שטענצעל מאַוריצי, ב. 1: 175.

צענטנערשווער סטאַניסלאַוואַ, ב. 1: 30; ב. 2: 44, 49, 160, 233.

ק

קאַגאַנאָווסקי אפרים, ב. 1: 236; ב. 2: 61.
קאַגאַנס יוסף, ב. 2: 199.
קאַהאַנע יאַאַכים, ב. 2: 50 — 52, 173.
קעיל־רינגעל יוליאַ, ב. 2: 30, 67 — 70.
קאָמאַצקי סטאַניסלאַוו, ב. 1: 172; ב. 2: 101.
קאַמינסקי זיגמונט, ב. 2: 93.
קאַמינסקאַ אידא, ב. 1: 68, 70; ב. 2: 148.
קאַמינסקאַ אסתר רחל, ב. 2: 113, 196.
קאַנאַרעק עליאַש, ב. 1: 78.
קאַנדינסקי וואַסילי, ב. 1: 176; ב. 2: 188.
קאַסטאַר ד"ר, ב. 1: 26.
קאַסירער פּאַול, ב. 1: 198.
קאַספּאַריס פּראָפּ. ד"ר., ב. 1: 26.
קאַספּראָוויטש יאַן, ב. 1: 125.
קאַפּלאַן קאַפּלאַנסקי, ב. 2: 193.
קאַפּלאַנסקי וואָלף וויטעל, ב. 2: 53 — 55.
קאַפּצען אברהם, ב. 1: 23.
קאַציזנע אַלטער, ב. 1: 124.
קאַצענעלסאָן יצחק, ב. 1: 49, 51, 53, 66, 68.
קאַרגעל רעד., ב. 1: 112.
קאַרין מ., ב. 2: 193.
קאַרני אַלפאָנס, ב. 2: 242.
קאָוואַלסקאַ חנה, ב. 2: 56, 58.
קאָוואַלסקי וויערוש לעאָן, ב. 1: 178.
קאָוואַלסקי לייב, ב. 2: 56.
קאָוואַלעווסקי (פּראַלאַט), ב. 1: 239.
קאָוואַרסקי פּעליציאַן, ב. 1: 93, 94, 150, 158, 201; ב. 2: 69, 101.
קאָווגער יוסף, ב. 1: 23.
קאַזשען נאַטאַן, ב. 2: 59—63, 149, 171.
קאָטאַרבינסקי מ., ב. 1: 150; ב. 2: 154.
קאַלוויץ קעטע, ב. 1: 198.
קאָן י. ל., ב 2: 168.
קאָנאָפּניצקאַ מאַריאַ, ב. 1: 125, 176.
קאָפּערא פּעליקס, ב. 1: 95.
קאָקאָשקאָ אָסקאַר, ב. 2: 88.
קארא ק., ב. 1: 180.
קאָרינט לאַוויס, ב. 2: 92.
קאָרנבליט יאָאַכים, ב. 2: 64 — 66, 168.
קובין אַלפרעד, ב. 2: 88, 140.
קונא הענריק, ב. 1: 9, 39, 51, 118; ב. 2: 69, 71, 77, 93, 101, 242.
קונקע עמיל, ב. 2: 78 — 80, 115.
קורבע גוסטאַוו, ב. 1: 180.
קיט בן־ציון, ב. 1: 45; ב. 2: 200.
קיאָווסקי, ב. 2: 7.
קינסטלינגער, ב. 1: 28.
קיסלינג משה, ב. 2: 210.
קיץ מאַרטשין, ב. 1: 32; ב. 2: 81—83, 217.
קירכנער ערנסט לודוויק, ב. 2: 88.
קלאר אַרטור, ב. 2: 84 — 86, 217.
קלאָפּאַצקאָ, ב. 1: 151.
קליינמאַן פרידעריק־פריץ, ב. 2: 87, 89, 217, 228.
קליינזינגער איזאַק, ב. 2: 169.
קלעע פּאַול, ב. 2: 188.
קלעבאַנאָוואַ לידיא, ב. 2: 201.
קעניגסבערג דוד, ב. 2: 227.
קערמיש יוסף ד"ר, ב. 2: 113.
קערנער ה. , ב. 2:177.
קראַטקאַ בער, ב. 1: 239; ב. 2: 113.
קראַיעווסקי יוליוש, ב. 2: 238.
קראַמשטיק ראָמאַן, ב. 1: 9, 11, 15, 16, 18, 37, 75, 193; ב. 2: 45, 90 — 96, 101.
ק־אַשינסקי זיגמונט, ב. 2: 72.
קרופּ, ב. 2: 246.
קרבא עמיל, ב. 2: 162.
קרעסטין לאַזאַר, ב. 1: 218.
קזשיזשאַנאָווסקי קאָנראַד, ב. 1: 119, 185
קרישטשינסקאַ מאַרגאַריטאַ, ב. 2: 115.

פוווי דע שאַוואַן, ב. 2: 136.
פוטערמאַן פעליקס, ב. 1: 17, 242.
פיוואַצקי קסאַווערי, ב. 2: 222.
פיאסעצקי שמעון, ב. 1: 206; ב. 2: 17 —19.
פיליכאָווסקי לעאָפּאָלד, ב. 1: 104, 128; ב. 2: 170.
פינסקי דוד, ב. 2: 128.
פיסאַראָ קאַמיל, ב. 1: 8, 217; ב. 2: 46, 210.
פיק הערבערט, ב. 1: 23, 26.
פיקאַסאָ פּאַבלאָ, ב. 1: 8; ב. 2: 19.
פסאַכים משה, ב. 2: 20 — 22.
פעכשטיין מאַקס, ב. 1: 75; ב. 2: 88.
פערלמוטער אַדעלינא, ב. 2: 163.
פערלע יהושע, ב. 2: 228.
פערעל איזאק, ב. 2: 22 — 24.
פרץ יצחק לייבוש, ב. 1: 29, 30, 239; ב. 2: 61, 113.
פפענפערט פראַנץ, ב. 1: 232.
פפעפערבערג יאַקוב, ב. 2: 176, 177, 178.
פרוסט מאַרצעל, ב. 2: 107.
פראַנאַשקאָ אַנדזשעי, ב. 2: 181.
פרושינסקי טאַדעוש, ב. 2: 168.
פרושקאָווסקי טאַדעוש, ב. 1: 78, 159, 161, 185, 186, 204; ב. 2: 45, 60, 88, 93, 101, 154.
פרילוצקי נח, ב. 2: 7, 45, 47, 231—233.
פריסטאָר (דעפּוטאַטין צום סיים), ב. 1: 59.
פרעגער יעקב, ב. 2: 175, 183.
פרעזמא משה, ב. 2: 200.

פ

פאַלאַט יוליאַן, ב. 1: 117, 118, 119; ב. 2. 92.
פאָגעל דבורה, ב. 2: 182, 191.
פאָל קריסטאָף, ב. 1: 22, 47.
פוקס יעזשי, ב. 2: 203.
פיאָלקאָווסקי, ב. 1: 151.
פינקעלשטיין שמואל, ב. 1: 23, 47, 128, 245 — 247.
פירענס פאַול, ב. 1: 84.
פישער, ב. 2: 177.
פייגעל, ב. 1: 26.
פייט — ברידער, ב. 2: 181.
פיין, ב. 2: 126, 189.
פיינינגער ליאָנעל, ב. 2: 188.
פייערינג מאַקסימיליאַן, ב. 2: 101.
פליסאַק-קאָנאַרסקאַ ה., ב. 2: 145.
פליישמאַן סטאַניסלאַוו, ב. 1: 118.
פערעצקא מאריא, ב. 1: 224.
פעדאַקאָוויטש, ב. 2: 181.
פענסקע קאַרל היינץ, ב. 1: 29.
פערסטער קאַראָל, ב. 2: 132, 241.
פעפער דוד, ב. 2: 77.
פראַזשעט יוזעף, ב. 2: 68.
פרידמאַן אברהם, ב. 1: 10, 151; ב. 2: 12 — 16, 23, 239.
פרידמאַן פעליקס, ב. 1: 10, 14, 17, 173, 242; ב. 2: 5, 11, 42, 163, 193, 215.
פרידריך קאַספער דאַוויד, ב. 2: 84.
פרישמאַן דוד, ב. 1: 49, 53.
פריי יוסף, ב. 2: 203.
פרעליך ד"ר, ב. 1: 26.

צ

ציקער אַניעלא, ב. 2: 29 — 31 68.
ציקערמאַן בן-ציון, ב. 2: 25 — 28.
ציבים — רודזקא האננא, ב. 2: 240.
ציגלער שמואל, ב. 2: 32 — 34.
צימרין חיים און יאַקוב, ב. 2: 35 — 37.
צימערמאַן רוזשע, ב. 2: 162.
צימערמאַן רורוזשע, ב. 2: 162.
צינא הערש, ב. 2: 41 — 43.
צינק פלאָריאַן, ב. 1: 116; ב. 2: 105.
ציעשלעווסקי, ב. 1: 151.
צעלניקער איזאַק, ב. 1: 46.

נוימאַן אברהם, ב. 1: 9, 196, 118, 214—220; ב. 2: 171, 177, 213.

ס

סאַנדעל יוסף, ב. 1: 226.
סאַרין בער (משה לעווין), ב. 1: 221—223.
סאָבאַטשעווסקי אַלעקסאַנדער, ב. 2: 208.
סאָלדינגער אַנטאָני, ב. 2: 176, 177.
סאָסנאָווסקי אסקאר, ב. 2: 224, 225.
סאָקאָלאָוו נחום, ב. 2: 152, 153.
סוטין חיים, ב. 2: 25, 173, 194, 210.
סוליקאָווסקא (אַ פּירשטין), ב. 1: 119.
סוצקעווער אברהם, ב. 1: 229; ב. 2: 196.
סוצקעווער רחל, ב. 1: 9, 91, 224—230.
סוריקאָוו וו. י., ב. 1: 8; ב. 2: 61.
סטאַזשינסקי יוליוש, ב. 1: 225.
סטאַווסקי משה, ב. 2: 126.
סטאַניסלאַווסקי יאַן, ב. 1: 62, 216; ב. 2: 73, 92, 105, 106, 234.
סטעפאַניוק וואַסילי, ב. 1: 124.
סטעפּענס אָסקאַר, ב. 1: 29, 30; ב. 2: 49.
סטערל ראָבערט, ב. 1: 47; ב. 2: 116, 117.
סטראַקון לעאָן, ב. 1: 206; ב. 2: 15, 47, 101, 164, 167, 229 — 230.
סטריענסקא זאָפיא, ב. 2: 170.
סטרינקעוויטש פראַנטשישעק, ב. 2: 77.
סטזשעלעצקי יוליוש, ב. 2: 240.
סטזשעמינסקי וולאַדיסלאַוו, ב. 1: 178.
סיבולסקי קאַזשימיזש, ב. 1: 107; ב. 2: 101, 146.
סיניאַק פּאַל, ב. 2: 58.
סיעראָוו וו. א., ב. 2: 61.
סלאַדקי מאַרצעלי, ב. 1: 231 — 234.
סלוצקא — קעסטין חוה, ב. 1: 227.
סלעפּאַגט מאַקס, ב. 2: 92.
סעגאַל לאַזאַר, ב. 1: 204; ב. 2: 194.
סעגאַלאָוויטש ז. ב. 1: 68; ב. 2: 62.
סעווערין טאַדעוש, ב. 1: 200.
סעקשטיין געלע, ב. 1: 235 — 238, ב. 2: 77.
סקאַלאַוו, ב. 2: 27.
סקאָטשילאַס וולאַדיסלאַוו, ב. 1: 150, 151, 159, 161; ב. 2: 90, 93.
סקרודליק מיעטשיסלאַוו, ב. 2: 101.
סקורניק אברהם, ב. 2: 239.

ע

עדעלמאַן נאַטאַן, ב. 1: 30: ב. 2: 169.
עטקין רוזשע, ב. 1: 196; ב. 2: 242.
על גרעקאַ, ב. 1: 51, 208.
עליאַסבערג אברהם, ב. 1: 230.
עליאַוויטש מאַקס, ב. 1: 17, 173, 239—242; ב. 2: 11.
עליאָוויטש סטעפאַניאַ, ב. 1: 240.
ענגעלסבערג לעאָן, ב. 2: 242.
עפּשטיין הענריק, ב. 2: 171 — 173.
עפּשטיין יהודה, ב. 1: 218; ב. 2: 25, 194.
עפּראָן שיינע, ב. 2: 66.
ערב ערנאַ, ב. 1: 243 — 244.

פּ

פּאַוטש פראַנטשישעק, ב. 1: 118; ב. 2: 17.
פּאַנקעוויטש יוזעף, ב. 1: 118, 153, 154.
פּאַסקין יוליוש, ב. 2: 210.
פּאַראַנדאָווסקי יאַן, ב. 2: 75, 242.
פּאַרעצקי פראַנצישעק, ב. 2: 238.
פּאָדאָסקי יאַנוש, ב. 1: 78.
פּאָבוואַלסקי קאַספּער, ב. 1: 119; ב. 2: 132
פּאָל ד״ר, ב. 1: 28.
פּאָמעראַנץ ב., ב. 1: 236.
פּאָ עדגאַר, ב. 2: 140.
פּוזשעט יאַציעק, ב. 2: 132.
פּוזשעט לודוויק, ב. 1: 117; ב. 2: 69.

מ

מאַדעיסקער שמעון, ב. 2: 201.
מאַדעיסקער סאָניאַ, ב. 2: 201.
מאַטוס דינה, ב. 2: 175.
מאַטיס יענרי, ב. 1: 8; ב. 2: 19, 90, 92.
מאַטעיקאָ יאַן, ב. 1: 8, 176.
מאַיאַקאָווסקי וולאַדימיר, ב. 1: 205.
מאַיאָל אַריסטיד, ב. 1: 8, 194.
מאידא־מינץ באָגדאַנאַ, ב. 1: 55.
מייזיל נחמן, ב. 2: 57.
מאַלטשעווסקי יאַצעק, ב. 1: 119, 125, 126, 174; ב. 2: 73.
מאַלטשעווסקי ראַפאַל, ב. 1: 162.
מלאַך לייב, ב. 2: 175.
מאַלעץ באָגומילא, ב. 2: 238.
מאַהלער פסח, ב. 2: 238.
מאַלערמאַן יוזעף, ב. 2: 189.
מאַן וואָלף, ב. 1: 188—189.
מאַנגער איציק, ב. 1: 68, ב. 2: 126.
מאַנדעלבאַום אפרים, ב. 1: 190—193.
מאַנדעלצווייג ראפאל, ב. 1: 89.
מאַניקאַוו־סקורעצקא אַלעקסאַנדראַ, ב. 2: 165, 238.
מאַנעט עדוואַרד, ב. 1: 8, 217.
מאַקאָווסקי טאַדעוש, ב. 1: 173; ב. 2: 101.
מאַרגאָלעס העדהאַ, ב. 1: 23.
מארק איגנאצי, ב. 2: 234.
מארק פראנץ, ב. 1: 67.
מארקאָוויטש ארטור, ב. 1: 96, 118, 119; ב. 2: 121, 176, 177, 179, 180.
מאָדזעלעווסקא, ב. 1: 120.
מאהאלי נאָדזש, ב. 2: 188.
מאדיגליאני אמאַדעא, ב. 2: 173, 210.
מאלדאו פ., ב. 2: 192.
מאָבע קלאד, ב. 1: 8.
מאָשטשיצקי איגנאצי, ב. 1: 131, 178.
מראווסקי (רעקטאָר), ב. 2: 68.
מאָרדעלאָווסקי מאריאן, ב. 1: 225.
מאָשקאָווסקא אורשולא, ב. 1: 194.
מאָשקאָווסקי רישארד, ב. 1: 194 — 196; ב. 2: 242.
מאָשקאָווסקי קאזשימיעזש, ב. 1: 194.
מוטשניק יאקוב, 1: 174 — 175.
מונדלאק רעגינע, ב. 1: 10, 14, 197־199.
מוסאָליני בעניטאָ, ב. 2: 241.
מיטארסקי ווילהעלם, ב. 2: 106.
מיכאלאק אַנטאָני, ב. 1: 78, 81.
מיכאלאוויטש אברהם, ב. 2: 168.
מיכאלאָווסקי פיאטר, ב. 2: 234.
מיכטאן בן־ציון, ב. 2: 198.
מילעווסקא ה., ב. 1: 229.
מילער בנימין, ב. 2: 166.
מילער שמעון, ב. 1: 200 — 203.
מינקאָווסקי מאוריצי, ב. 1: 239; ב. 2: 45, 105, 193, 215, 232, 233.
מינץ בנימין, ב. 1: 240; ב. 2: 7.
מיצקעוויטש אַדאַם, ב. 1: 125; ב. 2: 74, 97.
מלאָדזשאַנאָווסקי טשעסלאַוו, ב. 2: 93.
מעהאָפער יוזעף, ב. 1: 119, 190; ב. 2: 73, 92, 101.
מענדעלסאָן אברהם, ב. 1: 204 — 205; ב. 2: 126.
מענדעלסאָן משה, ב. 2: 181.
מענדריטש מארעק, ב. 2: 184.
מענקיצקי רודאָלף, ב. 2: 187, 218.
מענקעס אַניעלאַ, ב. 1: 208 — 210.
מענקעס זיגמונט, ב. 2: 217, 218.
מעסער אַדאָלף, ב. 2: 176.
מעסער זיגמונט, ב. 2: 164.
מערזער אריה, ב. 2: 173.
מערמעלשטיין אַנאַ, ב. 2: 169.
מערמעלשטיין ה., ב. 2: 169.
מערקעל יעזשי, ב. 1: 176; ב. 2: 90, 108.
נאָדעל ארנא, ב. 2: 194.
נאָדעלמאַן האליגאַ, ב. 1: 212 — 213.
נאָדעלמאַן עליע, ב. 1: 9. 212; ב. 2: 45.
ניימאַן, ב. 1: 9.



שמעון פּיאַטעצקי — שטיל־לעבן (גוּאַש).

משה פסאַבים

פרויען־פּאָרטרעט (אייל).



בן ציון צוקערמאַן   די ווילנער שול (איל).



בן ציון צוקערמאַן   אַ געסל אויפן אַנטאָקאָל (אין ווילנע) אַקוואַרעל.

אַניעלאַ צוקער — קרעמעניצער מאָטיוו (האָלץ־שניט).

סאַמועל ציגלער — וואַרעמס (האָלצשניט).



סאמועל ציגלער — די שול אין קוזמיר (האָלצשניט).

הענריק ציטרין: פרויען־פּאָרטרעט (אַקוואַרעל).

ברוידער ציטרין — אַ מאַרק אין ווינטער (אייל).

הערש צינא — א געסל אין קרעמעניץ (אײל).

סטאניסלאווא צענטנערשווער — פאָרטרעט פון דער מאָלערינס טאָכטער (אייל).



יאָאַכים קאַהאַנע — אַ ייד (מעטאַלאָפּלאַסטיק).

יאָאַכים קאַהאַנע — אַ מאָנאַך (מעטאַלאָפּלאַסטיק).



וואָלף וויטאַל קאַפּלאַנסקי   דער הויף פון דער ווילנער שול (אייל).

נאטאן קאזשען — הייזלעך (אייל)

יאָאַכים קאָרענבליט — דאָס געטאָ אין רוים (איל)

יוליאַ קײל־רינגעל　　　　נאָרוויד (סקולפּטור)

יוליאַ קייל־רינגעל — די שוישפּילערין באַרשטשעווסקאַ

הענריק קונא   אַדאַם מיצקיעוויטש   (פראגמענט פונעם דענקמאל).

8431 — 19



העניק קונא   פּאָרטרעט פֿונעם פּאָעט וויעזשינסקי.

הענריק קונא — אַ מיידל מיט אַ קראַנץ

עמיל קונקע   אַ ייד פון מיטלאַלטער (אייל).



מאַרשין קיץ — אַ שטעטל (אייל)

מאַרטשין קיץ   א יריד צווישן ביימער (אייל)



אַרטור קלאַר א פּייזאַזש (אויל)

פֿריץ קליינמאַן ייִדן מיט אַ ספר־תורה (צייכענונג).

פריץ קליינמאַן — פאַנטאַזיע (צייכענונג)

ראָמאַן קראַמשטיק   פרויען־פּאָרטרעט (אייל).



ראָמאַן קראַמשטיק — פּאָרטרעט פונעם פּאָעט לעכאָן (אייל).



ראָמאַן קראַמשטיק — דרום־פּיזאָוש (איל)

ראָמאַן קראַמשטיק — א נעגער מיט אַ פלייט (אייל).

איזאַק קושטשאנאָווסקי — פיגורן=קאָמפּאָזיציע (גראַפיק).

איזאַק קושטשאַנאָווסקי — א קברן (צייכענונג)

העגריק ראַבינאָוויטש — חרבות (אויל).



הענריק ראַבינאָוויטש　　　　פּייזאַזש (אייל)



בערנאַרד ראָלניצקי

הבדלה־טאַנץ (אייל)

לעאָן ראָזענבלום — פּאַריז בײַנאַכט (אײל)



לעאָן ראָזענבלום — ווינטער־פּייזאַזש (אייל)



ראָמאַן ראָזענטאַל — שטיל־לעבן (אייל).



ראובאן ראָזענטאל — הײזלעך (אײל).



נאַטאַן ראָזענשטיין   אַ זשווויר=מאַשין (גראַפיק)

פישל רובינליכט

א באַרעליעף אויף דער מצבה
פון א. ר. קאַמינסקאַ

משה רינעצקי

ביים אייוועלע (פאַסטעל)

משה רינעצקי — אַ יידישער בעטלער (אייל).



rys. M. Reif

Miłośnik sztuki

מענדל רייף — סאַטירישע צייכענונג אין דער צייטשריפט „שפּילקי“.



מענדל רייף

סאטירישע צייכענונג אין דער צייטשריפט „שפילקי“.

אַ צימער אויף דער אויסשטעלונג — אירמע און נאטאן רייכגעווירץ

עמיל שינאגעל • אַ קראָקעווער דראָזשקע (אייל).

ברונאָ שולץ — א וויזיט ביי א קראַנקן (צייכענונג)



ברונאָ שולץ   אילוסטראַציע צו אַ בוך (צייכענונג)



משה שוואַנענפעלד — פרויען־פּאָרטרעט (סקולפּטור)



נאָרבערט שטראסבערג — ישיבה־בחורים (קויל־צייכענונג).

יוזעף שליוואַיאַק

די זונה פון יריחו (מעטאלאָפּלאסטיק),
דעוואסטירט דורך די היטלעריסטן.

יוזעף שליווניאַק   פרויען־קאָפּ (מעטאַלאָפּלאַסטיק)

באַטאַן שפּיגעל — א בעל־מום (אייל).



נאַטאַן שפּיגעל — הייזלעך (אייל)

הענריק שעריער　　　פאַרטאָג (אייל).

לוציא וועלטשער-שוויגער

פּאָרטרעט פון העברעישן דיכטער
מתתיהו שהם



פאָרטרעט פון וולאַדיסלאַוו לין
(סקולפּטור)

מיכאל גאָנסקי

העלענא גלאָגאָווסקא — מוטערשאַפֿט (סקולפּטור).

אַלעקסאַנדריאַ מאַניקאָוו־סקורעצקא פּאַסטושקעס (אייל).

בועז דולמאַן — אַ ייד (איל).

בן גים   אַ סוד (אייל).

סטאַניסלאַוו אַזוראַנסקי   כריזאַנטעמעס (אייל).



ר. אײנשטײן
פּײזאַזש (אַקוואַפאָרטע)

גיזעלאַ וואַזשיק   פרויען־פּאָרטרעט (אַקוואַרעל)

טאַדעוש טרעמבאַטש

פּייזאַזש (אַקוואַרעל)

לאסקער קלעזמאָרים (מעטאַל־פּלאַסטיק).

הענריק כאַטמאָוויטש — א פרוי מיט א שעפעלע (מעטאלאָפּלאַסטיק).

הענריק שפיגעל א מצה־טאץ (מעטאלאָפּלאסטיק).



יוזעף באַדאָווער

אַ וואַסערטרעגער (אייל)



לעאָן לעוואָוויטש   א קאָפּ פון א ייד (אייל)



שבתי זאק מאלעריי אויפן סופיט פון א שול (פרעסק).

א דעקל פון א עקאַטולע (מעטאַלאָפּלאַסטיק) — שבתי זאַק

בראָניסלאַוו שניידער

סאַטירישע צייכענונג
אין דער צייטשריפט „שפּילקי“

שמואל זיידמאַן — פּאָדאָלער לאַנדשאַפט (איל)



רודאלף מעטריצקי – עקס ליבריס (גראפיק)

אָזיאַש ראָזאַנוּעצקי   הונגער (אַקוואַרעל)

בן ציון מיכטאָם　　　　　　פראָיעקט פון א הילע צו א בוך

פאני לעוו — אקט (אייל).

רשימה פון רעפּראָדוקציעס צום II באַנד

פעליקס פרידמאַן — שופר־בלאָזן (אייל)
פעליקס פרידמאַן — מענער־פּאָרטרעט (אייל)
פעליקס פרידמאַן — שטיל־לעבן (אַקוואַרעל)
אברהם פרידמאַן — פרויען־פּאָרטרעט (אייל)
אברהם פרידמאַן — שטיל־לעבן מיט אַן אַקט (אייל)
גינא האַלפּערן־פרידמאַן — פּראָיעקט פון א הילע צו א בוך
שמעון פּיאַסעצקי — שטיל־לעבן (גואַש)
משה פּסאַכיס — פרויען־פּאָרטרעט (אייל)
בן־ציון צוקערמאַן — די ווילנער שול (אייל)
בן־ציון צוקערמאַן — אנטאָקאָל (אין ווילנע) (אַקוואַרעל)
אַניעלע צוקערמאַן — קרעמעניצער מאָטיוו (האָלצשניט)
סאַמועל ציגלער — וואַרעמס (האָלצשניט)
סאַמועל ציגלער — די שול אין קוזמיר (האָלצשניט)
הענריק ציטרין — פרויען־פּאָרטרעט (אַקוואַרעל)
ברידער ציטרין — אַ מאַרק אין ווינטער (אייל)
העריש צינא — אַ געסל אין קרעמעניץ (אייל)
סטאַניסלאַוואַ צענטנערשווער — פּאָרטרעט פון דער מאָלערינס טאָכטער (אייל)
יאָאַכים קאַהאַנע — אַ ייד (מעטאַלאָפּלאַסטיק)
יאָאַכים קאַהאַנע — אַ מאָנאַך (מעטאַלאָפּלאַסטיק)
וואָלף וויטאָל קאַפּלאַנסקי — הויף פון דער ווילנער שול (אייל)
נאָטאַן קאָזשען — הייזלעך (אייל)
יאָאַכים קאַרנבליט — דאָס געטאָ אין רוים (אייל)
יוליא קייל־רינגעל — נאַרוויד (סקולפּטור)
יוליא קייל־רינגעל — אַרטיסטן פון די וואַרשעווער בינעס, באַרשטשעווסקא (סקולפּטור)
הענריק קונא — אַדאַם מיצקעוויטש (פראַגמענט פון דענקמאָל)
הענריק קונא — פּאָרטרעט פון פּאָעט וויעזשינסקי (סקולפּטור)
הענריק קונא — אַ מיידל מיט אַ קראַנץ (סקולפּטור)
עמיל קונקע — אַ ייד פון מיטלאַלטער (אייל)
מאַרטשין קיץ — אַ שטעטל (אייל)

מאַרטשין קיץ — אַ מאַרק צווישן ביימער (אייל)

אַרטור קלאַר — אַ פּייזאַזש (אייל)

פריץ קליינמאַן — ייִדן מיט אַ ספר־תורה (צייכענונג)

פריץ קליינמאַן — פאַנטאַזיע (צייכענונג)

ראָמאַן קראַמשטיק — פרויען־פּאָרטרעט (אייל)

ראָמאַן קראַמשטיק — פּאָרטרעט פון פּאָעט לעבאַן (אייל)

ראָמאַן קראַמשטיק — פּייזאַזש (אייל)

ראָמאַן קראַמשטיק — אַ נעגער מיט אַ פלייט (אייל)

איזאַק קושעטשאַנאָווסקי — פיגורן־קאָמפּאָזיציע (גראַפיק)

איזאַק קושעטשאַנאָווסקי — אַ קברן (צייכענונג)

הענריק ראַבינאָוויטש — חורבות (אייל)

הענריק ראַבינאָוויטש — פּייזאַזש (אייל)

בערנאַרד ראָלניצקי — הבדלה־טאַנץ (אייל)

לעאָן ראָזענבלום — פּאַריז ביינאַכט (אייל)

לעאָן ראָזענבלום — ווינטער־פּייזאַזש (אייל)

ראָמאַן ראָזענטאַל — שטיל־לעבן (אייל)

ראָמאַן ראָזענטאַל — הייזלעך (אייל)

נאָטאַן ראָזענשטיין — אַ זשווירע־מאַשין (גראַפיק)

פישל רובינליכט — אַ באַרעליעף אויף דער מצבה פון א. ר. קאַמינסקאַ

משה רינעצקי — ביים אייוועלע (פּאַסטעל)

משה רינעצקי — אַ ייִדישער בעטלער (אייל)

מענדל רייף — סאַטירישע צייכענונג פון דער צייטשריפט „שפּילקע"

מענדל רייף — סאַטירישע צייכענונג פון דער צייטשריפט „שפּילקע"

אירענע און נאָטאַן ריינגעווירץ — אַ צימער (אויסשטעלונג)

עמיל שינאַגעל — אַ קראָקעווער דראָזשקע (אייל)

ברונאָ שולץ — אַ וויזיט ביי אַ קראַנקן (צייכענונג)

ברונאָ שולץ — אילוסטראַציע — (צייכענונג)

משה שוואַנענפעלד — פרויען־פּאָרטרעט (סקולפּטור)

נאָרבערט שטראַסבערג — ישיבה־בחורים (קויל־צייכענונג)

יוזעף שליווניאַק — אַ זונה פון יריחו (מעטאַלאָפּלאַסטיק) דעוואַסטירט דורך די היטלעריסטן

יוזעף שליווניאַק — פרויען־קאָפּ (מעטאַלאָפּלאַסטיק)

נאָטאַן שפּיגעל — אַ בעל־מום (אייל)

נאָטאַן שפּיגעל — הייזלעך (אייל)

הענריק שערער — פּאָרטאַג (אייל)

לוציאַ וועלטשער־שוויגער — פּאָרטרעט פון העברעישן פּאָעט מתתיהו שהם

מיכאל גאַנסקי — פּאָרטרעט פון וולאַדיסלאַוו לין (סקולפּטור)

העלענאַ גלאָגאָווסקאַ — מוטערשאַפט (סקולפּטור)

אַלעקסאַנדראַ מאַניקאָווסקי־רעצקאַ — פּאַסטוישקעס (אייל)

בועז דולמאַן — אַ ייִד (אייל)

בען גים — אַ סיד (אייל)

סטאַניסלאַוו איזדאַנסקי — בריזאַנטעמעס (אייל)

ר. איינשטיין — פּייזאַזש (אַקוואַפּאָרטע)